STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06968

AZYATISHE DERTSEYLUNGEN

Sh. Dayksel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אזיאטישע דערציילונגען

ש. דייקסעל

צווייטער באנד

אויסגאבע: „פונקען", ניו יארק
1924

COPYRIGHT 1924
BY
SAMUEL DAIXEL

Published by
THE GROUP "FUNKEN"
New York, 1924

אזיאטישע דערציילונגען

ש. דייקסעל

אינהאַלט:

	זייט
פוןביידע זייטן גראַטעם	55 - 7
צו גאַסט ביי קירעי־כאַנ׳ען	122 - 57
דער אלטער סאַלים	134 - 123
דער גאָט פון אָפּיום	147 - 135
אויפ׳ן אלטן טיאַן־שאַן	164 - 149
דאָס רויטע פעלד	200 - 165
וועגן באָגדעכאַן טאַי־טזון	218 - 201
אויף די ברעגן פון סיר־דאַריאַ	156 - 218

פון בײדע זײַטן גראַטעס

פוןביידע זייטן גראַטעס

.1

די „קאַץ" איז געווען די איינציקע פרוי אין אסטראָג, די איינציקע פרוי אויף 328 מענער, דריי־פערטל פון וועלכע זיינען געווען געפערלאַכע פאַרברעכער.

איין טייל פון די ארעסטאַנטן איז שוין געווען פאַראורטיילט צו לענגערע אָדער קירצערע טערמינען „קאַטאָרזשנע אַרבעט" און בלויז געוואַרט אויף'ן עטאַפּ, וועלכער האָט זיי, דורך אַ קייט אַנדערע תפיסה'ס, געדאַרפט צושטעלן קיין סיביר. דער צווייטער טייל האָט זיך געריכט אויף ענלאַכע אורטיילן און אויסערלאַך לחלוטין גלייכגילטיק צו זיין שיקזאַל, האָט דאָך טיף אין זייערע נשמות געטליעט אַ האָפנונג אויף עפּעס אויסערגעוויינלאַכעס, אויף אַ נס, וועלכער וועט מיט איין מאָל צורייסן זייערע קייטן און ברייט צעעפענען פאַר זיי די אייזערנע טויערן פון זייער געפענגניש.

„די פרייהייט!" אין דעם איינציקן וואָרט איז פאַר זיי געווען איינגעשלאָסן דער אָנפאַנג, ציל און דער סוף פונ'ם לעבן מיט אַלע זיינע פאַרגעניגנס. „די פרייהייט!" וועגן איר האָט מען גערעדט מיט ברייט אָפענע, פאַרטרוימטע אויגן, מיט בליקן פול מיט טרויער און אָפט מיט פאַרצווייפלונג. פאַר איין קורצער ווײַלע פרייהייט וואָלטן פילע, ניט טראַכטנדיק, אָפּגעגעבן דעם רעשט פון זייערע אַלע יאָרן, וואָלטן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיינע נייע פאַרברעכנס און אפילו מיט'ן פרייז פון אַ מאָרד געעפנט פאַר זיך די טויערן פון אסטראָג.

און די שוואַרקסטע, די וואַנזיניקסטע צוציאונגס קראַפט אויף דער פרייהייט זיינען געווען די פרויען, די פולע מעגלאַכקייט צו קומען אין די נאָענטסטע באַציאונגען מיט זיי, ווילד זעטיקן דעם הונגער, אַפט פון יאָרן, מיט זייערע לאַסקעס, מיט זייערע לייבער.

א ווייטער פרויען קוויטש אָדער אַ קלינגענדיקער פרויען געלעכטער, וועלכע האָבען זיך אַמאָל אַריבערגעקייקלט איבערן פאַרקן פונ׳ם אַסטראָג, זיינען געווען אימשטאַנד אויפצוטרייסלען אַלע צעלען. דער קלאַנג פון די קייטן פלעגט אין איין אויגנבליק שטיל ווערן און צעהנדליקע מענער פלעגן ווי פאַרגליווערט ווערן אין די פּאָזעס, אין וועלכע זיי האָבן זיך געפונען, מיט די קעפּ אויסגעשטרעקט אויף פאָראויס און מיט די אויערן געשפּיצט אין דער ריכטונג פונ׳ם קלאַנג. זייערע אויגן האָבן געפינקלט, די נאָזלעכער ברייט צועפנט און אויסגעזען האָבן זיי דאַן ווי יאַגד־הינט, ווען זיי דערפילן אין דער לופט דעם ריח פון דער געזוכטער חיה.

און ווען דער קלאַנג האָט זיך שוין מער ניט איבערגע׳חזר׳ט, אָדער איז ביסלאַכוויים אָפּגעשטאָרבן אין דער ווייטקייט — פלעגן זיי ווי ווילדע זיך אַ לאָז טאָן שפּאַנען איבער זייערע שטיינער, אויפגערעגט רייבנדיק די הענד.

— פאַרשאָלטענע! וואָס פייניגן זיי דאָ אונז?... זאָלן זיי אונז בעסער דערשיסן!...

און צענדליקע אויגן האָבן בייז געפינקלט, צענדליקע הענט האָבן זיך אין פויסטן געבייַלט און דורך די פעסט־צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן האָבן זיך ווילדע קללות געריסן און שווער צו דער ערד געפאַלן.

און אָט דיזע אַלע אָנגעשטרענגטע חושים פון די 328 מענערפאַרברעכער, זייער ברויזנדיקע, אָפט צאָרנדיקע, ליידנשאַפט, איז אימער געווען געווענדעט צום איינציקן קוואַל אין זייער מיט שפּיז און אייזן פאַרצאַמטן וועלטל — צו דער „קאַז.״

און אָפט פלעגן זיי ביז שפּעט אין דער נאַכט זיצן צוזאַמענגעדריקט, קופּעסווייז אויף זייערע בעטלאַך און אויסטראַכטן צי־

נישע מעשות וועגן דער „קאַץ". און ווילדע, טירישע אויסגעשרייען האָבן געצאַמטע אין זייערע שטימען זיך געטונקען, וואַנזין האָט אין זייערע שוואַרצאַפּעלס געטאַנצט און זייערע צינגער האָבן ניט געקענט נאָס מאַכן די הייסע, טרוקענע גומענס און ליפּן. ביינאַכט פלעגן זיי זי אַ נאַקעטע אין זייערע חלומות זען, זי קושן, שטיקער פון איר קערפּער רייסן, קרעכצנדיק אין קאָנוואולסיעס זיך וואַרפן אויף די געלעגערס און זיך אויפכאַפּן מיט אַ פיינלאַכן האַרץ־קלאַפּעניש, באַגאָסענע מיט קאַלטן שווייס.

און ווען מען פלעגט זיי אין דער פריה אַרויסלאָזן אויף דעם שפּאַציר, האָבן אַלעמענס בליקן דאָס ערשטע, — „זי" אויפ'ן ברייטן הויף געזוכט, און יעדער איינער האָט צו איהר געמוזט אַ שמייכל טאָן, איר אַן איינגעצאַמטן גוט־מאָרגן זאָגן, אָדער אַ ציניש וווערטל צוואַוואַרפן.

און זי איז געשטאַנען אַן אַ זייט, קיינעם קיין וואָרט ניט געענטפערט, געהיט יעדן איינעמס באַוועגונגען, אַ פּאַרטיקע צו יעדער סעקונדע אָנצופאַנגען אַ קאַמף. און היטן האָט זי זיך געדאַרפט ניט נאָר פאַר די אַרעסטאַנטן, נאָר אויך פאַר די וועכטער, וועלכע האָבן זיך ממש געוואָרגן, פרעסנדיק מיט די בליקן איר יונגן, גראַציעזן קערפּער.

דער איינציקער מאַן, וועמען די „קאַץ" האָט צוגעלאָזן נאָענט צו זיך, איז געווען דער אַלטער סאַרט, אַבאַ־איזמעט, וועלכער איז געזעסן פאַר עפּעס אַ קליינער גנבה.

ביידע פלעגן זיי אָפט זיצן אויפ'ן גראָז, נעבן „אַריק" (אַ באַוואַסערונג טייכל), מיט די פיס אונטער זיך און שטיל צווישן זיך ריידן. ער האָט ליב געהאַט דערציילן וועגן זיין אַמאָליקן רייכטום, ווען סטאַדעס פון הונדערטער, ניט־געצאַמטע, ברענענדיקע פערד האָבן זיך איבער זיינע אייגענע סטעפּעס אַרומגעטראָגן, ווען ער, אַבאַ־איזמעט, האָט געהאַט דריי ווייבער, הונדערט קעמלען און די צאָל פון זיינע שאָף האָט דערגרייכט איבער פופצן טויזנט... און פון אַלעם איז גאַרניט געבליבן... אַלעם האָבן ביי אים שלעכטע מענטשן אַוועקגענומען.

זי פלעגט אים דערציילן ווענן איר קינדהייט אין דעם ווייטן דארף, דארטן עטוואס רעכטס, וואו די ווייס־קעפיקע שניי־בערג שטייען, מיט שרעק און טרערן אפט איבערגע'חזר'ט די געשיכטע, ווי איר פאטער האט זי פארקויפט צו דעם אלטן, עקלהאפטן שיבלי כאראדאן פאר 500 רובל... זי איז דאן 16 יאר אלט געווען, האט געפילט ווי מיט די קינדער אין גאס זיך צו שפילן. א דערשראָ־קענע, א וויינענדיקע האט זי זיך צוערשט אנטזאגט מיט איר מאן צו גיין, אבער דער פאטער האט באפוילן און זי האט געפאלגט.

אך, אללא, ווי גוט ס'איז איר געווען אין דארף ביים פוס פון זייער בארג!... זי פלעגט א גאנצן טאג זיך ארומטראגן איבער'ן וואלד, וואס איז נעבן זייער דארף געלעגן, פלעגט קלע־טערן אויף די העכסטע שטיינער, שפרינגען גלייך מיט די בארג־ציגן איבער די אפגרונדן, זיך שפילן מיט די גאלד און זילבער־שאטנס פון די פארשנייטע שפיצן און מיט די גרויע און וויאלעט־שאטנס פון די טאלן און בארג־שפאלטן. אך, ווי גוט עס וואלט איר געווען, ווען ניט דער שרעקלאכער, אלטער שיבלי, וועלכער האט זי צו זיך אין דארף אוועקגעפירט און זי גענומען אלע נאכט פייניגן... וואס האט ער געהאט צו איר? זי איז דאך געווען אזוי געהארכזאם: האט אלעם געטאן, וואס ער האט נאר גע־פאדערט. פארוואס האט ער זי אלע נאכט א נאקעטע געשמיסן?!

— נו, שטיל, קינד! — האט זי דער אלטער בארואיקט. — דער אלמעכטיקער אללא און זיין נביא מאהאמעד וועלן שוין פון אצינד אן אפהיטן דיין וועג... זיי רואיק. די רוסישע ריכטער וועלן זען, אז דו ביזט ניט שולדיק, זיי וועלן דיך באפרייען און צוריקשיקן אין דיין דארף אריין.

זי האט מיט טיפן גלויבן אים געקוקט אין די אויגן. געווישט די אנלויפנדיקע טרערן און איר קאפ האט זיך געדרייט אין דער ריכטונג פון די שניי־בערג, וועלכע האבן זי שטיל גערופן צו זיך מיט זייערע פארביקע שטימען.

דער אלטער איזמעט איז געווען דער איינציקער, ניט־געפער־

לאַכער פאַר איר, מענטש אין דעם אַרומיקן ים פון ברוויזנדער ליידנשאַפט, וואוהין מען האָט זי אַריינגעוואָרפן.

און אָט דאָס שטענדיקע געפאַר, דאָס אימער זיין אויף דער וואַך, האָט אין דעם יאָר צייט, וואָס זי האָט זיך אין אַסטראָג געפונען, ביי איר אויסגעאַרבעט אַ מין באַזונדערן קעצישן גאַנג; אַ מין, בלויז אויסערליך רואיקע, באַוועגונג פאָרויס, וועלכע איז אין שטענדיקער ערוואַרטונג אויף אַן אָנפאַל און קען צו יעדער רגע אין אַ שפרונג פאַרוואַנדלט ווערן.

און קעמפן פלעגט זי אויך ווי אַ קאַץ: מיט די ציין און אויסערגעוויינלאַך שאַרפע נעגל און אירע קולות האָבן געלעכערט די לופט אויף עטלאַכע מיילן אַרום.

פילע פון די אַרעסטאַנטן און אויך אייניקע וועכטער זיינען כמעט שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט צוקראַצטע הענט און פּנים׳ער און אַלע האָבן שוין, גאָרניט פרעגנדיק, געוואוסט, אַז דאָס האָבן זיי געפּרואווט אַ גלעט אָדער אַ קוש טאָן די „קאַץ״.

פאַר דער צייט, וואָס זי איז געווען איינגעשפּאַרט, האָט מען זי צוויי מאָל פאַרגוואַלטיקט. דאָס ערשטע מאָל האָבן צוויי וועכטער זיך ביינאַכט אַריינגעגנב׳עט צו איר אין צימערל און זי באַפאַלן. איינער פון זיי האָט דערפאַר באַצאָלט מיט אַ האַלב־אָפּגעריסענעם אויער און אויף ביידנס פּנים׳ער איז נאָכער אַ שרעק געווען אַ קוק צו טאָן: אַזוי צורונצלט זיינען זיי געווען פון אירע נעגל. ביידע האָבן זיי אופּי׳ן צווייטן טאָג געמוזט פאַרלאָזן זייערע שטעלעס.

דער אויפזעער איבער׳ן אַסטראָג וואָלט אפשר געווען פאַר־שטיקט די גאַנצע געשיכטע, וועלכע איז פאַר אים אַליין געווען זייער ניט אָנגענעם, אָבער אירע שרעקלאַכע קולות אין מיטן נאַכט האָבן איבערגעשראָקן דעם סאָלדאַט אין דרויסן אויף דער וואַך. ער האָט געגומען שיסן אין דער לופטן, מיינענדיק, אַז אין אַסטראָג איז אַ בונט. ס׳איז געוואָרן אַ טרעוואָגע. עס איז גלייך אָנגעלאָפן די וואַך מיט די שפּיזן פאָרויס. מען האָט זיך באַלד דער־וואוסט וועגן דעם אין שטאָט און פאַרשווייגן דעם סקאַנדאַל איז

שוין געוואָרן אוממעגלאַך. מען האָט די זאַך ווי עס איז פאַר־גלעט, אָבער די צוויי אָנגעשטעלטע האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע פלעצער.

דאָס צווייטע מאָל האָבן עטלאַכע אַרעסטאַנטן אונטערגע־קויפט איינעם פון די סאָלדאַטן, וועלכער האָט זיי געהיט בייטאָג, ווען זיי האָבן אין הויף אַרומגעשפּאַצירט. ער האָט זיך פאַרקוקט אָן אַ זייט און זיי האָבן מיט איין מאָל פון אַלע זייטן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איר. מען האָט איר פאַרשטאָפּט דאָס מויל, זי פאַר־שלעפּט אין אַ ווינקל אונטער אַ געדיכטער רייע קוסטן. שרייען רופן נאָך הילף, האָט זי ניט געקענט. געקעמפט האָט זי אָבער פאַרצווייפלט. צוויי וואָכן איז זי נאָכער געלעגן אַ קראַנקע אין האָספּיטאַל. אירע אָנגרייפער האָט מען שפּעטער לייכט געפונען נאָך די פריש צודראַפּעטע הענט און פּנים׳ער. מען האָט זיי גע־שמיסן און צום לאַנגן צעטל פון זייערע שוין באַשטראָפטע, אָדער ניט באַשטראָפטע פאַרברעכנס, איז צוגעקומען נאָך איינער. זיי אַליין זיינען געווען זייער צופרידן: וואָס איז דער חילוק, צען יאָר קאַטאָרזשנע אַרבעט מער אָדער צען יאָר וויניקער?

דער אויפזעער איבער׳ן אַסטראָג, פון דער נאַטור אַ פיינער, גוטמוטיקער אַלטער, האָט דאַן צונויפגערופן אַלע אָנגעשטעלטע און זיי קאַטעגאָריש געלאָזט וויסן, אַז פאַר יעדער קלייניקייט, וואָס וועט געשען מיט דער „קאַץ", וועט מען זיי גלייך איבער־געבן צום מיליטערישן געריכט.

מער קיין פאַרזוכן אויף איר זיינען שוין ניט געמאַכט גע־וואָרן, אָבער פון׳ם פאַרגעניגן זי אַ גלעט, אַ קוש צו טאָן, האָט זיך קיינער ניט געקענט אָנטזאָגן, און אַ גאַנץ באַדייטנדע צאָל פון די אַסטראָג איינוואוינער און וועכטער זיינען שטענדיק אַרומ־געגאַנגען מיט רויטע צייכנס אויף זייערע הענט און פּנים׳ער.

2.

מיט אַ יאָר צוריק, אין אַ גרויסן פרילינג פרימאָרגן, האָט מען אונטער אַ וואַך געבראַכט אין אַסטראָג אַריין אַ שיינע, יונגע

סאַרטישע מיידל. אין די פּאַפּירן, וועלכע דער עלטסטער פון דער וואַך האָט איבערגעגעבן דעם אויפזעער, איז געווען געשריבן: „שאַפּיקאַ כאַראַדזאַן, 18 יאָר אַלט, אַ סאַרטיאַנקע, פון מאַכמע־דאַנישן גלויבן, קומט פון דאָרף חושנאַ, פערגאַנער געגנט. זי ווערט באַשולדיקט אין הרג׳ענען מיט אַ שטיק אייזן איר מאַן שיבלי כאַראַדזאַן, 87 יאָר אַלט. דאָס פאַרברעכן איז פאָרגעקומען דעם 2טן מאַי, 12 אַזייגער ביינאַכט ביי כאַראַדזאַנ׳ען אין שלאָף־צימער. ביידע, דער אַלטער און זיין יונגע פרוי, זיינען געווען אין גאַנצן נאַקעט. ער האָט געהאַלטן אַ דינעם בייטש אין זיין טויטער האַנט, און איר לייב איז געווען בלוטיק צופּאַסעוועט פון שמיץ. דער בייטש מיט׳ן שטיק אייזן זיינען צוגערעכנט צו די באַווייזע".

אין עטלאַכע אַנדערע פּאַפּירן איז געווען פאַרשריבן דאָס עדות־זאָגן פון די שכנים ארום כאַראַדזאַנ׳ס הויז. אַלע האָבן זיי דערציילט, אַז דער אַלטער שיבלי איז געווען זייער אַ שלעכטער, האָט זיך אָפט געקויפט שיינע, יונגע ווייבער און פלעגט זיי פאַר־מוטשן מיט זיינע אומנאַטירלאַכע ליידנשאַפטן. לעצטן יאָר איז איינע פון זיינע פיר ווייבער געשטאָרבן און זיי דיינקען, אַז דאָס האָט ער זי פאַרמוטשעט. שאַפּיקאַ׳ן האָט ער געקויפט מיט 16 חדשים צוריק און זיי פלעגן ביינאַכט אָפט הערן איר געוויין און קרעכצן. זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָס פּייניקט ער זי. קיינער האָט זיך ניט געוואָלט אריינמישן: דער אַלטער איז געווען זייער רייך און געהאַט אַ סך פריינט צווישן די רוסן.

דער אויפזעער פונ׳ם אַסטראָג האָט שאַפּיקאַ׳ן עפּעס אַ פרעג געגעבן. זי האָט אָבער געקאָנט בלויז עטלאַכע רוסישע ווערטער און מיינענדיק, אַז דער אויפזעער און די אָנגעשטעלטע וועלן זי טאַקע גלייך אויפ׳ן אָרט משפּט׳ן, האָט זי זיי שנעל גענומען עפּעס דערציילן אויף איר שפּראַך און האָט יעדעס מאָל מיט אַ מין קינ־דערשער אומשולד אַנטפּלעקט אַן אַנדער טייל פון איר ברוין־מאַטאָוון, פּרעכטיקן קערפּער און זיי געוויזן בלוטיקע צייכנס.

און די אַרומיקע מענער האָבן אָפּגעקערט פון איר זייערע

בליקן, פונקט ווי זיי וואלטן עפעס באהאלטן אין זייערע אויגן און מורא געהאט מען זאל עס ניט דערזען.

און זי, דיינקענדיק, אז דאס זיינען זיי אזוי אומצופרידן מיט איר טאט, האט קינדעריש־בעטנדיק געקוקט אויף זיי מיט אירע שווארצע מאנדל־אויגן, נאך שנעלער, ציטערנדיקער זיי גענומען דערציילן איר געשיכטע, זיי געוויזן אירע שטייפע רונד־פלאטערנ־דיקע בריסט, וועלכע זיינען געווען מיט נאדלען צושטאכן און טרערן זיינען איבער איר שיינעם, עטוואס מאנגאלישן, פנים געלאפן. — — —

ווען איר קליינע, שלאנקע פיגור האט זיך, אין צייט פון שפאציר, צום ערשטען מאל באוויזן אין הויף צווישן די ארעס־טאנטן, איז דער גאנצער אסטראג אויף א ווייל ווי פארגליווערט געווארן. אלע זיינען שטיין געבליבן אויף זייערע פלעצער מיט ברייט צועפנטע אויגן און אפילו דער קלאנג פון זייערע קייטן איז באוועגלאז געבליבן הייגנען אין דער לופטן. דערנאך האט זיך אנגעהויבן א געלויף, א שטופעניש ארום איר, א פארטויבנדיקער רויש פון שטימען און קייטן.

און זי, שאפיקא, האט זיך פארשטופט אין א ווינקל, טיף ארייננערוקט די הענט אין די קעשענעס פון איר גרויען ארעס־טאנטן־מאנטל און ניט זיכער געקוקט אויף די פארוואקסענע מענטשן אין קייטן, וועלכע האבן זיך אין א געדיכטער, האלב־קייל־אכדיקער וואנט צונויפגעשטופט ארום איר.

צוערשט האט דער אסטראג גערעדט וועגן דער שיינער סאר־טיאנקע מיט פרייד און זארגפעלטיקייט, ווי גרויסע, איינזאמע מענטשן וועגן א קינד, וואס פארבלאנדזשעט צו זיי. שפעטער, ווען עס זיינען אנגעקומען די הייסע טעג, ווען די בוימער האבן זיך מיט אן אויסערגווינלאכער שנעלקייט צוריק אנגעטאן אין א געדיכטן טוך פרישע בלעטער, ווען די לופט איז געדיכט און שווער געווארן, אז אנגעלאדענע פון שנעלן צוויטן, און די גראזן האבן איינפאך די ערד אונטער די פיס געריסן און געוואלט אין וואוקס דעם מענטשן איבערשטייגען — דעמאלט זיינען איין מאל

אין אַ פֿינסטערער נאַכט הונדערטער בײז־פֿינקלענדיגע שאָטנדלאָך פֿון דער ערד אַרויסגעשפּרונגען, אַרײַנגעשװעבט אין יעדער צעל און אין יעדן אײנעמס ברוסט זיך אַרײַנגע'גנב'עט און שטיל געבליבן דאָרטן ליגן.

און ערשט אויפֿ'ן צװײטן טאָג, װען שאַפּיקאַ איז דאָס ער־שטע מאָל אַרויס אויפֿ'ן שפּאַציר, שױן אָן איר גרויען תפֿיסה־מאַנטל, בלויז אין אַ לײַכטן זומער כאַלאַט, האָבן די שטילע בײז־פֿינקלענדיקע בײנאַכטיקע שאָטנדלאָך זיך אַ ריר געטאָן אין יעדנס ברוסט און אַ פֿינקל געטאָן פֿון יעדנס אויגן. אַלעמענס פּנים'ער זײַנען מיט אַמאָל געװאָרן אָנגעשטרײַנגט און פֿאַרכמורעט.

דער אַסטראָג האָט מיט אַמאָל דערזען דעם פֿלאַטער פֿון אירע רונדע, שטײפֿע בריסט, דערפֿילט דעם סוד פֿון איר יונגן קערפּער, װעלכער האָט װי אַ באַרג־טײַך אין פֿרילינג מיט אַ װילדן אימפּעט זיך געריסן פֿון אירע שלאַנקע גלידער. און אַלע, אַלט און יונג, האָבן מיט אײן מאָל דערהערט די רופֿנדיקע, װילד־פֿרײדיקע ריט־מישע קלאַנגען פֿון אירע ביז אַהער אַזעלכע שטילע טריט און ניט־הערבאַרע באַװעגונגען...

און װאָס װײַטער זײַנען די נעכט אַלץ שװאַרצער און שטי־קענדיקער געװאָרן און די קלײנע בײז־פֿינקלענדיקע שאָטנדלאָך — געדיכטער און גרעסער. זײ האָבן זיך שױן ניט באַהאַלטן מער, נאָר פֿרײ געשפּרונגען אין אַ װאַנזיניקן טאַנץ פֿון אײן צעל צו דער צװײטער, פֿון אײן בעטל אויפֿ'ן אַנדערן און, זיך צובויגנדיק צו יעדן אײנעם, אים עפּעס געהײמניספֿול אין די אויערן אַרײַן גערוימט.

און מענטשן האָבן זיך אומרואיק געװאָרפֿן אין זײער שלאָף, מענטשן זײַנען געלעגן אין גאַנצן אָן שלאָף אויף זײערע געלעגערס און מיט שטאַרע אויגן אין דער פֿינסטערער נאַכט אַרײַן געקוקט. און אַנדערע האָבן זיך פֿון זײערע געלעגערס געהויבן און קלינגנדיק מיט זײערע קײטן זיך צו די פֿענסטער געשטופּט און אימיצען אַ קללה אין דער שטערנדיקער נאַכט אַרײַן געװאָרפֿן.

און אויפ'ן צווייטן טאָג האָבן צענדליקע שאַרפע בליקן שאַ־פיקאַ'ס קערפּער געשטאָכן, ליפּן האָבן זיך ציטערנדיק אין אַ שמייכל געקרימט און הענט, אין קרעמפּס צוזמענגעדרייטע, האָבן זיך צו איר יונגנט געצויגן.

דערצו נאָך האָט מען אין אַסטראָג זיך דערוואוסט וועגן דער־געשיכטע פון איר פאַרברעכן. און דאָס, וואָס זי איז שוין געווען אַ פאַרהייראַטע פרוי און וואָס מען האָט זיך אַ נאַקעטע געפונען מיט'ן טויטן מאַן אין צימער — האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם וואַנזין, וועלכער האָט געברענט אירע טריט. גיך האָט זי שוין אין צייט פון שפּאַציר ניט געהאַט וואוהין זיך אַהינצוטאָן : מען האָט זי פון אַלע זייטן געגלעט, געקניפּט, זיך געריסן זי צו קושן און געמאַכט איר די שמוציקסטע פאָרשלאָגן.

די ערשטע פּאָר טעג האָט זי זיך ווי פאַרלאָרן. געשטאַנען אַ צוגעדריקטע צום וואַנט, אַרומגערינגלט מיט האַלב ווילדע מע־נער און זיך געקאַרטשעט אונטער'ן שטראָם ציניש
ע רייד און ליידנשאַפטלאַכע באַרירונגען.

ביי די וועכטער האָט זי קיין שוץ ניט געפונען, די סאָלדאַטן פון דער וואַך זיינען געווען פיל ערגער און חוצפּה'דיקער פון די אַרעסטאַנטן און בּיסלאַכווייז איז זי אין דער „קאַץ" פאַרוואַנדלט געוואָרן.

3.

דער וועג, איבער וועלכן עס זיינען דורכגעגאַנגען די 21 יאָרן פון ניקיטאַ סעדאָוו'ס לעבן, איז געווען אַ גרויזאַם שווערער. זיין פאָטער איז געווען דער טויגעניכץ, דער שיכור, דער פּאַיאַץ פונ'ם גאַנצן דאָרף, און יעדער איינער האָט זיך געקאָנט ערלויבן פון אים אַ ניכטערן חוזק צו מאַכן און אַ שיכור'ן אים אין די ציין אַריין דערלאַנגען. די פאַראַכטונג פון די אַרומיקע צום פאָטער האָט זיך אויך אַריבערגעטראָגן אויף זיין פאַמיליע : דאָס גאַנצע דאָרף גויעס האָט זיך געהאַלטן פון ווייטנס פון ניקיטאַ'ס מוטער און אים אַליין מיט זיין קלענערער שוועסטערל, מאַרקאַ, האָבן אַלע קינדער פון זיך געטריבן, זיך ניט געוואָלט מיט זיי שפּילן און זיי

געראָפן מיט׳ן פּאַטער׳ס צונעמען. די גאַנצע אָרומיקע וועלט האָט זיך ווי אָנגעלייגט אויף דעם קליינעם ניקיטאַ און ווער ס׳האָט נאָר געהאַט העזה, האָט אים געשלאָגן: דער שיכור׳ער טאַטע, די פאַרביטערטע, אויסגעמוטשעטע מוטער, די שכנים, די אינגלאַך פון דעם גאַנצן דאָרף. ער פלעגט זעלטן וויינען, זיך אפילו ניט פּרוּוון פאַרטיידיקן, נאָר אַם מערסטן אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן. און שפּעטער, זיצנדיק אַ צושלאָגענער, אָפּט אַ צובלוטיקטער מיט דער שוועסטערל, פלעגט ער זי פאַרזיכערן:

— הערסט, מאַרקאַ, ווען כ׳וועל אויסוואַקסן, וועל איך קויפן אַ לאַנגן, לאַנגן, שאַרפן מעסער און זיי אַלעמען אויסקוילן!

— דעם טאַטן אויך?

— אַלעמען! דאָס גאַנצע דאָרף!

— און דער מאַמען אויך? — האָט מאַרקאַ ברייט אָנגעשטעלט אויף אים אירע גרויע אויגן.

— דער מאַמען ניט... — האָט ער נאָך אַ ווײַלע טראַכטן געענטפערט. — דער טאַטע שלאָגט זי אַליין שטענדיק... ווען איך בין איין מאָל קראַנק געווען, האָט זי געוויינט און מיר אַ נאַסע שמאַטע צום קאָפּ צוגעלייגט.

מאַרקאַ האָט צופרידן געשאָקלט מיט׳ן קאָפּ:

— דער מאַמען דאַרף מען ניט: זי האָט אונז ליב...

צו 17 יאָהר האָט ניקיטאַ דאָס ערשטע מאָל אָנגעבראָכן דעם פּאַטער די ביינער, ווען יענער האָט זיך אין אַ ביינאַכט אַריינגעריסן אין הויז און גענומען שלאָגן די מוטער.

די קלעפּ האָבן דעם אַלטן גלייך אויסגעניכטערט. ער האָט פאַרוואונדערט דורכגעריבן די אויגן און אויפמערקזאַם באַטראַכט ניטקיען.

— אַזוי, אַזוי, דו הינטישער זון, אַ רוח אין דיין מאַמען אַריין... מיך, דיין אייגענעם טאַטן, האָסטו געוואַגט צו שלאָגן?!

— אויב דו וועסט נאָך אַמאָל קומען אַ שיכור׳ער און זיך וואַרפן שלאָגן, וועל איך דיך הרג׳ענען און אַ סוף!... — האָט ניקיטאַ געענטפערט, ציטערנדיק מיט׳ן גאַנצן קערפּער,

— אזוי? ! — האָט זיך דער אַלטער פון דער באַנק אויפ־געהויבן. — הרג'ענען וועסטו מיך?... נו, און וואָס זאָל איך טאָן, ווען דאָס גאַנצע דאָרף שלאָגט מיך, מאַכט פון מיר חוזק?...

— שיכור ניט, וועסטו זיי קאָנען צוריקשלאָגן! — האָט ניקיטאַ געענטפערט, ברענענדיק פאַר כעס.

— דאָס גאַנצע דאָרף צוריקשלאָגן? — האָט דער אַלטער אים אָנגעקוקט.

— יאָ, יאָ! — האָט ניקיטאַ געשריען. — ווי הינט וועל איך זיי אויסקוילענען איינציקווייז, אויב זיי וועלן מיך נאָך טשעפּען! מיט אַ מעסער וועל איך זיי די העלזער איבערשניידן... מיט אַ מעסער!...

ווען דער אַלטער איז אַביסל שפּעטער אַריינגעקראָכן אין בעט אַריין, האָט ער אַ שטורכע געגעבן דאָס ווייב און אַ זאָג געטאָן:

— ווי געפעלט דיר די הינטישע נשמה, דאָס זונדל דיינס?... מיך געשלאָגן... ווייל דאָס גאַנצע דאָרף מוזשיקעס אויסקוילן... האַ? — און ער האָט שטיל, ווי פאַר זיך, צוגעגעבן: — אַ וואוילער יונג, כ'זאָל אזוי לעבן... גיט גוטע קלעפּ... איך וועל זיי נאָך לאַנג פילן...

און ניקיטאַ האָט געהאַלטן וואָרט. קיינעם האָט ער פון יענער נאַכט אָן ניט אָפּגעטראָטן מער דעם וועג, פאַר קיינעם מער ניט געבויגן זיין קאָפּ. פאַר יעדן שפּאָטישן בליק האָט ער געענטפערט מיט אַ באַליידיגונג, פאַר יעדן קלאַפּ — מיט צוויי צוריק. ער האָט זיך ווי פון אַ קייט אָפּגעריסן און ערשט אַצינד האָבן זיינע דאָרפסלייט דערזען דעם ווילדן פייער, וואָס ברענט אין זיינע אויגן. עס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז דער שטאַרק־סטער און געוואַגטסטער יונג אין דאָרף ניט נאָר צווישן שקצים פון זיין עלטער, נאָר אויך פון צווישן פילע עלטערע גויים. מען האָט אים אויפגעהערט צו פאַרטשעפּן און אויך צו־רו געלאָזט דעם פאָטער, ווייל ניקיטאַ האָט אָפן געלאָזט וויסן, אַז ער וועט איבערשניידן דעם האַלז דעם יעניגן, וועמעס ער וועט זיין טאַטן

שלאָגן. בלויז כאַפּטעסווייז האָבן די שקצים געוואַגט אַצינד פון אים צו שפּאַסן און זיינען אַ פּאָר מאָל אויף אים אָנגעפאַלן און אים מערדערליך צושלאָגן. זיי אַליין האָבן אָבער ביידע מאָל פּאַר דעם אַזוי טייער באַצאָלט, אַז זיי האָבן עס ניט נאָר מער ניט איבערגע'חזר'ט, נאָר געזוכט צו מאַכן מיט'ן „וואָלף" שלום.

„ניקיטקאַ־וואָלף" — דער נאָמען איז פאַר אים פאַרבליבן.

די ערשטע קלעפּ, וואָס ניקיטאַ האָט דעם פאָטער דערלאַנגט, האָבן אים ווי אָפּגעריסן פון זיין קינדהייט און פאַר אַ מאַן גע־מאַכט, האָבן באַפרייט זיינע געשמידטע הענט און געעפנט אַ דורכגאַנג פאַר דעם ברויזנדיקן האַס, וועלכער האָט זיך פאַר די 17 יאָר פון זיין לעבן אָנגעקליבן אין אים.

ווי אַ ווילדע סאָסנע, וועלכע צעוואַקסט זיך וואָס אַמאָל אַלץ העכער און ברייטער, ווי אויף צו להכעיס די אַרומיקע שנייען, קאַלטע ווינטן און פרעסט, אַזוי האָט זיך אויך ניקיטאַ'ס שוואַרץ־געקרויזטער קאָפּ וואָס אַמאָל אַלץ העכער געהויבן, זיינע פּלייצעס זיינען אַלץ ברייטער געוואָרן און דער בליק פון זיינע קליינע שוואַרצע אויגן — אַלץ ניט גלויביקער און בייזער.

—אַ וואָלף, אַן אמת'ער וואָלף! — האָט מען צווישן זיך אין דאָרף וועגן אים גערעדט. — ער וועט זיך נאָך ווען עס איז אָנפאַנגען וואַרפן אויף מענטשן און זיי בייסן.

ניקיטאַ איז 19 יאָהר אַלט געווען, ווען דעם רייכסטן פּויערס אַ זון האָט פּאַראַמגליקט זיין שוועסטער מאַרקאַ, וועלכע האָט ביי יענעם אין הויז געדינט. דער גאַנצער דאָרף האָט געוואוסט וועגן דעם און מיט שרעק און נייגעריקייט געוואַרט אויף אַ מאָרד אָדער אַ בלוטיקן געשלעג. זיי האָבן זיך אָבער אַלע אָפּגענאַרט.

אַ רואיקער, מיט אַ הילצערנעם פּנים, איז ניקיטאַ אַריין אין הויז, וואו די שוועסטער האָט געדינט, און איהר געהייסן צו־נויפנעמען די זאַכן. ער האָט גאָרניט געענטפערט דער בעל־הבית'טע, וועלכע האָט געוויינט פאַר אים, געבעטן מחילה און געוואָלט גוט מאַכן איר זון'ס פאַרברעכן מיט אַ פופציקער. אַלע מאָל האָט זי געוואָרפן אַ בליק צו דער פאַרמאַכטער טיר פון'ם

צווייטן צימער, וואו אונטער א שלאָס, מיט העק אין די הענט, זיינען געשטאַנען דער מאַן מיט'ן זון און, זיך טרייסלענדיק פאַר שרעק, געוואַרט אויפ'ן אָנפאַל. ביים אַרויסגיין האָט ניקיטאַ געוואָרפן אַ לאַנגן בליק אויף דער פאַרמאַכטער טיר און שטיל געזאָגט, באַהאַלטנדיק די אויגן:

— גאָט וועט אייך באַצאָלן... — און ער איז אַרויס מיט דער שוועסטער אין גאַס אַריין.

דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיי נאָכגעפאָלגט באַהאַלטענערהייט פון די טירן און פענסטער און זיך ניט געקאָנט אָפּחידוש'ן, וואָס אַלעס איז אַריבער אַזוי שטיל.

— ניט אַנדערש, אַז דער וואָלף איז אין אַ שעפּס פאַר־וואַנדלט געוואָרן! — האָבן זיך אַלע געוויצלט.

בלויז דער אַלטער פּאַסטוך אַנטאָן האָט ניט גלויביק גע־שאָקלט מיט'ן ווייסן קאָפּ:

— ניין, קינדערלאַך, ווי אַזוי מען זאָל קיין וואָלף ניט האָדעווען, אים ציט אַלץ אין וואַלד אַריין... כ'האָב זייער מורא, אַז ס'איז נאָך ניט די ענדע, אַז עפּעס וועט נאָך געשען... יאָ, יאָ... עפּעס וועט נאָך פּאַרקומען, קינדערלאַך מיינע...

מיט פיר וואָכן שפּעטער, אין אַ פינסטערער נאַכט, האָט זיך פּלוצלונג אָנגעצונדן דעם רייכן פּויער'ס הויז און ביז אין דער פרי איז פון זיין גאַנצן רייכטום געבליבן אַ באַרג אַש.

אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניקיטאַ'ס אַרבעט.

— נו, קינדערלאַך מיינע, וואָס האָב איך אייך געזאָגט? — האָט דער אַלטער אַנטאָן טריאומפירט. — איך קען שוין גוט די וועלפישע נאַטור... ניט אומזיסט פּאַשע איך שוין פערציק יאָר מיין סטאַדע...

מען האָט סעדאָוו'ן אַרעסטירט. ער האָט אָבער לייכט באַ־וויזן מיט עדות, אַז ער איז די נאַכט פונ'ם פייער גאָר אין דער דערבייאיקער שטאָט געווען און אָפּהאַלטנדיק אים דריי מאָנאַטן צייט פאַרשפּאַרט, האָט מען אים פריי געלאָזן.

ווען ער איז אהיים געקומען, האָט די אָרימערע טייל פונ׳ם דאָרף אים אויפגענומען ווי אַ העלד. ס׳האָבן זיך אפילו געפונען עטלאַכע בעלי־בתים, וועלכע האָבן אים געוואָלט העלפן אויפבויען זיין אָרימע אָפּגעלאָזענעווירטשאַפט. ער האָט זיי קאַלט באַדאַנקט און זיך אַנטזאָגט. זיין האַרץ איז אַצינד ניט געלעגן צו קיין באַלעבאַטישקייט: די עלטערן זיינען שוין געווען טויט און מאַרקאַ איז, אין זיין אָפּוועזנהייט, אַוועק אין דער דערבייאיקער שטאָט און איז דאָרטן פאַרפאַלן געוואָרן.

אויף אַ גאַנצן זומער פלעגט ער זיך, געוויינלאַך, פאַרדינגען צו אַ רייכן פויער אין אַ שכנה׳שן דאָרף און דעם ווינטער, אויב ער האָט קיין ארבעט ניט געקראָגן, האָט ער פאַרבראַכט אַליין אין זיין שטיבל.

די שקצים פונ׳ם דאָרף האָבן אים עטלאַכע מאָל איינגעלאַדן אויף זייערע שבת־ביינאַכטיקע שמחה׳לאַך, וואו זיי פלעגן פאַרברענגען טאַנצנדיק און זינגנדיק מיט שיקסעס ביז שפּעט אין דער נאַכט. סעדאָוו איז אָבער קיין איין מאָל צו זיי ניט געגאַנגען: די שקצים האָט ער פיינט געהאַט און פאַר די שיקסעס זיך געשראָקן. ער האָט אַליין ניט געוואוסט פון וואַנען עס קומט צו אים אַזאַ מאָדנער, ניט געוויינלאַכער געפיל. אָבער יעדעס מאָל, ווען אַ שיקסע פלעגט אויף אים וואַרפן אַ זייטיקן, רופנדיקן בליק, אָדער אַ פינקלדיקן לאַך טאָן, ווייזנדיק די ציין, האָט ער געפילט, ווי די ערד גיט זיך אַ וויג אונטער זיינע פיס און אַלעס אַרום נעמט זיך ערגעץ־וואו רוקן. ער פלעגט גלייך אַוועק, הערנדיק אָפּט הינטער זיך אַ קלינגנדיקן געלעכטער און פילנדיק ווי איר שמייכל אָדער גנבה׳שער בליק האָט זיך ווי צוגעקלעפּט צו זיין גאַנצן קערפּער און שטערט זיין גאַנג.

דאָס איינציקע מיידל אין דאָרף, אויף וועלכער זיין בליק פלעגט זיך אָפּט און דרייסטער אָפּשטעלן, איז געווען די שוואַרצינקע נאַטאַשקאַ, דעם שוסטער מיטראַנ׳ס יונגסטע טאָכטער. זי איז געווען אַ בלאַסע, אַ קרייננקלאַכע, אָפּט אַ פאַרטראַכטע. די געזונטע שיקסעס האָבן ניט זעהר גערן געפירט חבר׳שאַפט מיט

איר און זי פלעגט אָפט פאַרברײנגען איר צײַט אײנזאַם און פאַרלאָזן.

צו איר האָט ניקיטאַ געפילט אַ מין רחמנות און צוטרויען, און װען איר פלעגט ער אָפט טראַכטן אין די לאַנגע װינטער־נעכט, װען דער װינט האָט די לאָדן געריסן, בײַז אין קוימען גע־װאָיעט און סעדראָװ'ן ניט געלאָזט אײַנשלאָפן. און אָפט האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי, נאַטאַשקאַ, זיצט אין אײנעם פון די װינקלען פון זײַן שטיבל און הערט זיך אײַן פאַרטראַכט אין קלאַפּן און װײנען פונ'ם װינט.

אַמאָל אין אַזעלכע נעכט פלעגט אים װערן אומערטרעגלאַך שװער. עפּעס האָט אים געשראָקן. זײַן ברוסט פלעגט זיך װי צוזאַמענציען, ניט לאָזן פרײַ אָטעמען און די װענט פונ'ם שטיבל האָבן זיך מיט זײער גאַנצער שװערקײט אָנגעלײגט אויף זײַנע פּלײצעס. און די מוטער פלעגט דאַן פאַר אים אויפשטײן, װי זי לײגט צו אַ נאַכע שמאַטע צו זײַן קאָפּ, װען ער איז אײנמאָל אין זײַן קינדהײט קראַנק געװען...

דאַן פלעגט ער שנעל אַרױפכאַפּן אויף זיך דאָס פּעלצל מיט דער קוטשמע, און װי אַ ניט־גוטער זיך טראָגן דורכ'ן נאַכטיקן שניי אין װינט צו נאַטאַשקע'ס הויז. דאָרטן האָט ער זיך לאַנג אַרומגעדרײט פאַר אירע פענסטער, איר אויסדערצײלט זײַן שװער האַרץ, געפילט אויף זיך איר טרויעריגן, מיטפילנדיקן בליק, און נאָכער אַ פאַרפרוירענער, אַ באַרואיקטער געלאָפן אַהײם.

4.

װען מען האָט ניקיטאַ'ן אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט, האָט דאָס גאַנצע דאָרף אַביסל פרײער אָפּגעאָטעמט. אמת, די לעצטע צײַט האָט קײנער מיט איהם קײנע קריגערײען אָדער געשלעגען ניט געהאַט, זײַן אָנװעזנהײט, אָבער, די אָפּגעזונדערטקײט און די ניט־גלויביקע, װעלפישע בליקן האָבן װי געדריקט דעם געװיסן פונ'ם דאָרף, אים דערמאָנט אָן אַן עולה, װאָס איז פון אַלעמען באַגאַנגען געװאָרן נאָך קעגן אַלטן שכור סעדראָװ'ן און קעגן זײַן פרוי און קינדער.

ניקיטאַ'ן האָט אויך הנאה געטאָן, וואָס מען נעמט אים אוועק פון דאַנען. קיין זאַך האָט אים דאָ ניט צוגעהאַלטן. בלויז ביים געדאַנק וועגן דער בלאַסער, איינזאַמער נאַטאַש'ען איז אים אַביסל קאַלט געוואָרן. אַ שאַרפער וואונש איז אויסגע־וואַקסן: גלייך, לויפן צו איר, איר זאָגן, אַז מען נעמט אים אוועק פון דאַנען, אַז ער וועט זי שוין ניט קענען זען. דער וואונש איז אָבער פאַרבליבן אין אים. און די לעצטע נאַכט, איידער מען האָט אים אַוועקגעשיקט, האָט ער פאַרבראַכט אין גאָרטן אַרום איר הויז, זיך צוגע'גנב'עט צום פענסטער און לאַנג זיך איינגעקוקט אין נאַטאַשקע'ן, וועלכע איז געזעסן ביים טיש און עפּעס גענייט.

אַזוי האָט ער זיך פון וויטנס מיט איר שטיל געזעגנט, זי אַפילו אין זיין פאַרשטעלונג קיין קוש ניט געטאָן און איז גאַנץ פרי אוועק מיט אַ צוזאַמענגעדריקט האַרץ צו זיך אין שטיבל. — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין קאַזאַרמע איז ניקיטאַ ביסלעכווייז געקומען צו זיך. דאָס וועלפישע אין זיין בליק האָט גענומען פאַרשווינדן, אָבער מענטשן האָט ער ניט שטאַרקער ליב באַקומען און איז פאַרבליבן דער זעלבער שווייגער, דער זעלבער אָפּגעשלאָסענער אין זיך. זיין איצטיגער שווייגן איז אָבער ניט געווען אַזוי דראָענדיק ווי אַמאָל, איז געווען פיל ווייכער, פיל מער מענשלאַך־אינטים.

די סאָלדאַטן האָבן געהאַט פאַר אים אָפּשיי: ער האָט ניט געטרונקען מיט זיי, זיך וויניק וואָס גע'חבר'ט און דעם טעם פון זיין קלאַפּ האָבן אַ פּאָר קריכער שוין אויסגעפּרובירט און די איבעריקע אָנגעזאָגט מיט אים זיך ניט צו פאַרטשעפּן.

דאָס מיליטער־דינסט איז פאַר אים, וועלכער האָט אַזאַ שווערען לעבען דורכגעמאַכט, געווען בלויז אַ שפּילכל און אַלע מיליטערישע קענטנישע האָט ער אויפגענומען אויפמערקזאַם אָבער גלייכגילטיק. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער, פּינקט־לאַכער סאָלדאַט, אָן איבעריקע קשיות, אויף וועלכן מען האָט זיך זיכער געקאָנט פאַרלאָזן, אָבער זיין פּינקטלאַכקייט איז ווייט ניט

געווען קיין איבערגעגעבנקייט און זיין געהאָרכזאַמקייט — א גע־קינצלטע, א פרייוויליק אויף זיך ארויפגעצוואונגענע.

די עלטסטע האָבן געהאלטן פון אים פאר זיין פלייס און פעאיקייט צו יעדער ארבעט און צום ענדע פונ׳ם יאָר, האָט מען אים דערהויבן צום ערשטן סאלדאטסקן „טשין״: מען האָט אים געמאכט פאר אן „יעפרעיטאָר״. א שמאָל ווייס זילבער בענדל האָט באצירט זיינע שליפעס.

5.

ווען סעדאָוו, קומנדיק איינמאָל אויף דער וואך אין אָסטראָג אריין, האָט צום ערשטן מאָל דערזען שאפּיקאָן, האָט זיך א לייכ־טער געפיל פון רחמנות א ריר געטאָן אין אים. עס האָט אים אליין ווי פארוואונדעט.

זי איז געזעסן אויפ׳ן גראז נעבן „אריק״ אין גאַנצן צוזאמענ־געדריקט, מיט די פיס אונטער זיך און זיך געוואַרעמט אויף דער זון. איר פנים איז געווען בלייך און אירע שווארצע מאנדל אויגן האָבן פארברענעקט געקוקט אויף די ווייטע שניי־בערג, וועלכע האָבן ביים זונען־אויפגאַנג און פארגיין געקענט אָפּט איינפאך פון זינען אראָפּפירן מיט זייער טויזנטפארביקן שפּיל.

ניקיטאַ האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן נאַטאַשקע׳ן און ביים הארצן האָט א נאָג געטאָן.

— ווי האלט מען עס אזא יונג מיידל צווישן אזוי פיל ארעס־טאַנטן?... זי זעט דאָך אויס ווי נאָך גאָר א קינד... — האָט ער א זאָג געטאָן א צווייטן סאָלדאט, טשירקינ׳ען, וועלכער פלעגט אָפּט קומען אין אָסטראָג אריין אויף דער וואך.

— ווען מיינסטו עס, די „קאַץ״?

— וואָס פאר א קאַץ?... איך רעד פון אָט דער קליינער סאַרטיאַנקע, וועלכע וואַרימט זיך אויף דער זון.

— טאַקע זי מיין איך! — האָט זיך טשירקין צולאַכט.

— פאַרוואָס זשע רופסטו זי די קאַץ?

— גיי צו און גיב איר א גלעט אָדער א קוש, וועסטו שוין אליין אויסגעפינען פארוואָס... — ער איז מיט אמאָל ערנסט

געוואָרן — און וואָס פאַר א טייוול איז זי א קינד?... ווייסטו, אז דיזע סטערווע האָט א מענשן גע'הרג'עט?!

ניקיטאַ האָט אויף אים אַ פאַרוואונדערטן בליק געטאָן.

— יאָ, יאָ. זי האָט איר איינענעם מאַן גע'הרג'עט! אים דערלאַנגט מיט א שטיק אייזן איבער'ן קאָפּ און פיו... קאַפּוט!

סעדאָוו האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו שאַפּיקאָן, זיך איינגעקוקט אין איר פאַרטראַכטן, אויסגעצערטן פּנים און זיין האַרץ האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַרקלעמט: זיין שוועסטער מאַרקאַ האָט זיך פאַר אים פּלוצלינג דורכגעטראָגן און פון הינטער איר, האָט אים אויך נאַטאַשקע איר מידן בליק צוגעוואָרפן. ער האָט שטיל געזאָגט:

— עס זיינען פאַראַן מענשן, וועלכע ס'איז א מצוה ווי משוגענע הינט אויסצו'הרג'ענען! — און זיינע אויגן האָבן ביין א פינקל געגעבן.

— פאַרשטייסט... די געשיכטע איז אַזוי געווען... — און פאַרגייענדיק זיך פון פאַרגעניגן, האָט טשירקין מיט די קלענסטע ציניזשע איינצלהייטן אים געגומען דערציילן, וואָס ער האָט פון די אָסטראָג־וועכטער געהערט וועגן שאַפּיקאָ'ס פאַרברעכן.

ניקיטאַ האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, זיין פּנים איז וואָס אַמאָל אָנגעשטרייגגטער געוואָרן און די הענט האָבן זיך אין פויסטן צונויפגעבײלט.

— ווי א משוגענעם הונט וואָלט איך דעם אַלטן פּגר דערשטיקט! — האָט ער אונטער דער נאָז ארויסגעברומט.

א יונגער ארעסטאַנט, אַ שוואַרצער, א גנב'יש בויגיקער, אן אויסגעטריקנטער ווי א סטרונע, איז מיט א שיסל אין האַנט פאַרבייגעגאַנגען ניט ווייט אין ריכטונג צו דער קיך. ער האָט ארויפגעקוקט צו די ווייס־אויסגעוואַשענע וואָלקנדלאַך און זיך צוגעפייפט אונטער'ן נאָז.

שאַפּיקאָ האָט קוים באַמערקענד אויסגעדרייט דעם קאָפּ און ווי פויל אים נאָכגעפאָלגט מיט איר בליק.

פלוצלינג האָט ער אַ וואָרף געטאָן די שיסל אויפ'ן גראָז און איז מיט איין שפרונג שוין געווען לעבן איר.

זי איז שוין אָבער געשטאַנען אויף די פיס אַ פאַרטיקע זיך צו פאַרטיידיקן. זי האָט אפילו ניט געפּרוּווט צו אַנטלויפן. אינסטינקטיוו האָט זי בלויז געמאַכט אַ פּאָר טריט אין ריכטונג צו די וואַך־סאָלדאַטן. דער אויבערשטער טייל פון איר קערפּער איז געווען אויסגעבויגן אויף פאָראויס, דער קאָפּ עטוואָס איינ־געשלאָסן צווישן די אַקסלען, די ליפּן — קעציש האַלב־צענומען, ווייזנדיק אירע קליינע, מילך־ווייסע ציינדלאַך. איר אויגן זיינען ברייטער געוואָרן און האָבן געפינקלט מיט האַס.

— איך מוז דיר אַ קוש טאָן! — האָט דער יונגער אַרעס־טאַנט אויסגעשריען זי אַרומכאַפּנדיק, — זאָלסט מיר אפילו די אויגן אויסדראַפּן!

שאַפּיקאָ'ס קוויטש איז גלייך צודריקט געוואָרן אונטער זיין האַנט און זיי האָבן זיך גענומען ראַנגלען.

די שפּאַצירנדיקע אַרעסטאַנטן האָבן זיך, ווי אַ דערשראָקענע סטאַדע, מיט איין מאָל אַ ריס געגעבן צום פּלאַץ וואו ס'איז פאָר־געקומען דער איבערפאַל און זיינען שטיין געבליבן מיט נייגעריק־פינקלדיקע אויגן.

— אַוועק צום טייוול, אָדער כ'וועל דיר די קישקעס גלייך אַרויסלאָזן!... — האָט סעדראָוו אַ געשריי געטאָן ניט מיט זיין קול, און זיך מיט אימפּעט אַ לאָז געגעבן צום אַרעסטאַנט מיט'ן שפּיז פון זיין ביקס פאָראויס.

יענער האָט געוואָרפן אויף אים אַ שנעלן בליק, נאָך זיין פּנים פאַרשטאַנען, אַז ער שפּאַסט ניט, און מיט דער זעלבער פלינקייט ווי פריער, אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק, לויפנדיק אונ־טערגעכאַפּט פון גראָז די שיסל און זיך אויסגעמישט מיט'ן שטייענדיקן עולם.

ניקיטאַ האָט אים בייז נאָכגעקוקט, געזען די אומצופרידענע בליקן פון די אַרומיקע אַרעסטאַנטן און זיך פּלוצלינג דערפילט ווי אַמאָל אין זיין היימישן דאָרף. ער האָט ניט אָפּגעווענדט זיינע

אויגן פון די צענדליקע בייזע בליקן, געפילט, ווי עפּעס צינדט זיך אָן אין זיין ברוסט, ווי שטראָמען ווילדן האַס הויבן זיך אַלץ העכער אין אים, ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ פּיינלאַך שאַרפן וואונש עפּעס גרויסעס, שטאַרקעס צו צעשטערן, אָדער זיך ארויפוואַרפן אויף ווענטן מיט די פויסטן און שלאָגן אָן רחמנות, טרעטן מיט די פיס. — — —

ער איז צו זיך געקומען, זיך ווי פאַר עפּעס דערשראָקן און גענומען לאַנגזאַם גיין אין ריכטונג צום טויער.

פּלוצלינג האָט זיך פון אונטער אים אַ פאַרשטיקטער קוויטש דערהערט. ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט.

טשירקין האָט מיט איין האַנט פעסט געהאַלטן אַרומגענומען שאַפּיקאַ'ן און מיט דער צווייטער צוזאַמענגעדריקט איר דאָס מויל. ער האָט זי לאַכנדיג געדריקט צו זיך און איר אַלץ געוואָלט אַ קוש געבן אין איינע פון אירע בריסט.

מיט אַ פאַרשטיקטן קרעכץ האָט זי זיך פון זיינע הענט געריסן און איר גאַנצער קערפּער האָט קאָנוואַלסיוו געפלאַטערט.

די אַרעסטאַנטן האָבן זיך ווידער אַ לאָז געטאָן מיט אַמאָל צום פּלאַץ, אָבער דאָס מאָל זיינען זיי שטיין געבליבן אַ ביסל ווייטער.

און ניקיטאַ'ס האַס האָט געפונען זיין אויסוועג. דער צאָרן און באַליידיקונגען, מעגלאַך, פון זיין גאַנצן לעבן, האָבן זיך אין איין רגע שטורמיש אַ הויב געטאָן פון אַלע ווינקעלאַך פון זיין באַוואוסטזיין, פאַרטונקלט די גאַנצע וועלט אַרום אים און הילכיק אַ פאָדער געטאָן זייער רעכט אויף ראַכע, אויף פאַרניכטונג. — —

מיט צוויי שפּרונגען איז סעדאָוו שוין געשטאַנען לעבן טשירקינ'ען, אַ וואַרף געטאָן די ביקס אויף דער ערד, אים אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט פאַר'ן האַלז און אויפגעהויבן אין דער לופטן.

טשירקין האָט גלייך אָפּגעלאָזן שאַפּיקאַ'ן, גענומען כאָרכלען, וואַרפן מיט די הענט און פיס. זיין פּנים איז בלוי געוואָרן, דאָס מויל האָט זיך ברייט צעעפנט.

מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן, דורך האַלב־צוגעשלאָסענע אויגן האָט ניקיטאַ געקוקט אויף זיין קרבן און געפילט ווי נאָך שטאַרקער די הענט צוזאַמענצודריקן, ביז דער קאָפּ זאָל זיך איינגאַנצן פון קערפּער אָפּטיילן. — — — ער איז אבער באַלד געקומען צו זיך, אַראָפּגעלאָזט טשירקינען אויף דער ערד און אים אַ שטויס געטאָן פון זיך.

טשירקין איז אָפּגעלאָפן עטלאַכע טריט און געפאַלן אויפ׳ן גראָז.

און פון ווייטנס האָבן זיך אין אַ האַלבן ראָד געשטופּט די אַרעסטאַנטן און נייגעריק צוגעקוקט וואָס דאָ קומט פאָר. און שאַפּיקאַ איז געשטאַנען אַ פאַרלאָרענע ביי דער זייט און ניט אָפּגעווענדעט אירע ברייט־אָפענע, ניט גלויבנדיקע, אויגן פון סעדראָוו׳ן.

.6

פאַרנאַכט, שפּאַנענדיק מיט׳ן ביקס אויפ׳ן אַקסל אויף דער וואַך נעבן דער הינטערשטער וואַנט פון׳ם אָסטראָג, האָט ניקיטאַ אין איינעם פון די פענסטער, גאָר נאָענט נעבן זיך, דערזען שאַפּיקאַ׳ן.

זי איז געשטאַנען פעסט צוגעדריקט מיט׳ן פּנים צו די גראַטעס און אָנגעשטרענקט געקוקט אויף אים.

ער איז שטיין געבליבן און אין דער זעלבער רגע ערשט פאַר־שטאַנען, אַז די אומצופרידנקייט און אויפגערעגטקייט פון אַ גאַנצן טאָג איז געווען ניט מער ווי אַ פאַרטונקלטער, אומבאַוואוסטזי־ניקער וואונש זי צו זען. ער האָט זיך אליין ווי ביי עמעם פאַר־ברעכערישעם געכאַפּט און זיך באַפוילן גלייכגילטיק פאַרטצוזעצן זיין שפּאַנען הין און צוריק און אויך איר גלייך הייסן אוועקגיין פו׳נם פענסטער, ווייל ס׳איז שטרענג פאַרבאָטן...

ער האָט אָבער געשוויגן און זיך פון אָרט ניט גערירט.

שאַפּיקאַ האָט אַ שוואַכן, ליידנדן שמייכל געטאָן און שטיל געזאָגט אויף איר צעבראָכענעם רוסיש:

— דו ביסט א גוטער... קום אַלע טאָג... דיך האָב איך ליב...

„זי פאַרשוועכט די מיליטערישע דיסציפּלין... זי רעדט צו די וועכטער... מען דאַרף זי גלייך פון פענסטער אוועקטרייבן..." האָט ניקיטאַ א טראַכט געגעבן און מיט אמאָל זיך ווי אפּגעריסן פונ'ם אָרט און גענומען ווייטער גיין.

ער האָט באַמערקט ווי זי האָט אָפּגעווישט די טרערן.

„נאָך גאָר א קינד"... האָט ער געטראַכט ריטמיש שפּאַנענדיק מיט'ן ביקס אויפ'ן אקסל איבער דער אויסגעטראָטענער סטעזשקע. „נאָך גאָר א קינד.. און אזא בלייכע ווי נאַטאַשקע..." און ער האָט געפילט ווי עפּעס נעמט זיך וואַרעמען אין זיין ברוסט, צוּוואַקסט זיך, ווערט וואָס אמאָל אַלץ העלער און שניידט זיך ביסלאַכווייז איין מיט הונדערטער בריענדיקע, ווייכע שטראַלן אין זיין יעדן אבר. „ווי טרויעריק זי קוקט... ווי האָט מען עס א האַרץ זי צו האַלטן דאָ צווישן אזוי פיל מערדער, צווישן אזוי פיל ווילדע חיות?"

זיין פּנים האָט זיך א פיינלאַכן קרים געטאָן. ער איז שטיין געבליבן. זיין דאַרף האָט זיך פאַר אים דורכגעטראָגן און עטלאַכע פויערשע, פאַרהאַסטע פּנימ'ער האָבן גאָר נאָענט דורכגעשוועבט פאַר אים.

— פאַרוואָס האַלט מען זי שוין דאָ א יאָר צייט? — האָט ער אביסל שפּעטער ווען אין דער פינסטער פאַר זיך שאַרף א פרעג געטאָן — פאַרוואָס מוטשעט מען זי?... א דונער זאָל זיי אַלעמען דערשלאָגן!

ער האָט אראָפּגעכאַפּט די ביקס פונ'ם אקסל און מיט אַלע כוחות טיף ארייַנגעזאָגט דעם שפּיז אין דער געל־ליימיקער וואַנט פונ'ם אָסטראָג. — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

ניין אזייגער אין דער פרי. די אַלטע וואַך האָט זיך אין צוויי רייען אויסגעצויגן פאַר'ן וואַך־הויז, די נייע, די נאָר וואָס געקומענע, שטייט אין פּונקט אזעלכע צוויי רייען אנטקעגן.

שארף און אָפּגעהאַקט קלינגען אָפּ אין דער זוניקער, פריי־מאָרגן לופט די באַפעלן פון די עלטסטע און די טרוקענע, דריבנע קלעפּ פון דעם פויק. די טויערן פונ׳ם אָסטראָג צעעפענען זיך ברייט. די אַלטע וואך גיט ווי איין מענש א נעם די ביקסן אויף די אַקסלען, דרייט זיך אוים און נעמט לאַנגזאַם ארויסגיין פונ׳ם הויף ,קלינגענדיק מיט די קופערנע קעסעלאך, וועלכע זיינען צו־געטשעפעט צו זייערע לעדערנע גארטלען.

שוין ביים סאַמע טויער האָט סעדאָוו מעכאַניש אויסגע־דרייט דעם קאָפּ אויף צוריק און פּלוצלינג דערזען שאַפּיקאַ׳ן. זי איז געשטאַנען הארט צוגעדריקט צו די אייזערנע שטאַנגען פונ׳ם אינוויניקסטן טויער און אַנגעשטרענקט געקוקט אויף אים. עס האָט זיך אים אפילו אויסגעדאַכט, אז ער האָט באַמערקט דאָס פינקלען פון טרערן אין אירע אויגן. ער האָט שנעל אָפּגע־קערט דעם קאָפּ, אָבער גלייך דערפילט, אַז ער פאַרלירט עפּעס, אז ער מוז גלייך עפּעס טאָן. ער האָט צוריק אויסגעדרייט דעם קאָפּ און א הויב געטאָן צו איר זיין האַנט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך אָבער דער טויער ראַשיק פאַר־מאַכט און זיין אייזערנער גרילצן האָט זיך ווייטאָגדיק אָפּגערופן טיף אין סעדאָוו׳ן.

„דו ביסט א גוטער.. .דיך האָב איך ליב... קום אַלע טאָג ! ...״ האָט אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן. ער האָט א טיפן זיפץ געגעבן און זיך אומגעקוקט.

דער אָסטראָג איז געווען ארומגערינגלט מיט א יונגען טאַפּאָל וואלד. גלייך ווי די סאָלדאַטן זיינען אריין צווישן די ביימער, האָבן זיי זיך דערפילט פריי, צעמישט די רייען, געהאַלטן די ביסקן ווי ווען האָט זיך געגלוסט און לאַכנדיק זיך גענומען טיילן מיט די איינדרוקן פונ׳ם פאַרגאַנגענעם מעת־לעת.

ניקיטאַ איז געגאַנגען שטיל, געקוקט פאַרטראַכט דורך די שיטערע ביימער אויף די שפּיצן פון די ווייסע שניי־בערג, וועלכע האָבן זיך געטונקען אין ווייסע וואָלקנדלאך און ס׳איז זיי אָפּט אוממעגלאך געווען צו אונטערשיידן איינע פון די צווייטע. די

הויכע שטימען און פרייליכער געלעכטער פון די סאָלדאַטן זיינען אים געווען אצינד ניט אנגענעם. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי שטערן עפּעס. עס האָט אים אַלע מאָל געצויגן זיך אומצוקוקן אויף צוריק.

— וואַרט, דו גע'פּגר'טער חזיר, אַ רוח אין דיין טאַטנס גלויבנס מאַמען, איך וועל זיך נאָך אָפּרעכענען מיט דיר! — האָט ער דערהערט נעבן זיך טשירקינס בייזן קול.

ער האָט אויף אים אַ פאַרטראַכטער אַ קוק געגעבן, ניט גלייך פאַרשטאַנען פאַרוואָס יענער שילט אים, און אים גאָר נישט געענטפערט. — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ מאָדנע צייט האָט זיך פון יענעם טאָג אָנגעפאַנגען פאַר ניקיטאַ'ן.

געוויינלאַך אַ שווייגנדיקער, אַ שווער פאַרטיפטער אין זיך, איז ער מיט אַמאָל געוואָרן פיל רעדעוודיקער, האָט זיך אָפּט גענומען צוזעצן צו די סאָלדאַטן און, אויב ניט ריידן אליין, איז זיך איינהערן אין זייערע געשפּרעכן. זען נעבן זיך מענטשן, הערן זייערע שטימעס — איז פאַר אים געוואָרן אַ נויטווענדיקייט. ער האָט זיך געוואונדערט אויף זיך אַליין, ניט פאַרשטאַנען וואָס מיט אים קומט פאָר, האָט בלויז געפילט, אַז ווען ער איז מיט ווען איז די נאָגעניש אין אים אַביסל שוואַכער.

גאָר פון אָנפאַנג האָט זיך אים געדאַכט, אַז עפּעס קומט פאָר ביי אים אין בויך. ער האָט געמיינט, ער האָט זיך איבער־געפרעסן. גיך האָט ער אויסגעפונען אַז דאָס קלאַפּט און פאַר־גייט ביי אים גאָר אַזוי אומרוהיק דאָס האַרץ. ער האָט באַ־שלאָסן, אַז ער איז קראַנק און מען דאַרף אַריינגיין צו אַ דאָקטאָר. און זיין פּנים איז דערביי געווען אַזוי פאַרוואונדערט, ניט ווייני־קער ווי ווען ער וואָלט פּלוצלינג אָנגעפאַנגען צו פליען אין דער לופטן.

שטונדן לאַנג פלעגט ער אצינד זיצן אין קאַזאַרמע ביים פענסטער, דרייען פון צייטונג־פּאַפּיר מיט „מאַכאָרקע" איין

„ציגארקע" נאָך דער צווייטער און קוקן אויף די ווייטע שניי־בערג. אים האָט זיך געדאכט, אז די ווייסע בארג־שפּיצן, וועלכע בייטן הונדערטע מאָל יעדן טאָג זייערע פינקלדיק־פילפארביקע מאנטלען, וועלן מיטאמאָל אין אים עפּעס באלויכטן, עפּעס פאר אים אליין קלאָרער מאכן.

עס האָט ניט איינמאָל געטראָפן, אַז זיצנדיק פארטראכט פלעגט אין אים אָפּקלינגען א שטילע, טרויעריקע פרויען־שטימע:

„דו ביסט א גוטער... כ'האָב דיך ליב... קום אלע טאָג!..."

ער פלעגט זיך אזש פון פלאץ אויפהויבן און אנגעשטרענקט זיך איינהערן. צוערשט האָט אים דיזע שטימע געשראָקן און נאָכהער פלעגט ער בייז טראכטן: „וואָס פאר א שווארץ יאָר קריכן מיר אזעלכע נארישקייטן אין קאָפּ אריין?... וואָס גייט מיך אָן „די קאץ"?... ניט אנדערש, איך בין קראנק."

אימיצער האָט אָבער טיף אין אים שטיל געענטפערט, אזוי שטיל, ווי א ווייכער קרעכץ:

— א קינד... זי איז דאָך נאָך גאָר א קינד... ווי נאטאשקא.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט טשירקינ'ען פון וועמעס האלז די צייכנס פון זיינע פינגער זיינען גאנצע צוויי וואָכן ניט אראָפּ, האָט זיך סעדאָוו איבערגעבעטן מיט דער הילף פון א פלאש בראנפן. טשירקין האָט זיך אָנגע'שכור'ט, איז אים געפאלן אויף דער ברוסט און מיט שכור'ע טרערן דערציילט, וועגן זיין יונגער ווייבל אין דער היים, וועלכע האָט אים פארביטן אויף א צווייטן. ער, טשירקין, ליידט דאָ, דינט דעם קיסר, און זי — זי מאכט א תל פון זיין באלעבאטישקייט און ער קען איר אפילו קיין איין ריפּ ניט איבער־ברעכן... און ער האָט געשווארן ביים הייליקן צלם, וועלכן ער האָט פון אונטער'ן העמד ארויסגעשלעפּט, אז דעם ערשטן טאָג ווי ער וועט נאָר אהיים קומען, ברעכט ער איר איבער יעדן ביין איינ־ציקווייז.

ניקיטא איז געזעסן א בארוישטער פון די צוויי גלעזלאך בראנפן, וועלכע ער האָט אויסגעטרונקען, צוגעשאָקלט מיט'ן קאָפּ,

געטראַכט וועגן דער „קאַץ" און זיך קוים איינגעהאַלטן ניט צו דערציילן עפּעס וועגן איר. און איר בילד האָט זיך ביי אים אין מח ווי געטונקען אין נאַטאַשקעס פּנים און גיך האָט ער אינגאַנצן אויפגעהערט צו אונטערשיידן דעם חלוק פון איינער ביז דער צווייטער.

אויפ'ן צווייטן פאַרנאַכט אין סעדראָוו פּלוצלינג צוגעגאַנגען צו זיין איינציקן דאָרפסמאַן סקאַפּינען, וועלכן ער האָט אין קאַזאַרמע פיינט געהאַט, פּונקט ווי אין דער היים, און זעלטן מיט אים וועגן א וואָרט אויסגערעדט. ער איז צוגעקומען, זיך אוועקגעזעצט נעבן אים אויפ'ן בעטל און געשוויגן.

סקאַפּין האָט אויפגעהערט צו טרינקען די גלאָז טיי, וועלכע ער האָט אין האַנט געהאַלטן, פאַרוואונדערט, אַביסל ניט גלויביק, געקוקט אויפ'ן גאַסט און געוואַרט וואָס ער וועט זאָגן.

— נו... וואָס שרייבט מען עפּעס פונ'ם דאָרף?... — האָט ענדלאַך ניקיטאַ גלייכגילטיק א פרעג געטאָן און געקוקט דערביי צום פענסטער צו.

סקאַפּין האָט נאָך ברייטער צעעפנט די אויגן, דער אונטערשטער טייל פון זיין מויל האָט זיך א צי געגעבן אויף צוריק, ווייזנדיק זיינע געלע ציין. ער האָט פּלוצלינג גענומען שנאָרכן מיט'ן נאָז. דערנאָך האָט ער מיט אַמאָל א שטאַרקן זופּ געטאָן פון דער גלאָז, זיך אָפּגעבריט און פאַרכלינעט. און ערשט נאָכער שנעל, ניט זיכער, איבערגעפרעגט, קוקנדיק אין דער זייט, פאַרביי סעדראָווס פּנים:

— פונ'ם דאָרף?...

— יאָ... פונ'ם דאָרף. וואָס טוען עפּעס אונזערע חזיר'שע מוזשיקעס?... ווי זיינען די פעלדער געוועזן היינטיקן יאָר? — און איבערכאַפּנדיק סקאַפּינס ניט גלויביקן בליק, האָט ער א מאַך געטאָן מיט'ן האַנט — האָב ניט מורא. זאָלן זיי גיין צום טייוול!... איך טראַג שוין אויף זיי מער קיין האַס ניט!

און ער איז א גאַנצן אָוונט געזעסן נעבן לאַנדסמאַן, געטרונקען מיט אים טיי, זיך צוגעהערט צו זיינע דאָרפישע מעשיות,

געלעזן זיינע בריף פון דער היים, און אין ברוסט האָט עפּעס אַזוי ווייטאָגדיק, אָבער אויך אנגענעם, געשמאַרצט.

ניקיטאַ האָט אויפגעהערט בייטאכט צו שלאָפן. אָדער ער האָט לאַנג ניט געקענט איינשלאָפן, אָדער ער פלעגט פון אָנפאַנג גלייך איינשלאָפן, אָבער אין מיטן נאכט האָט אים ווי ווער געוועקט און שוין ניט געלאָזט איינשלאָפן ביז גאַנץ פרי.

ער פלעגט ליגן אויסגעצויגן אין זיין גאנצער לענג, מיט'ן פּנים ארויף און טראכטן וועגן זיין איינגענעם לעבן. און דאָס טראַכטן איז פאַר אים, וועלכער איז געוואוינט געווען בלויז צו פילן, געווען א גאַנץ אויסמאַטערנדיקע ארבעט. זיינע געדאַנקען האָבן זיך אַממערסטן געדרייט ארום זיין דאָרף, אָבער אויפ'ן פּלאַץ פון דער בלאַסער, טרויעריקער נאַטאַשקען, איז יעדעס מאָל ארויפגעשוואומען שאַפּיקאַ'ס געזיכט. און ווען ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער איז עטלאכע מאָל געלאָפן בייטאכט, דורך שניי און ווינט, צו נאַטאַשקעס כאַטקע און איר דערציילט פון זיין פארביטערט האַרץ דורך די הילצערנע ווענט, איז ביי אים אַצינד אויסגעקומען, אַז געלאָפן איז ער גאָר אַהער, צו דער „קאַץ" און זיך געדרייט אַרום די גאַסע, לייטיקע ווענט פון'ם אַסטראָג.

אָפּט בייטאכט און אמאָל אין מיטן טאָג, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער הערט פון דער ריכטונג פון'ם אָסטראָג שאַפּיקאַ'ס קוויטש. און ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן ניט צו לויפן אַהין.

7.

זונטאָג בייטאָג, נאָכ'ן עסן, האָט סעדאָוו איינגעלאַדן זיין לאַנדסמאַן זיך אַביסל דורכגיין. און בלאָנדזשענדיק איבער די שמאָלע געסלאך, האָט זיך ניקיטאַ ווי דערשראָקן, דערזעענדיק פּלוצלונג פאַר זיך די אייזערנע טויערן פון'ם אַסטראָג. און באַלד איז אַ געדאַנק אָנגעלאָפן: „אפשר איז מעגלאך זיך אריינצוכאַפּן אינווייניק און א קוק טאָן וואָס עס הערט זיך דאָרטן?" זיין האַרץ האָט אומרוהיק געקלאַפּט.

זײ זײַנען אַרײַן אין אַ שענק איבער׳ן װעג. סעדראָװ האָט אױסגעקליבן אַ טישל נעבן אַ פֿענסטער, דורך װעלכן מען האָט געקאָנט זען דעם אָסטראָג. סקאָפּין האָט געהײסן דערלאַנגען אַ האַלבן טוץ ביר, דערנאָך האָט סעדראָװ געהײסן געבן נאָך זעקס פּלעשלאַך. װען מען איז פֿאַרטיק געװאָרן מיט זײ, האָט סקאָפּין װידער באַשטעלט אַ האַלבן טוץ ביר און נאָך אים סעדראָװ אַנדערע זעקס.

און ניקיטאַ האָט געגאָסן אין זיך אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז און ניט זיכער דרײענדיק מיט׳ן צונג דערצײלט דעם האַלב שכור׳ן לאַנדסמאַן עפּעס אַ געשיכטע װעגן זײַנער אַ געליבטער, אַ בלאַ־סער סאַרטיאַנקע, װעלכע פֿאָרט שטענדיק אַרום אױף אַ שװאַרצן פֿערד, מיט צװײ אָנגעלאָדענע רעװאָלװערן אין גאַרטל און קײנער װאַגט ניט אױף איר אַפּילו אַ קוק צו געבן — — — זי פֿליט אַרום איבער די גאַסן און שלאָגט אַלע מיט אַ בײטש, טרעט אַלעמען מיט איר פֿערד און שיסט... און שיסט — — —

און סקאָפּין האָט צוגעשאָקלט מיט׳ן קאָפּ, אױפֿגעריסן די זיך קלעפּעדיקע אױגן, געפֿאַלן אַלע מאָל מיט׳ן פּנים צום טישל און ברײט שמײכלענדיק איבערגע׳חזר׳ט:

— זאָל זי שיסן... אַ רוח אין איר מאַמען אַרײַן, דער סטערװע... זאָל זי... זאָל זי...

װען זײ זײַנען אַרױס פֿונ׳ם שענק איז שױן געװען פֿינסטער. זײ האָבן זיך שטײף אַרומגענומען, און קוים האַלטנדיק זיך אױף די פֿיס, גענומען שפּאַנען אין ריכטונג צו דער קאַזאַרמע, און זײערע שכור׳ע שטימעס האָבן איבערגעפֿילט דאָס שמאָלע, פֿינ־סטערע געסל.

מאָנטאָג גאַנץ פֿרי, װען דער פֿעלדפֿעבל האָט אין זײַן צימערל צוזאַמענגעשטעלט דאָס צעטל פֿון די פֿאַרשײדענע רעגי־רונגס־אַנשטאַלטן, װוּהין מען דאַרף שיקן אַ מיליטערישע װאַך, האָט אים סעדראָװ געבעטן ער זאָל זײַן נאָמען אַרײַנשטעלן צװישן די יעניקע, װעלכע גײען באַװאַכן דעם אָסטראָג. דער פֿעלדפֿעבל האָט ניט נאָכגעפֿרעגט קײן סך און צוגעשטימט.

פונקט צען אזייגער אין דער פרי איז סעדאָוו אריין מיט דער נייער וואָך אין אָסטראָג און נאָך אַלע מיליטערישע צערע־מאָניעס איז די אַלטע וואָך אוועק און די נייע האָט פאַרנומען איר פּלאַץ.

ניקיטאַ'ן איז אויסגעקומען דעם ערשטן צו גיין אויף א פּאָסטן. ווען ער איז אריין אין אינווייניקסטן הויף האָבן שוין די אַרעסטאַנטן ארומגעשפּאַצירט אונטער'ן קלאַנג פון זייערע קייטן. ער האָט ווי דורכגעשטאָכן דעם גרויסן הויף מיט זיינע זוכנדיקע בליקן און דאָס האַרץ האָט אומרואיק געקלאַפּט. ער האָט זי געפונען.

זי איז געזעסן אויפ'ן גראָז, נעבן „אַריק", זיך געוואַרימט און עפּעס געפּלאָכטן, אין דער זעלבער צייט היטנדיק יעדן איי־נעם, וועלכער איז צוגעקומען צו איר אביסעל נעענטער.

ווען זי האָט באַמערקט סעדאָוו'ן, האָט זיך איר אָנגע־שטריינגט פּנים מיט אַמאָל אויסגעגלייטערט, ווייסע ציין האָבן שאַרף א פינקל געטאָן פון צווישן אירע שמייכלענדיקע ליפּן, אירע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. זי האָט אים פריינדלאַך באַגריסט צוויי מאָל טיף אָנבויגנדיק דעם קאָפּ.

און ניקיטאַ האָט קעגן זיין ווילן איר געענטפערט מיט א שמייכל. ער האָט געוואָלט זיין שטריינג, זיך האַלטן ווי אימער און ניט געקאָנט: א זון איז אין אים אויפגעגאַנגען און וואַרים שטראַלנדיק זיין יעדן אבר דורכגענומען, א העל־קלינגענדיקער געלעכטער איז אין אים געבוירן געוואָרן און שוימנדיק זיך פון זיין ברוסט געריסן.

ער האָט זיך אָבער גיך באַהערשט און ארויפגעצויגן אויף זיין פּנים דעם געוויינלאַכן אויסדרוק.

שאַפּיקאַ האָט דעם טאָג פאַרבראַכט גאַנץ רואיק. זי האָט זיך געהאַלטן די גאַנצע צייט ניט ווייט פון ניקיטאַ'ן, זיך ווייניק וואָס געהיט פון די אַרעסטאַנטן, געזונגען א סאַרטיש לידל, אָפּט אָפּגעשטעלט אירע לאַסטשנדיקע בליקן אויף סעדאָוו'ן און אירע

ציין האָבן שאַרף געפינקלט צווישן די צוויי בלוטיק־רויטע סאַ־מעטלאַך פון אירע ליפּן.

12 אזייגער בייטאָג האָט מען די ארעסטאַנטן, ווי געוויינ־לאַך, צוריק פארשפּאַרט אין זייערע צעלן. ביים אריינגאַנג אין דער געביידע איז געשטאַנען ניקיטאַ. פארבייגייענדיק האָט שאַפּיקאַ אומבאַמערקט א גלעט געטאָן זיין האַנט און שטיל גע־זאָגט:

— דו ביסט אזא ליבער!

קיין איינציקער מוסקל אויף זיין פּנים האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן. ער האָט געפילט בלויז ווי א הייסער שטראָם איז זיך צעלאָפן פון דעם האַרצן און אַלץ האָט זיך א וויג געגעבן פאַר אים.

ווען ער איז נאָכער געגאַנגען צום וואַך־הויז, האָט זיך אים געדאַכט אז זיינע פיס באַרירן ניט די ערד און די לופט ארום איז איבערפילט מיט טויזנטאַרטיקע קלאַנגען.

„דו ביסט אזא ליבער!... אזא ליבער... אזא ליבער...

ארום דעם נידריגען טיש אין וואַך־הויז זיינען געזעסן די סאָל־דאַטן און צוזאַמען מיט׳ן עלטסטן געשפּילט אין קאָרטן. אַלע האָבן גערויכערט, זיינען געווען אויפגערעגט און ביי יעדער קלייניקייט זיך געשאָלטן מיט די צינישסטע, ארטיסטיש־צוזאַ־מענגעפלאָכטענע קללות, וועלכע מען קען הערן בלויז אין א רוסישער קאַזאַרמע.

— קום, סעדראָוו, זעץ זיך צו! — האָט אים א שפּילער א רוף געטאָן.

— כ׳וויל ניט. — ער האָט אוועקגעשטעלט די ביקס, גע־שטאַנען א ווײַלע פארטראַכט, דערנאָך זיך אוועקגעזעצט אויף איינעם פון די הילצערנע בעטלאַך און גענומען דרייען א „ציגאַרקע".

„דו ביסט אזא ליבער!" — האָט זיך עפּעס געקייטלט אין מוח און פאַר קיין זאַך ניט געלאָזט דעם ציגאַר זיך צונויפ־דרייען — — — „דו ביסט אזא ליבער! — — — און די געניטע

פינגער האָבן זיך געפּלאָנטערט, דאָס דיקע צייטונג־פּאַפּיר האָט זיך געריסן און די מאַכאַרקע איז צום דיל געפאַלן.

צו דער אויבערשטער טייל פון דער רעכטער האַנט, דאָרטן וואו איר הענטל האָט זיינע א גלעט געגעבן, האָט ער זיך מורא געהאַט צורירן: דאָס קליינע הענטל האָט זיך ווי צוגעקלעפּט צו יענעם פּלאַץ און געוואָרימט.

און פּלוצלינג האָט זיך פון זיין האַלז אַרויסגעריסן א שטילער געזאַנג און אים אַליין ווי איבערגעשראָקן: ער פלעגט זינגען בלויז ווען ער איז שטאַרק שכור געווען. ער איז אַנשווינגן געוואָרן און זיך פאַרשעמט אַרומגעקוקט, צי עס האָט ניט ווער געהערט. געדאַכט האָט זיך אים גאָר, אז ניט ער האָט עס א זונג געטאָן, נאָר אימיצער אַנדערש אין אים און יענעמס קול גליטש זיך ווייך אַרויס דורך זיין האַלז. ער האָט געשוויגן א פּאָר מינוטן, דערנאָך צוגעמאַכט די אויגן, עטוואָס פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און קוים הערנד ווידער גענומען זינגען.

ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפ׳ן הילצערנעם בעטל, אַרויפ געלעגט די הענט אויפ׳ן מויל, כדי די סאָלדאַטן ביים טיש זאָלן ניט דערהערן, און געזונגען, געזונגען — — — און ער האָט געפילט, ווי אַלעם שווארצעס, פּיינלאַכעס, וואס האָט זיך פאַר זיין גאַנצן לעבן אָנגעקליבן אין אים, שטראָמט אַרויס, און זיין גאַנצער קערפּער ווערט גרינג, און ריין און אינווייניק צעגיסט זיך אזא וואַרימע ליכטיקייט. און פון ערגעץ אויבן, פון א גרוי־גאָלדיקן נעבל, שמייכלען אַרויס שאַפּיקאַ׳ס צוויי שורות ווייסע ציין פון צווישן די צוויי בלוטיק־רויטע סאַמעטלאַך און אירע אויגן קוקן אויף אים אזוי גוט, אזוי שטראַלנד און קומען וואס אַמאָל צו אַלץ נעענטער און נעענטער. — — — און ער האָט געזונגען, אַלץ געזונגען — דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן א ניכטערער געזונגען. — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

ווען סעדאָוו האָט פאַרנאַכט פאַרנומען דעם פּאָסטן ביי דער הינטערשטער וואַנט פונ׳ם אָסטראָג, האָט ער צוקומענדיק, נאָך

פון ווייטנס באַמערקט שאַפּיקאַ'ס פּנים צוגעטוליעט צו די גראַ־טעס פון איר פענסטער. זי האָט געוואַרט אויף אים.

ער האָט זיך געמאַכט פונקט ווי ער וואָלט זי ניט באַמערקט און פעסט, מיט געמאָסטענע טריט, האַלטנדיק די ביקס אויפ'ן אַקסל, זיך געלאָזט גיין איבער דער שמאָלער סטעזשקע. ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען איהר פענסטער האָט זי אים שטיל באַ־גריסט:

— אַ גוטער אָוונט, גוטער סאָלדאַט!

ער איז שטיין געבליבן, ניט געענטפערט און אפילו ניט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר.

— פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען אַזוי לאַנג? — האָט זי ווייטער געפרעגט — איך האָב געוואַרט אויף דיר... איך האָב אַלע טאָג געוואַרט אויף דיר...

— מען שיקט אונז אהער בלויז איין מאָל א וואָך! — זיין קול איז געווען קאַלט, כמעט אומצופרידן.

זי האָט א טיפן זיפץ געגעבן: — ווען דו ביסט ניטאָ לאָזן זיי מיך ניט לעבן. דו קום אַלע טאָג!

— מען קען ניט!... בלויז איין מאָל א וואָך! מאָנטאָג...

ער האָט זיך פּלוצלונג פאַר עפּעס דערשראָקן: „וואָס טוט ער? צי איז ער פון זינען אַראָפּ? צי האָט זיך אים פאַרגלוסט אין דיסציפּלינאַרנע באַטאַליאָן אַריינצופאַלן אויף א פּאָר יאָר? ער, דער וועכטער, שטייט און רעדט מיט אַן אַרעסטאַנט דורכ'ן פענסטער?!"

ער האָט פעסטער א דריק געטאָן די ביקס צו זיך און א זאָג געטאָן: — „ס'איז שטרענג פאַרבאָטן צו ריידן מיט די אַרעסטאַנטן!" — און ער איז אַנטשלאָסן אוועק פונ'ם פענסטער.

צוריקגייענדיק האָט ער באַמערקט, אַז זי איז צוגעפאַלן מיט'ן קאָפּ צו די גראַטעס און וויינט.

צוויי מאָל איז ער פאַרבייגעגאַנגען איר פענסטער, זיך באַ־מיט ניט צו קוקן צו איר, טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. זיין האַרץ

האָט געציטערט פון ווייטאָק. פארבייגייענדיק דעם דריטן מאָל איז ער שטיין געבליבן און ברוגז א זאָג געטאָן:

— ניטאָ וואָס צו וויינען! פאַר איבעררייידן זיך מיט ארעס־טאַנטן פארטרייבט אונז די נאַטשאַלסטווע אין דיסציפּלינארקע אויף צוויי יאָר.

— איך בין ניט קיין ארעסטאַנט — האָט זי וויינענדיק שנעל גענומען ריידן — איך האָב קיינעם אויף מיין לעבן קיין בייז ניט געטאָן... ער איז געווען אַן אַלטער, אַן עקלהאַפטער... ער האָט מיך אַלע נאַכט א נאַקעטע מיט א בייטש געשמיסן... כ'האָב אים ניט געוואָלט הרג'נען...

— כ'וויים! כ'האָב געהערט!

עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער הערט אימיצנס טריט. ער איז שנעל אוועק פונ'ם פענסטער. ס'איז קיינער ניט געווען. ער איז געשטאַנען אביסל ביים ראָג פון דער אָסטראָג געביידע, זיך אויפמערקזאַם ארומגעקוקט און זיך איינגעהערט און גענומען לאַנגזאַם גיין צוריק. אין הארצן איז ביי אים געווען אזוי שווער, אָבער טיף אונטער דער שווערקייט האָט עפּעס שטורמיש געשאַלט און געזונגען.

ער איז פארבייגעגאַנגען א פּאָר מאָל איר פענסטער און שטיין געבליבן.

— האָסט אין שטאָט פריינד אָדער באַקאַנטע?

זי האָט א דריי געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

— קיינעם ניט!

— וואוהין־זשע וועסטו גיין, אויב מען וועט דיר באַפרייען?

— איך וויים ניט. מיין דאָרף איז וויים... דאָרטן נעבן די הויכע בערג..

ער איז ווידער אוועק פונ'ם פענסטער, געשטאַנען א ווייל ביים צווייטן ראָג, זיך איינגעקוקט אין די קוסטעס און שאָטנס, צי עס קוקט אים ווער פון דער וואַך ניט נאָך, און צוריקגייענדיק א פרעג געטאָן:

— ווי רופט מען דיך?

— שאַפּיקאַ.

ער האָט זיך אריינגעטראַכט אין נאָמען און באַשלאָסן, אַז דער בעסטער נאָמען פאַר איר איז נאַטאַשקאַ, נאָר די אַזיאַטן, די סאַרטן, האָבן אים פאַרביטן.

— און ווי רופט מען דיך? — האָט זי געפרעגט.

— ניקיטאַ. ניקיטאַ סעדראָוו.

זי האָט אַ פּאָר מאָל איבערגע׳חזר׳ט דעם נאָמען און אַ צופרידענעם, שטילן לאַך געטאָן.

— הער, שיפּיקאַ — האָט ער אַנטשלאָסן געזאָגט — דו לאָז מיר וויסן ווען מען וועט דיך משפּט׳ן: איך וועל קומען אין געריכט און ווען מען וועט דיך ארויסלאָזן, וועל איך געפינען אַ פּלאַץ פון דיינטוועגן. און...

עס האָבן זיך פון ווייטנס דערהערט שטימען און טריט. ער איז שנעל אוועק פונ׳ם פענסטער. מען איז אים געקומען בייטן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

8.

פון 3 ביז 5 פאַרטאָג איז סעדראָוו׳ן ווידער אויסגעקומען צו שטיין אויפ׳ן זעלבן פּאָסטן. די צענדליקע פענסטער פונ׳ם אָסטראָג האָבן אַצינד אויסגעזען ווי פאַרשטאַרעטע אויגן פון אַ ניט־לאַנג געשטאָרבענעם. אין יעדן טונקעלן ווינקל, אונטער יעדן קוסט, האָבן זיך בייזע נאַכט־גייסטער באַהאַלטן און געשראָקן מיט זייער קאַלטן אָטעם. סעדראָוו האָט געפילט, פּונקט ווי ניט ער היט דעם אָסטראָג, נאָר טויזנטער אויגן וואָלטן פון ארום אים אַליין געהיט.

ער האָט לאַנג ארומגעשפּאַנט איבער דער שמאָלער סטעזשקע, וועלכע האָט ארויסגעקוקט פון צווישן די שוואַרצע גראָזן מיט איר געלער אויסגעטראָנטקייט, ניט אָפּגעווענדט דעם קאָפּ פון שאַפּיקאַ׳ס פענסטער, געקלאַפּט מיט׳ן הענטל פון ביקס, עטלאַכע מאָל אַ הוסט געטאָן — זי האָט זיך אָבער ניט געוויזן. ענדלאַך איז ער שנעל צוגעגאַנגען און אריינגעקוקט אין איר צעל.

זי איז געזעסן אויף א נידריק בענקעלע ביים פענסטער, דעם קאפ צוגעשפארט צו דער וואנט, און איז געשלאפן. זי האט, ווי ס'ווייזט אויס, לאנג געווארט אויף אים, ביז זי איז איינגעשלאפן. אונטערן שוואכן שיין פונ'ם צאנקענדיקן לעמפעל אויפ'ן וואנט, האט איר פנים אויסגעזען אזוי רחמנות'דיק, אזוי קינדעריש אומ־באהאלפן, אז זיין הארץ האט זיך פארקלעמט.

ער האט זיך נאך נעענטער צוגערוקט צום פענסטער און פעסט באשלאסן: „זאל מען זי נאר באפרייען... די קישקעס וועל איך יעדן איינעם ארויסלאזן, ווער עס וועט וואגן זי א ריר צו געבן", און מיט אמאל האט זיך ביי אים מיט א טיפן זיפץ ארויס־געריסן:

—עך, מיידעלע, הארציקע, דו מיינע! — ס'האט זיך אים פארוואלט וויינען.

און ביז מען האט אים געביטן, איז ער אלע מאל צוגעגאנגען צו שאפיקא'ס פענסטער, זיך איינגעקוקט אין איר מילדן געזיכט און עפעס האט געוואקסן אין זיין ברוסט, עפעס האט געלאכט אין זיין יעדן אבר און א שטורם פון אויסטערלישע, פאר אים אליין אומפארשטענדלאכע, קלאנגען האט זיך פון זיין האלז געריסן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין א וואך ארום איז סעדאוו ווידער געקומען אין אסטראג אריין אויף דער וואך. געדארפט האט ער גאר גיין מיט א צוויי־טער גרופע סאלדאטן באוואכן דעם מארק, אבער פאר א פלעשל שנאפס האט ער ביים פעלדפעבל גע'פועל'ט אים צו שיקן מיט דער אסטראג־וואך.

זיין תירוץ איז געווען, אז אים ברעכן די לעצטע פאר וואכן די פיס, און בעת אין מארק מוז ער די גאנצע צייט ארומגיין, קען מען אין אסטראג די צייט צווישן דער וואך, ליגן און זיך אביסל אויסרוען.

מיט א זון אין דער ברוסט, האט ער גאנץ פרי געשפאנט מיט דער וואך, דורך דעם יונגן טאפאל־וועלדל אין ריכטונג צום אסטראג. און וואס נעענטער ער איז צו אים צוגעקומען, אלץ

ליכטיקער איז דער גאָלדענער פרימאָרגן געוואָרן און הילכיקער האָבן זיך די פייגעלאך ארום צוזונגען.

אלע מאָל האָט ער צוגעלייגט די האנט צו דער רעכטער קעשענע, וואו עס זיינען צוויי קליינע פּעקעלאך געלעגן. אין איינעם איז געווען איינגעוויקלט א בייטשל העל־רויטע קרעלן און א קעמעלע מיט ווייסע דימענטלאך באזעצט, און אין צווייטן א פונט קליינינקע, גרינע ראָזשינקעס.

ביים איינקויפן די זאכן, האָט א געדאַנק אים גענומען וואָרענען: „וואָס טוסטו, ניקיטאַ? ניט אַנדערש ביסט פון זינען אַראָפּ. האָסט פאַרגעסן, אַז דו ביסט אַ סאָלדאַט און מוזט אָפּהיטן די מיליטערישע דיסציפּלין... ניט נאָר דו ערלויבסט זיך צו ריידן מיט אַן אַרעסטאַנטקע, נאָר גיסט איר נאָך איבער פּרעזענטן אויך... ווייסטו וואָס עס קומט דערפאַר?"

זיין האנט, וועלכע האָט געהאַלטן אין באַצאָלן פאַר די גע־קויפטע זאכן האָט זיך פאַרהאַלטן. עס האָט אָבער געדויערט בלויז איין מינוט. ער האָט באַצאָלט און איז כמעט אַ רואיקער ארויס פון געשעפט. ער האָט אין זיך צוגעשטימט, אַז ער האַנדלט געגן דער דיסציפּלין, אַז עס קומט אים דערפאַר אַ שווערע שטראָף. ער האָט זיך אָבער בשום אופן ניט געקאָנט צווינגען צו קוקן אויף שאַפּיקאַ'ן ווי אויף אַ שולדיקע, ווי אויף אַן אַרעס־טאַנטקע.

אַ מאָדנע זאך איז די לעצטע צייט מיט סעדאָוו'ן געשען: ער האָט עס ניט געקאָנט באַגרייפן און עס האָט אים געשראָקן. דער געדיכטער שלייער פון האס, הארטקייט און ניט־צוטרויען מיט וועלכע די גאנצע וועלט איז ביז אצינד געווען פאַר אים פאַרהילט — האָט זיך גענומען ביסלעכוויַיז צוגיין, ווערן וואָס אַמאָל אַלץ דינער און דורכזיכטיקער. און אין איין זוניקן פרימאָרגן, ווען אַ צווייטער סאָלדאַט האָט אים פאַר עפּעס באַ־ליידיקט און ער האָט זיך שוין אַ וואָרף געטאָן אויף יענעם מיט די פויסטן — איז זיין בליק געפאַלן אויפ'ן בלויען הימל, אויף די שניי־שפּיצן פון די ווייסע בערג, נעבן וועלכע עס געפינט זיך

ערגעץ־וואו שאַפּיקאַ'ס דאָרף — און ער האָט פּלוצלונג דער־פילט, אַז ס'איז ניטאָ מער קיין כעס אין זיין נשמה אפילו צו אָט דעם נאַר, וואָס שטייט פאַר אים, ווי אַ האָן מיט אויפגע־הויבענע פויסטן און וואַרט מיט מורא אויף זיין אָנפאַל.

זיין כעס איז זיך צעגאַנגען צווישן דער זון און די שניי־בערג, צווישן זיין האַרץ און שאַפּיקאַ'ן.

— נו, גיי צו אַלדע רוחות! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנט — דאָס צווייטע מאָל וועל איך דיר אַלע ביינער איבערברעכן!

און אָט דער זיך צעגייענדיקער האַס, האָט געוואַרעמט און געפרייט זיין נשמה, אָבער איהם אויך געשראָקן, ווי אוועקגענומען זיין איינציקע וואַפע און אים געלאָזט אַ נאַקעטן, אַ שוצלאָזן קעגן דער גאַנצער וועלט. — — — — — — — — — — — — — — —

— —

גלייך ביים אַריינקומען אין אַסטראָג האָט ער נאָך פון וויטנס דערזען שאַפּיקאַ'ן. זי איז געשטאַנען ביים אינווייניגסטן טויער און געוואַרט אויף אים. ער האָט צו איר אַ שמייכל געגעבן. זי האָט אים געענטפערט מיט אַ פריידיקן, שטילן געלעכטער.

מיט צען מינוטן שפּעטער איז ער שוין געשטאַנען אויפ'ן הויף מיט'ן ביקס אין האַנט און געהיט די אַרומשפּאַצירנדיקע אַרעסטאַנטן. שאַפּיקאַ האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבן אַ קוסט, ניט ווייט פון אים, און זיי האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט שנעלע פראַזן:

— ניקיטאַ! — אירע ציין האָבן געפינקלט מיט ווייסקייט, פונקט ווי די אויגן מיט שוואַרצקייט.

— זיי מוטשן דיך נאָך אַלץ? — האָט ער מיט'ן קאָפּ אָנ־געוויזן אויף די אַרעסטאַנטן.

זי האָט אַ שאָקל געגעבן מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

— די קעפּ וועל איך זיי אַפּדרייען!

זי האָט פּלוצלונג שנעל אָפּגעטראָטן פון אים: אין הויף איז אַריין דער עלטסטער איבער דער וואַך. זי האָט זיך אוועק־געזעצט נעבן „אַריק”, פאַרמאַכט די אויגן, אַרויסגעשטעלט דאָס פּנים אַנטקעגן דער זון און גאַנץ הויך פאַרצויגן אַ קירגיזיש לידל.

„אַ ווייס לעמעלע צווישן אַ סטאַדע וועלף” — האָט ניקיטאַ געטראַכט, קוקנדיג אויף איר. — „און וואָס האַלטן זיי זי דאָ שוין אַריבער אַ יאָר? פאַרוואָס משפּט מען זי ניט? און ווייטער, וואָס אַרט עס זיי? זיי זיינען דאָך אויף דער פרייהייט, פרעסן, טרינקען גוט. און ווער ווייס צי מען וועט זי נאָך אין גאַנצן באַפרייען? וואָס וועט זיין אויב מען וועט זי נאָך פאַראורטיילן?”

ער האָט זיך דערשראָקן, אָבער זיך גלייך אַליין באַרואיקט: „עס קען ניט זיין. אַפילו אַ קינד קען פאַרשטיין, אַז זי האָט אים ניט געוואָלט הרג'ענען, אַז זי האָט זי בלויז פאַרטיידיקט.”

שפּעטער, ווען די אַרעסטאַנטן האָבן זיך, נאָכ'ן שפּאַציר, געלאָזט אַריינגיין צו זיך אין די צעלן, איז שאַפּיקאַ פאַרבייגע־גאַנגען האַרט נעבן אים, אַריינגערוקט אים אין האַנט אַריין אַ קליין פּאַפּירל און אַ זאָג געטאָן:

—שאַפּיקאַ האָט עס געמאַכט פאַר ניקיטאַ'ן...

ער האָט איר אויך איבערגעגעבן זיינע צוויי פּעקלאַך.

אין איר פּאַפּירל האָט ער געפונען אַ פינגערל, אויסגעפלאָכטן פון קליינינקע, פיל־פאַרביקע קרעלן.

פאַרנאַכט איז שאַפּיקאַ אַרויסגעקומען פון איר צעל מיט פאַרוויינטע אויגן.

— פאַרוואָס האָסטו געוויינט — האָט זי סעדאָוו געפרעגט.

זי האָט אַזוי ווייטאָגדיק אויפגעהויבן און צוזאַמענגעדריקט אירע אַקסלען, האָט עטוואָס אָפּגעקערט דעם קאָפּ און געוואָלט באַהאַלטן די טרערן.

— געפעלן דיר די קרעלן מיט'ן קעמעלע?

— יאָ.. אָבער... דו קומסט בלויז איין מאָל אַ וואָך.

— וואָס קען איך העלפן? אָבער דו זאָרג ניט. זאָלן זיי

דיך נאָר ארויסלאָזן פון דאנען... אלע טאָג וועל איך קומען צו דיר. — — —

זי האָט געקוקט אויף אים מיט צוטרוי און געלאכט דורך טרערן. —

שפּעט ביינאכט, שטעהענדיג אויף דער וואך, איז ניקיטא אלע מאָל צוגעגאנגען צו שאַפּיקאָ׳ס פענסטער, פון וועלכן זי איז ניט אָפּגעטראָטן, געגלעט אירע הענט און אַ שטראָם פון קיינמאָל ניט געזאָגטע, צארטע ווערטער און לאַסטשענדיקע אויסדריקע האָט זיך פון זיין מויל געריסן. שטיקלאַכווייז, אָפּגעריסענער־הייט האָט זיך זייער נאכטיקער געשפּרעך געפלאָכטן פון ביידע זייטן גראטעס און די שווארצע פענסטער ארום האָבן זיך ווי איינגעהערט, זיך ווי אונטערגעקוקט.

מיט אַ ציטער אין קול, האָט ער איר שטיל און אָפּגעהאקט דערציילט:

„זי וועט גיך ארויס פון אסטראָג, — ער וועט גיין פאר איר בעטן אפילו צום גענעראל־גובערנאטאָר אליין. ער וועט איר געפינען אַ פלאַץ פאר א קעכין אָדער א דינסט, ווי די ווייבער פון אנדערע פארהייראטע סאָלדאטן, און ער וועט קומען צו איר אלע נאכט... און שפּעטער, ווען ער וועט זיך אויסדינען, וועט ער זי נעמען צו זיך אין דאָרף אריין... ער האָט אַ הייזקע, אַ שטיקל ערד... ער איז ניט קיין רייכער, איר וועט אָבער זיין גוט ביי אים. קיינער וועט זי ניט וואגן צו טשעפּן. ער וועט יעדן איינעם די ביינער צוברעכן, ווער עס וועט איר וואגן עפּעס שלעכטס צו טאָן. — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און זי האָט געקוקט אויף אים מיט גליקלאכע בליקן, געגלעט און געקושט זיין האנט ,וועלכע זי האָט עטלאכע מאָל צי זיך צוגעצויגן. און מישנדיק די רוסישע און סארטישע שפּראכן, אים דערציילט וועגן איר אומשולד, וועגן דאָרף צווישן די ווייטע שניי־בער, וואו איר קינדהייט איז אריבער, וועגן איר ליבע און גלויבן אין אים.

— אַללאַ וועט אונז העלפן!... האָט זי אַלע מאָל איבער־געחזר׳ט.

— מיר גלויבן ניט אין אַללאַ, — האָט ער שטיל באַמערקט. — ביי אונז איז קריסטאָס!

— זאָל זיין קריסטאָס! — האָט זי גלייך צוגעשטימט — אָבער ער איז א גוטער, ניט אמת?

— איך רעכען אזוי! — האָט ניקיטאַ געענטפערט נאָך א ווײַלע טראַכטן. — מען האָט אים געמוטשעט... אים צו א צלם צוגעשלאָגן.

— ער איז א גוטער — האָט זי זיין האַנט דורך די גראַטעס געקושט — ער איז א גוטער... ער וועט אונז העלפן.

— זיכער! — האָט סעדראָוו געשאָקלט מיט׳ן קאָפּ — ער וועט אונז זיכער העלפן!... — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

9.

אזוי זיינען אריבער נאָך צוויי וואָכן.

סעדראָוו איז אַלע מאָל געקומען אויף דער וואך אין אסטראָג אריין און יעדעס מאָל געדאַרפט דערפאַר שטעלן דעם פעלד־פעבל א פלעשל בראנפן. ער האָט אויך שאַפּיקאַ׳ן יעדעס מאָל געבראַכט עפּעס א מתנה און זיך שוין אזוי צוגעוואוינט צום שטענדיקן געפאַר, פון איבעררעדן זיך מיט איר און איבערגעבן איר זאַכן, אז ער האָט עס שוין אויפגעהערט צו פילן. ווען מען כאַפּט אים אצינד, וואָלט ער זיך צוערשט פארוואונדערט און ניט באַגריפן פארוואָס.

און זי, שאַפּיקאַ, האָט זיך צובליט ווי א רויזן־קנאָספּ אין די ערשטע פּאָר נעכט פון זיין לעבן. איר צאַרט ,אויסגעמאָגערט פּנימ׳ל האָט זיך אויסגעפילט, פארב האָט גענומען שפּילן אין די באַקן און די אויגן האָבן ווי צוויי ליכט געברענט.

און די צענדליקע, ציטערנדיקע, אָפּט אין קייטן געשמידטע הענט, האָבן זיך מיט נאָך מער זשעדנעקייט און ווילדקייט גע־

נומען רייסן צו איר צובליטן קערפּער, אבער אויך איר קראפט האָט געוואקסן, אירע נעגל זיינען ווי שארפער געווארן און די באוועגונגען — פלינקער.

— דו ווערסט צו שיין, שאַפּיקאַ, — האָט איר דער אַלטער סאַרט אבאַ־איזמעט אַ פּאָר מאָל באַמערקט. — ס'איז ניט גוט... די טעג זיינען צו הייסע... ס'איז אַ געפאר.. אין אסטראג טאָר מען ניט זיין אַזוי שיין. — און ער האָט שווער אָפּגעזיפצט.

אפילו דער אַלטער קורצזיכטיקער אויפזעהער איבער'ן אסט־ראָג האָט באמערקט שאַפּיקאַ'ס בליענדן געזיכט, און איין מאָל ביים שפּאַציר אין הויף איר אַ גלעט געטאָן איבער'ן קאָפּ:

— כאַ־כאַ־כאַ, דו ביסט אַ שיין מיידל, שאַפּיקאַ... אפּנים ביי מיר צו זיצן איז גאר ניט אזוי שלעכט. ניט אזוי? כאַ־כאַ־כאַ!...

— ווען לאָזט מען מיך שוין ארויס פון דאנען? — האָט זי אים געפרעגט.

ער האָט מיט אמאָל אויפגעהערט צו לאכן.

— דאָס קען איך דיר ניט זאָגן: ס'איז נאָך דיין משפּט ניט געווען.

טרערן האָבן אָנגעפילט אירע אויגן.

—— אָבער איך בין ניט שולדיג — וואָס מאַטערט מען מיך דאָ? — זי האָט זיך צעוויינט.

— נו, שאַפּיקאַ, נאָר ניט געשראָקן זיך! — ער האָט ארויפ־געלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל. — גאָט וועט העלפן. אַלע דערצייל זיי דאָרטן אין געריכט. שרעק זיך ניט. גאָט וועט העלפן!

ער איז אוועק. זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן גראָז, אונטערשטעלנדיק איר פּנים אַנטקעגן די בריענדיקע זונען־שטראַלן, מיט האַלב־פּאַרמאַכטע אויגן געהיט די באַוועגונגען פון די שפּאַצירענדיקע ארעסטאַנטן און געטראַכט וועגן איר גע־ליבטן ניקיטאַ'ן, וועלכער וועט צו אַלעמען גיין בעטן פאַר איר, וועלכער וועט שוין קיינעם ניט לאָזן איר קיין בייז טאָן, וועלכער...

טרערן זיינען געדיכט געפאַלן פון אירע אויגן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אומערוואַרטעט פאַר זיך זעלבסט האָט ניקיטאַ אויסגעפונען אַז ער געדענקט אַ סך פון די דאָרפס לידער, וועלכע ער פלעגט אַממערסטן הערן פון ווייטנס. אין דערפרי און פאַרנאַכט ביים גאָטעס־דינסט פלעגט זיין קול זיך אַרויסהערן פונ'ם כאָר און ער פלעגט אָפט גאַנצע טעג אַרומגיין און שטיל זינגען פאַר זיך. אַ נייער קוואַל פון באַגייסטערונג האָט זיך פאַר אים אין זינגען גע־עפנט. ער האָט ניט געוואוסט צי זינגט ער ווייל ער איז גליק־לאַך, צי ער איז גליקלאַך ווייל ער זינגט?

און ביינאַכט פלעגט ער לאַנג ניט איינשלאָפן, זיך פאָרשטעלן ווי ער געפינט שאַפּיקאָ'ן אַ שטעלע, ווי ער קומט צו איר אַלע נאַכט, און ווי אַזוי זיי וועלן שפּעטער אַוועקפאָרן צו אים אין דאָרף אַריין און זיך לעבן שטיל, גליקלאַך... ניין, ער וועט ניט שכור'ן, ווי זיין טאַטע; ניט שלאָגן זיין ווייב מיט די קינדער... הרג'ענען וועט ער יעדן איינעם, ווער עס וועט זי מיט אַ פינגער אָנרירן!

דאָס רינגל פון פילפאַרביקע קרעלן האָט ער געטראָגן אויפ'ן מינדסטן פינגער, און אויף דער פראַגע וואו ער האָט עס גענומען, פלעגט ער ענטפערן, אַז ער האָט עס געפונען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן, קומנדיק מיט דער וואַך אין אַסטראָג אַריין, האָט ניקיטאַ ניט געטראָפן שאַפּיקאָ'ן וואַרטנדיק אויף אים, ווי געוויינלאַך, ביים אייזערנעם טויער פונ'ם אינ־ווייניקסטן הויף.

דאָס האַרץ האָט אין אים אַ טיאָכקע געגעבן.

„זיך מסתמא ערגעץ־וואו פאַרהאַלטן" — האָט ער זיך זעלבסט בארואיקט, און אַ טאַפּ געטאָן די קעשענע, וואו ס'איז פאַר שאַפּיקאָ'ן געלעגן אָנגעגרייט אַ שפּילקע מיט בלויע שטיינד־לאַך און אַ פּעקל מיט נאַשערייען.

אין הויף, לעבן „אריק“, האָט ער זי דאָס מאָל אויך ניט געפונען. אַן אומרואיקער איז ער אַ פּאָר מאָל איבערגעגאַנגען דעם הויף, געזוכט אין יעדן ווינקל, אונטער יעדן קוסט. זי איז אין ערגעץ ניט געווען. פאַרבייגייענדיק איר צעל, האָט ער אַריינגעקוקט אין פענסטער: דאָס בעטל איז געווען ליידיק און פון דער וואַנט איז פאַרשוואונדען די פּאָר מלבושים, וועלכע האָבן דאָרטן שטענדיק געהאַנגען.

זיינע הענט און פיס זיינען מיט אַמאָל קאַלט און שוואַך געוואָרן. גייענדיק איבער'ן הויף, האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיינע פיס זיינען ווי אויף ספּרוזשינעס און ער שלעפּט זיי ביי יעדן שפּאַן שווער אַרויס פון אַ געדיכטער בלאָטע.

ער האָט באַשלאָסן צו פרעגן ביי אַ וועכטער וועגן שאַפּיקאַ'ן.

דער אַלטער אַבאַ־איזמעט איז אים אַנטקעגן געקומען און אים אַ רוף געגעבנדיק מיט'ן בליק, זיך רואיק אַוועקגעזעצט מיט די פיס אונטער זיך אָן אַ זייט, וואו עס איז קיינער ניט געווען. ניקיטאַ איז אים נאָכגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייט פון אים. דער אַלטער האָט גענומען וואַרפן מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— ניטאָ מעהר שאַפּיקאַ!... ניטאָ!... מען האָט זי שוין אַוועקגעשיקט!...

די ערד האָט זיך אונטער סעדאָוו'ן אַ וויג געטאָן. ער האָט זיך אינגאַנצן אַ דריי געטאָן צו איזמעט'ן.

— אַוועקגעשיקט?... וואוהין?...

— פאַרגעס זיך ניט, סאָלדאַט: די ווענט האָבן אויגן און אויערן...

ניקיטאַ האָט זיך לייכט אויסגעגלייכט, און זיך געמאַכט ווי ער וואָלט געקוקט פאָראויס, צו די אַרעסטאַנטן.

— אויף צען יאָר האָט מען זי פאַרשיקט!... קיין סיביר...

ניקיטאַ'ס פּנים האָט זיך גענומען קרימען:

— עס קען ניט זיין. מען האָט זי נאָך ניט גע'משפּט!...

— לעצטן דינסטאַג אין דער פרי האָט מען זי אין געריכט

אַוועקגעפירט... אויף צען יאָר פאַר׳משפט... און דאָנערשטאָג האָט מען זי צוזאַמען מיט׳ן עטאַפ אַוועקגעשיקט.

סעדאָוו איז געשטאַנען מיט אַ ווייסן, פאַרגליווערטן פנים און צומישט געקוקט פאַר זיך.

— אַוועקגעשיקט... אַז זיי שיקען, מוז מען גיין... — האָט פון דער זייט איזמעט געוואָרפן ווערטער. — זי האָט ניט גע־וואָלט, געוויינט, געבעטן מען זאָל זי דאָ ביז מאָנטאָג לאָזן. זיי האָבן געלאַכט פון איר. דער אַלמעכטיקער אַללאַ זאָל דעם טויט אויף זיי אָנשיקן. מען האָט זי אַ וויינענדיקע אַוועקגעפירט. איך האָב איר געשוואָרן דיר אַלץ צו דערציילן... אַ רחמנות... זי האָט געזאָגט, אַז דו וועסט זי אָניאָגן און ברענגען צוריק.

אַלעס ארום סעדאָוו׳ן האָט זיך געדרייט. די ווענט פונ׳ם אסטראָג האָבן זיך אין דער לופטן געהויבן און יעדער שטיין איז באַזונדער אויף זיין קאָפ געפאַלן. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און עטלאַכע מינוטן געשטאַנען מיט פעסט־צוגעשלאָ־סענע אויגן. דערנאָך האָט ער זיך מיט אמאָל אָפגעריסן פונ׳ם אָרט און זיך געלאָזט לויפן צום הויז פונ׳ם אויפזעער איבער׳ן אסטראָג.

דער אַלטער איז געזעסן ביי זיין שרייב־טיש, ווען ניקיטאַ איז ווי אַ וויכער, אפילו אָן אַ קלאַפּ אין טיר, אריין צו אים אין קאַבינעט און אים געפאַלן צו די פיס.

— הער קאַפּיטאַן, האָט רחמנות און העלפט מיר!

— שטיי אויף, דו משוגע׳נער! — האָט זיך דער אויפזעער דערשראָקן. — וואָס ווילסטו?

— שאַפּיקאַ... וואו איז די סארטיאַנקע שאַפּיקאַ אַצינד, הער קאַפּיטאַן?

דער אויפזעער האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט:

— וואָס גייט עס דיך אָן?

ניקיטאַ האָט זיך געוואָרגן מיט די טרערן:

— איך האָב זי ליב, הער קאַפּיטאַן... כ׳האָב געוואָלט מיט איר חתונה האָבן... זי איז דאָך נאָך אַ קינד... און אַלע ארום

זיינען ווי ווילדע חיות... זיי וועלען זי פארמוטשען.. זי האָט ניט קיינעם...

דער אַלטער האָט זיך פארטראַכט א ווײַלע און אָפּגעזיפצט

— יאָ, זיי וועלן זי פארמוטשען אויפ'ן וועג... זי וועט דאָרטן סאַי ווי פארפאַלן גיין... ס'איז דאָך סיביר: א קאַטאָר־זשנע לאַנד מיט קאַטאָרזשנע מענשן... אָך, גאָט מיינער! — האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן — אצינד פארשטיי איך שוין פאר־וואָס זי האָט זיך אזוי געבעטן מען זאָל זי ביז מאָנטאג לאָזן... זי האָט געוואָלט בלייבן ביז דו וועסט קומען... האָ, אצינד פאר־שטיי איך שוין.

— זאָגט, וואָס קען איך טאָן? — האָט זיך ניקיטאַ גע־בעטן.

— א שאָד, א שאָד, ברודער... ס'איז א פארפאַלענע זאַך... אצינד איז זי שוין ערגעץ־וואו נאָך אָרענבורג. זעסטו, ווען דו ביזט א פרייער מענש און האָסט געלט, פאָרסטו איר נאָך, פאר־לייכטערנדיק איר דעם וועג, און דאָרטן, גלייך ווי מען לאָזט זי ארויס, האָסטו מיט איר חתונה. ביזטו דאָך אָבער א סאָלדאַט, און מסתמא איז ניט באַשערט... נו, שטיי אויף. ניט שיין פאר א העלד צו שטיין אויף די קני! גיי כאַפּ א פּאָר גלעזלאָך בראָנפן און דו וועסט אָן אַלעם פארגעסן.

סעראָוו האָט זיך אויפגעהויבן פונ'ם דיל און איז ארויס פונ'ם צימער. אויפ'ן באַלקאָן איז ער שטיין געבליבן און זיך צוגעשפּאַרט צו איינעם פון די סלופּעס.

אין מח האָט גערוישט. עפּעס האָט זיך דאָרטן געבראָכן און שווער געפאַלן. אין ברוסט האָבן טויזנטער חיות ווילד גע־יאָמערט. ס'האָט געשטיקט, ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. ער האָט געקוקט אויף די שפּיצן פון די בערג, וועלכע האָבן זיך ווי א ווייסע קייט אין דער ווייטקייט געפלאָכטן, און שאַפּיקאַ'ס שאָטן האָט זיך פון איין שפּיץ באַרג צום צווייטן אַלץ ווייטער געטראָגן.

„זיי וועלן זי פּאַרמוטשען אויפ'ן וועג" — האָבן אין אים אָפּגעקלונגען דעם אויפזעער'ס ווערטער. ער האָט זיך מיט ביידע פויסטן אַ שטאַרקן זעץ געגעבן אין זיין פּיינליך־אויסגעקרימטן פּנים און זיך אינגאַנצן צוזאַמענגעקאַרטשעט.

אַזוי איז ער געשטאַנען עטלאַכע מינוטען.

ווען ער האָט זיך אויסגעגלייכט, איז זיין פּנים געווען קאַלט און שטייף, דער בליק האָט אָנגענומען דעם אמאָליקן וועלפּישן אויסדרוק.

אויפ'ן מיטלסטן פינגער האָט ער באַמערקט שאַפּיקאַ'ס רינגל. ער האָט זיך איינגעקוקט אַ ווײַלע אין די פיל־פאַרביקע קרעלן, עס אַראָפּגענומען פונ'ם פינגער און אריינגעלייגט אין קעשענע. דערנאָך האָט ער אריינגעצויגן אַ פולע ברוסט מיט לופט און זי ארויסלאָזנדיק לאַנגאַזם און דורך די צוזאַמענגעדריקטע ציינער געזאָגט:

— אַ הינטישע וועלט... מיט הינטישע זין... פאַרשאָלטן זאָלט איר אַלע ווערן!...

ער איז אַראָפּ פונ'ם באַלקאָן און זיך געלאָזט גיין צום וואַך־הויז.

צו גאַסט בײַ קירע־באַנ׳ען

מישקאַ באַרקין איז אַליין געווען אַ האַלבער אַזיאַט. אויס־געוואַקסן איז ער אין אַ קליינעם, פאַרוואָרפענעם דערפל, אין דער טיפעניש פון די קירגיזער סטעפעס, וואו דער זיידע זיינער מיט נאָך אַ פּאָר צענדליק אויסגעדינטע סעמיריעטשענער קאָזאַקן, האָבן באַשאַפן אַ ישוב. אָפּגעריסענע מיט הונדערטער ווערסט פון דער רוסישער סביבה, האָבן די ישוב׳ניקעס ביסלאַכווייז, עס אַליין ניט באַמערקנדיק, גענומען זיך צופּאַסן צום לעבן פון די אַרומיקע האַלב־ווילדע קירגיזישע און טורקמענישע שבטים, טייל־ווייז אויך איבערנעמען זייערע גענג און זיטן און דער דריטער קאָזאַקישער דור איז שוין געווען אַ האַלב־קירגיזישער.

דאָס איינציקע, וואָס האָט זיי נאָך אונטערשידן פון די אַרומיקע פעלקערלאַך, איז געווען זייערע ליכטיקע האָר און גרויע אָדער בלוילאַכע אויגן. די האָר און אויגן זיינען אויך פאַרבליבן ניט געביטן ביי די ווייטערדיקע דורות, ווייל די ישוב׳ניקעס האָבן געקוקט אויף די „אַזיאַטן" פון אויבן אַראָפּ, מיט שטאָלץ געטראָגן דעם נאָמען פונ׳ם רוסישן, אונבאַזיגבאַרן קאָזאַק, און זיך קיינמאָל ניט משדך געווען מיט די אַרומיקע סטעפּישע איינוואוינער.

זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז קיין אַנשטענדיקער קאָזאַק האָט זיך קיינמאָל ניט אַנטזאָגט אַ לעב צו טאָן מיט אַ שוואַרץ־חנ׳עוו־דיקער קירגיזקע אָדער טורקמענקע, און אַרום דעם קאָזאַקן־דערפל האָט מען טאַקע גאַנץ אָפט געקענט טרעפן קירגיזישע און טורק־מענישע קינדער מיט ליבטיקערע, ווי געוויינלאַך, האָר און גרויע

אויגן. אָבער אָפּיציעל ארײַנפירן אַ יונגע טאָכטער פון די סטעפּעס צו זיך אין הויז אַלס פרוי און באַלעבאָסטע — אַזאַ געשיכטע האָט נאָך דערווייל אין קאָזאַקן־דאָרף ניט פּאַסירט.

ווען אַ יונגער קאָזאַק האָט געדאַרפט חתונה האָבן און אין דאָרף איז פאַר אים קיין פּאַסנדע כלה ניט געווען, פלעגט ער מיט זיינע עלטערן, און אַמאָל נאָך מיט אַ גאַנצער כאָפּטע קרובים און פריינט, זיך אַוועקגעלאָזן, רייטנדיק, צו דעם נאָנטסטן קאָזאַקן־ישוב, אָדער טאַקע אין קאָזאַקן קרייז־שטאָט, סעמירעטשענסק. דאָרטן האָט ער שוין זיכער זיין באַשערטע געפונען און מען האָט טאַקע גלייך אויפ׳ן פּלאַץ געפּראַוועט די חתונה. מען האָט געהוליעט און גע׳שיכור׳ט דריי טעג און אַמאָל אויך אַ גאַנצע וואָך. צוריק פלעגן אַלע קומען טויט־מידע, אָבער צופרידענע, און דער יונגער קאָזאַק האָט דער ערשטער ארײַנגעריטן אין דאָרף, האַלטנדיק אויפ׳ן זאָטל זיין קאָזאַצקע ווייבל.

געלעבט האָבן די קאָזאַקן, ווי אַלע סטעפּישע איינוואוינער, ארום זייערע סטאַדעס פערד און שאָף, זיך אויך אַ ביסל אָפּגעגעבן מיט ערד־אַרבעט, וועלכע האָט, אַ דאַנק דעם טרוקענעם זומער, זיך זעלטן־ווען באַצאָלט. אָבער צו האָבן גערטנער ארום זייערע הייזקעס און שטיקלאָך פּאַרזייטע פעלדער איז שוין געווען אַ מין טראַדיציע, אַ מין ערן־צעטל, וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט פון זייערע ארומוואַנדערנדיקע שכנים, וועלכע האָבן געצויגן די לעבנס־מיטלען אויסשליסלאַך פון זייערע סטאַדעס.

מישקאַ באַרקין איז געווען פונ׳ם דריטן דור. ער איז געבוירן געוואָרן אין סטעפּ און אויסגעוואַקסן צווישן פערד און קעמל. אַחוץ זיין מוטער־שפּראַך האָט ער, ניט פיל ערגער פון די איינגעבוירענע, גערעדט אויף די פאַרשיידענע ארומיגע דיאַלעקטן: קירגיזיש, אָזבעקיש, קאַלמיקיש, דונגאַניש און איז דער פלינקייט, מיט וועלכער ער פלעגט זיך טראָגן אויף זיין שקאַפּע, יאָגנדיק זיך מיט׳ן ארקאַן אין האַנט נאָך ניט־געצאַמטע פערד, האָבן זיך ניט פילע מיט אים געקענט פאַרגלייכן. ווען ניט זיין שטענדיק צופּאַטלטער קאָפּ בלאָנדע האָר און די גרויע,

קליינע אויגן, וואָלט אים יעדערער אָנגענומען פאַר אַ ריין־בלוטיקן קירגיז.

פון די אָרומיקע וואַנדערנדיקע פעלקער האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט די לוסט צו בייטן פּלעצער און צו אַכצען יאָר, ניט געפינענדיק שוין מער קיין נייס אין די אָרומיקע סטעפּעס, איז ער אַוועק אין די גרויסע רוסיש־אַזיאַטישע שטעט. אין פינף יאָר צייט האָט ער אויסגעשפּאַנט גאַנץ טורקעסטאַן, אַ שטיק פּערסיע און זיך אַ לאָז געטאָן אין דער ריכטונג צו אינדיע, דורך אַפגאַניסטאַן.

איך האָב זיך צו יענער צייט געפונען ביים גרענעץ פון דער זאַקאַספּישער געגנט און איך געטרוימט וועגן דער געהיימניס־פולער אינדיע דורך אַפגאַניסטאַן.

דער וועג איז אָבער געווען זייער אַ געפערלאַכער. און אַזוי ווי קיין צו גרויסן חשק גע׳הרג׳עט צו ווערן פון די האַלב־ווילדע אַפגאַנער, אויפגעגעסן צו ווערן פון טיגערס, אָדער גלאַט אַזוי אומקומען אין דער וויסטע האָב איך ניט געהאַט, האָב איך באַשלאָסן ניט צו קריכן אַליין דעם טייוול אין די ציין אריין און וואַרטן אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט.

ניט ווייט פון דער רוסישער פעסטונג „קאַשקאַ“, וועלכע געפינט זיך ביים טייכל קאַשקאַ, נעבן אַפגאַניסטאַנישן גרענעץ, האָב איך זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט מישקען און מיר האָבן זיך גיך זייער באַפריינדעט.

אונזער באַגעגעניש איז פאָרגעקומען נעבען אַ שנעל־לויפנדיקן, קרישטאָל־ריינעם „אַריק“, און איז געווען ניט פון די גאָר פריינטלאַכע: ווייל באַרקין איז נאָכדעם מער ווי אַ חודש אַרומגעגאַנגען מיט אַ צודראַפּעטער נאָז און אַן אונטערגעשלאָגן אויג און איך האָב ניט קיין קירצערע צייט געהינקט אויפ׳ן רעכטן פוס און עטלאַכע טעג זיך ניט געקאָנט צורירן צו די אויבערשטע זעקס ריפּן. געשען איז עס אַזוי:

אַרום צוועלף־איינס אַזייגער בייטאָג בין איך איין מאָל געלעגן אַ האַלב־נאַקעטער אויפ׳ן זאַמד נעבן אַריק און זיך גע־

פרעגלט אויף דער זון. ניט ווייט האָבן זיך געבאָדן עטלאַכע סאָרטן און מיט זיי אַ מחנה קינדער. כ'האָב זיך אַלע ווײַלע איבערגעדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער און דאַכט זיך פון קיין זאַך ניט געטראַכט. זיך בלויז געוואַרימט אונטער דער זון, זיך צוגעהערט צום גערויש פון די קינדערשע שטימען און צום לויף פונ'ם טייכל, כמעט נעבן סאַמע אויער. און נאָך האָב איך, גיכער אינסטינקטיוו ווי באַוואוסטזיניק, זיך צוגעהערט צי עס דערטראָגט זיך ניט פון וואַנען אַ זשיפּע פון אַ שלאַנג. ווי לאַנג כ'בין אַזוי געלעגן ווייס איך ניט. ווען מען ליגט און מען וואַרימט זיך אויף דער זון און קיין דאגות וועגן מאָרגן זײַנען ניטאָ, שפּאַרט זיך די צייט אַליין אויך צו נעבען דער זייט און כאַפּט אַ דרימל.

אימיצער איז פאַרבייגעגאַנגען און, ווי אינמיסטן, מיך אײַנגאַנצן באַשאָטן מיט זאַמד. כ'האָב זיך שנעל אויפגעזעצט. דער פאַרבייגייער איז שוין געווען עטליכע טריט פאַראויס. פון הינטן, נאָך זײַנע קליידער און נאָך דעם אופן ווי אַזוי ער האָט געשטעלט זײַנע פיס, האָב איך באַשלאָסן, אַז דאָס דאַרף זיין אַ קירגיז.

— עי, דו זשערעבעץ! קענסט גאָר ניט גיין אַנדערש ווי נאָר צו וואַרפען אַזוי ווילד מיט די פיס? — האָב איך בייז אים נאָכגעשריען.

ער איז שטיין געבליבן, זיך לאַנגזאַם אויסגעדרייט, מיך אויפמערקזאַם באַטראַכט, אַ שפּיי געגעבן אָן אַ זייט און רואיק געענטפערט:

— שווייג בעסער, דו פּאַסקודנער הונט!

— אַ הונט איז דיין טאַטע געווען און פון הינט שטאַמסטו!

אַ פינף־שטאָקיקע, קונציק־געפלאָכטענע קללה האָט מיר גלייך באַוויזן, אַז כ'האָב דאָ צו טאָן מיט אַ ריין־בלוטיקן רוס.

די קללה איז מיר זייער געפעלן און אַלס אַנערקענונג וואָלט איך אים אפשר געוואָלט אָפּגעשווויגן. איז אָבער די צרה געווען, וואָס איך אַליין בין אין דעם הינזיכט געווען אַ שטיקל קינסטלער און געקענט נאָך אַ שענערן מי־שבורך, אַ ביסל אַ לענגערן, אַ

זעקס־שטאָקיקן, מיט דער אור־באָבען אַלס צוגאָב. און ווען כ׳האָב עס ממש אויסגעדעקלאַמירט פאַר אים, איז ער אַזש שוואַרץ געוואָרן פון רציחה און זיך גלייך אַ לאָז געטאָן צו מיר מיט אויפגעהויבענע פויסטן.

איך בין אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אָפּגעטראָטן אַ ביסל פונ׳ם טייכל.

גייענדיק האָט ער אַראָפּגעריסען פון זיך דאָס קורצע פּעלצל, עס אַ שליידער געטאָן אָן אַ זייט און אָן איבעריקע רייד זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מיר.

כ׳האָב ניט ערוואַרטעט אַזאַ שנעלן אָנפאַל, און דער ערשטער זעץ, וועלכן כ׳האָב געכאַפּט אין אויער אַריין, האָט, ווי מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, געדאַרפט אָפּקלינגען אויף עטלאַכע מײַלן אַרום. כ׳האָב זיך אויך ניט געלאָזן לאַנג בעטן און הילכיקע פּעטש און שטומפּע קלעפּ, געמישט מיט אָפּגעהאַקטע קללות, האָבן פאַרפילט די לופט. באַלד האָבן מיר זיך שוין ביידע געוואַלגערט אויפ׳ן זאַמד, זיך געבוכטשעט אין די זייטן, געסאָפּעט ווי צוויי פאַריאָגטע פערד, אַלץ זיך געריסן איינער דעם צווייטן פאַר׳ן האַלז אָנצוכאַפּן. מיר האָבען זיך געקייקלט איבער׳ן גראָז, זיך געדרייגעט מיט די פיס, געבראָכן די אַרומיקע קוסטן און ענדלאַך זיך אָפּגעריסן פונ׳ם ניט הויכן, אָבער גלייך אָפּגעהאַקטן ברעג, און אַריינגעפאַלן אין טייכל אַריין.

דאָס וואַסער איז געווען ניט טיף, אָבער שטורמיש, און דער גרונט — געדיכט אויסגעשפּרייט מיט קיילאַכיקע, פאַרביקע שטיינדלאַך. פאַלנדיק, און ניט וועלנדיק אַרויסלאָזן איינער דעם צווייטן פון די הענט, האָבן מיר זיך ביידע אַ דריי געגעבן אין דער לופטן און געפאַלן מיט די קעפּ אַראָפּ, אויף די שטיינדלאַך.

דער קלאַפּ, דאָס אייז־קאַלטע וואַסער, וואָס האָט זיך גלייך איבער אונז גענומען טראָגן, האָט אָפּגעקילט אונזערע צעהיצטע געפילן. מיר האָבן אָפּגעלאָזט איינער דעם צווייטן און, זיך ניט אויפהערנדיק שילטן, גענומען אַרויסקריכן פונ׳ם טייכל, זיך פאַרטיק מאַכנדיק צו אַ נייעם קאַמף.

ער איז אַרויס דער ערשטער און זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ קאַמפּס־פּאָזע נעבן אַ גרויסע קוסטן. ווי נאָר איך האָב אַוועקגע־שטעלט דעם פוס אויפ'ן ברעג, האָב איך פון ווייטנס באַמערקט אויפ'ן צווייגל נעבן זיין קאָפּ אַ רויטע באַוועגונג פון אַ גיפטיקן שלענגל.

— בויג אָן דעם קאָפּ: אַ שלאַנג! — האָב איך מיט שרעק אַ געשריי געטאָן.

ער האָט זיך שנעל אָנגעבויגן און אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט. איך בין אַרויס פונ'ם וואַסער. מיר האָבן צוזאַמען אַראָפּגעטריבן דאָס שלענגל פונ'ם צווייג און עס גע'הרג'עט. דערנאָך האָבן מיר זיך ביידע אַוועקגעשטעלט אין די זעלבע פּאָזעס ווי פריער, פּאַר־טיקע אָנצופאַנגען אַ נייעם געשלעג.

אַ פּאָר מינוטן האָבן מיר ביידע מיט אַ געמאַכטער בייזקייט געקוקט איינער אויפ'ן צווייטן, געוואָלט זיך אַליין מיט עפּעס אויפרעגן, אַרויסרופן אַ כעס. ס'איז אָבער געווען אומזיסט: אונזערע הערצער האָבן גאַנץ רואיק געקלאַפּט, די מוסקולן זיינען געהאָנגען ווייך און פויל און דער באַוואוסטזיין האָט זיך גע־קאַטשעט פון געלעכטער, אָנווייזנדיק אונז ווי לעכערלאַך מיר זעען אַצינד ביידע אויס.

אָך האָב אָפּגעטראָטן דער ערשטער, זיך אַראָפּגעלאָזט אויפ'ן גראָז און לייכט אָפּגעקערט דעם קאָפּ. ער איז נאָך געשטאַנען אַ פּאָר מינוטן, אַ קרומען שמייכל געגעבן און אומצופרידן גענומען אויס־טאָן די נאַסע קליידער און זיי אויסלייגן זיך טריקענען אויפ'ן הייסן זאַמד. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ניט ווייט און גענומען צונויפדרייען אַ פּאַפּיראָס.

אומבאַמערקט האָט ער געטאַפּט זיין ברוין אונטערגעשלאָגן אויג און צעקראַצטן פּנים און איך האָב פאַרשנדיק באַוועגט דעם אויסגעדרייטן פוס און געפילט ווי דער ברוסט־קאַסטן איז מיר אינגאַנצן צודריקט.

אַ מינוט צען האָבן מיר ביידע געשוויגן. דערנאָך האָט ער מיט פאַרוואורף, קוקנדיק צום טייכל, אַ זאָג געטאָן:

— נאַ דיר אַ זשערעבעץ... אַזעלכעס שווייג איך קיינמאָל ניט אָפּ!

און איך האָב אין דער זעלבער ריכטונג געענטפערט:

— ווען אַ מענטש גייט, באַשיט ער ניט דעם צווייטנס פּנים מיט זאַמד.

ער האָט אַ ברייטן שמייכל געגעבן און זיינע גרויע אויגן האָבן אָנגענומען דעם זעלבן אויסדרוק ווי ביי אַ קינד, ווען מען כאַפּט פּונקט אין דער מינוט, ווען עס רוקט אַריין די האַנט אין סלוי איינגעמאַכץ. ער האָט געענטפערט שוין קוקנדיק נעענטער צו מיר:

— כ׳האָב געמיינט אַ סאָרט ליגט.

איך האָב אים אַלעס גלייך מוחל געווען: אַז אַ רוס זאָל דורכגיין און באַשיטן אַ ליגנדקין סאָרט מיט זאַמד, איז פאַר מיר געווען אַ גאַנץ פאַרשטענדלאַכע זאַך און ווי אָפּגעווישט אַביסל דאָס געפיל פון באַליידיגונג. כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף אים, ערשט אַצינד באַמערקט זיין פּראָסטן, אָבער סימפּאַטישן פּנים, מיט דער קורץ קיילאַכדיקער נאָז, דעם קינדערשן שמייכל און די קופּקעס בלאָנדע, נאַסע האָר, וועלכע זיינען אין אַ פּאָר פּלעצער שפּיציק געשטאַנען. כ׳האָב אים גלייך אין פּנים אַ קוק געגעבן:

— קוקט מען איידער מען שיט.

ער האָט זיך צולאַכט:

— אָט אַ חכם! ווי אַזוי האָב איך עס דיר געקאָנט הייסן אויפהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק טאָן?

דאָ האָב איך באַמערקט זיין צוקראַצטן פּנים און דאָס אונ־טערגעשלאָגענע אויג און ס׳האָט מיר גענומען באַנג טאָן אויפ׳ן גאַנצן געשלעג. כ׳האָב אומצופרידן געזאָגט:

— צוויי נאַרישע צאַפּעס האָבן זיך באַגעגנט נעבן אַ טייכל און גלאַט אַזוי זיך צעשלאָגן. דו האָסט מיר מיינע אויבערשטע עטלאַכן ריפּן צעקוועטשט און אַ פּוס אויסגעדרייט.

ער האָט גענומען בטאַפּן זיין פּנים און וואָרטשען:

— און ווי אַזוי וועל איך עס אַצינד, מיט אַזאַ חזיר׳שן פּנים,

זיך פאַר מענטשן קאָנען ווייזן? און צו וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר טראָגסטו אַזעלכע גרויסע נעגל? דאָס איז גוט פאַר באַבעס, פאַר קעץ, ניט פאַר קיין מענער... בעסער וואָלסטו מיר געווען די ריפּן צעדריקט און אַ פּוס אויסגעדרייט.

— האָסט אַ טעות — האָב איך אים געפּרוואווט באַרואיקן, — דער פּוס איז שוין גאָר קיין שפּילכל ניט: הלואי זאָל איך אין צוויי וואָכן אַרום קאָנען גלייך גיין.

ער האָט זיך צוגערוקט צו מיר, זאָרגפעלטיק באַטאַפּט די שלעסער פון דער קני און גענומען דערציילן, וואָס די קירגיזן טוען אין אַזעלכע פאַלן. זיין פּנים איז דערביי געווען פאַרזאָרגט, די גרויע אויגן האָבן געקוקט שולדיק.

נאָך זיין עצה האָב איך זיך אוועקגעלייגט אויף דער לינקער זייט, ער האָט זיך אוועקגעזעצט אַנטקעגן מיר און שטייף אָנ־שפּאַרנדיק זיינע ביידע פּיס אָן דער פּיאַטע פון מיין לינקן פּוס, שטאַרק גענומען ציען און דרייען מיין רעכטן פּוס. דערנאָך האָט ער גענומען שפּייען אין זיינע הענט און מיר איינרייבן דעם רעכטן היפּט־ביין.

דער ווייטאָק האָט אַביסל נאָכגעלאָזט. מיר האָבן זיך צע־רעדט. איך האָב אים דערציילט פון רוסלאַנד און פון אייראָפּע, ער מיר — פון זיינע סטעפּעס.

ווען מיר זיינען הונגעריק געוואָרן, איז ער אוועק צום דער־בייאיקן סאַרטישן „קישלאַק" (דאָרף) און באַלד צוריק געקומען מיט „קוקורעק" (סאַרטיש ברויט געבאַקן אויף גרויסע, ערדענע, צוגליטע כלים) און אַ גאַנצן קאָשיק מיט פאַרשיידענע פּרוכטן. מיר האָבן אָפּגעגעסן און פאַרבראַכט צוזאַמען ביז'ן אָוונט.

געזעגנדיק זיך האָבן מיר אָפּגעמאַכט וואו זיך מאָרגן פרי צו טרעפן. ער איז אַוועק שלאָפן צו די סאַרטן אין דאָרף און איך — אין נאָענטן שטעטל, וואו כ'האָב זיך אויפגעהאַלטן ביי אַ רוסישער פאַמיליע.

אַט אַזוי האָט זיך אָנגעפאַנגען מיין פריינטשאַפט מיט מישקאַ באַרקין.

* * *

מיך האָט שטאַרק אינטערעסירט דאָס לעבן פון די סטעפּישע פעלקער און מישקאַ איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן צו ריידן וועגן זיי. ער פּלעגט מיט די קלענסטע איינצלהייטן איבערגעבן אַלע זייערע גענג און זיטן, דעם אַרט פון זייער לעבן, זייער גאַסט־פריינטלאַכקייט, די קינדערשע גרויזאַמקייט און נאַאיווע גוטס־קייט און אויף דעם אַלעמען שטענדיק אַרויפוואַרפן זיין אייגענעם שלייער, אַ שלייער פון געהיימניספולן צויבער.

דעם נאָמען קירעי־כאַן פּלעגט ער דערמאָנען אָפטער פון אַלע אַנדערע נעמען און זיין פּנים האָט זיך דערביי שטענדיק באַלויכטן מיט אַ טרוימערשן, עטוואָס שעלמישן שמייכל. די גרויע, קליינע אויגן פּלעגן דאַן גרעסער ווערן, העלער אַ שיין טאָן, און זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך ליידנשאַפטלאַך און פויל געצויגן.

קירעי־כאַן איז געווען דער מעכטיקסטער און איינפלוסרייכ־סטער קירגיז אויף הונדערטער מיילן אַרום. זיינע פערד, קיביט־קעס (וועגענער) און געצעלטן האָבן זיך געציילט אין די טויזנטער, קעמלען — אין די הונדערטער, שאָף — אין די צענדליקער טויזנ־טער. ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט ווייניקער פון צען ווייבער און זיי זיינען געווען פון די יונגסטע און שענסטע. יעדער קירגיז, טאַדזשיק, קיפּטשאַק, אָדער דונגאַר, האָבנדיג אַ יונגע שיינע טאָכטער אויף חתונה צו מאַכן, האָט אויף זיכער געוואוסט, אַז קיינער וועט אים פאַר איר ניט געבן קיין רייכערן „קאַלים" (נדן), ווי קירעי־כאַן. און מען האָט פאַר פילע יאָרן געפירט צו אים פון אַלע זייטן סטעפּישע שיינהייטן.

ווען ער איז אַלט געוואָרן, האָט ער גענומען קויפן ווייבער פאַר זיינע פופצן זין, וועמעס שם אַלס העלדן האָט זיך געטראָגן פון׳ם רוסישן טייך וואָלגאַ ביז דער כינעזישער גרענעץ און פון׳ם סיבירער טייך אירטיש ביז׳ן אויסגוס פון׳ם טורקעסטאַנער טייך אַמו־דאַריאַ. אומעטום, וואו נאָר אַ קירגיזיש פערד האָט די

סטעפּישע גראָז געטראָטן, האָט מען געהערט אָדער געזען קירעי־כאַנ׳ען מיט זיינע פּופּצן אָדלער־זין און מעשות האָבן זיך גע־פּלאָכטן אַרום דעם אַלטנס קלוגשאַפט און גאַסטפריינטלאַכקייט.

אַלע קליינע פעלקערלאַך, אויף צענדליקע מײלן אַרום, פלעגן קומען צו אים נאָך עצות און אויסצוגלייכן זייערע סכסוכים. צו זיינע רייד האָט מען זיך אויפמערקזאַמער צוגעהערט, ווי צו די תפלות פון די הייליגע מוללאַס (גייסטלאַכע) און זיין באַשלוס איז מיט מער פּינקטלאַכקייט דורכגעפירט געוואָרן ווי די אַנטשיידונג פון די רוסישע געריכטן.

וויפיל טעכטער קירעי־כאַן האָט געהאַט, האָט ער, מעגלאַך, אַליין ניט געוואוסט און זייער צאָל איז אים אויך ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען. זיי האָבן געוואוינט אין די קיביטקעס אַרום זיין געצעלט און פון צייט צו צייט פלעגט צו אים קומען איינער אָדער אַ צווייטער פון די אַרומיקע רייכע קירגיזן, ברייגנען קאַלים (מתנות) און נעמען איינע פון די טעכטער פאַר אַ ווייב. ס׳האָט אַ פּאָר מאָל געטראָפן, וואָס קירעי־כאַן האָט זיך איינגאַנצן אָנט־זאָגט פון קאַלים: ביידע מאָל זיינען די איידימס געווען געזונט און שיין און דער אַלטער האָט זיי צוריקגעגעבן זייערע מתנות.

קיין גרויסע שמחות האָט מען דערביי אויך ניט געמאַכט: ס׳איז דאָך בלויז טעכטער ניט קיין זין.

די שווערד און ביקס, דעם אַרקאַן, די פייל און בויגן — האָט דער אַלטער באַהערשט ניט ערגער פון זיינע פּופּצן זין און אויפ׳ן פערד געזעסן איז ער נאָך שענער פון זיי. ס׳איז אַמאָל געווען נאָך אַ זון, אַ זעכצנטער, אָבער דער פאָטער האָט אים אַליין דער־שאָסן.

קירעי־כאַן רעדט קיינמאָל ניט וועגן זיין עלטסטן זון, אָבער אַט וואָס די אַרומיקע קירגיזן דערציילן וועגן דעם:

צו קירעי־כאַנ׳ען איז מיט זעקס יאָר צוריק געקומען צו גאַסט זיינער אַ יונגט־פריינט. געקומען איז ער מיט אַ גאַנצן קאַראַוואַן קעמלען, פערד און דינער, אַזש פון די אַסטראַכאַנער סטעפּעס, וואָס נעבן דעם גרעסטן רוסישן טייך — וואָלגאַ. ער האָט מיט

זיך געבראַכט זיינע צוויי באַליבסטע ווייבער. און אַט אין דער איגנסטער פון זיי האָט זיך נאַסאַר־כאַן, דעם אַלטנס עלטסטער זון, פאַרליבט. זיך פאַרליבט מיט אַזאַ ווילדן אימפעט, אַז ער האָט פאַרגעסן, אַז דער גאַסט איז זיין פאָטער׳ס יונגנט־פריינט, אַז גאַסטפריינטלאַכקייט איז איינע פון די הויפט געזעצן אין זייערע סטעפּעס. ער האָט אַן אַלעם פאַרגעסן, דער יונגער, הייס־בלוטיקער נאַסאַר־כאַן און געטראַכט בלויז וועגן דער וואונדער־לאַכער פאַדוא, וועמענס בעטענדיקע בליקן און רופנדיקע שמייכ־לען האָבן גלייכצייטיק געעפנט פאַר אים די טירן פונ׳ם גיהינום און גן־עדן.

און זי, פאַדוא, אַ וואַנזיניק ליידנשאַפטלאַכע, אַן אימער ניט באַפרידיקטע פון איר אַלטן מאַנס שוואַכע אומאַרמונגען, האָט זיך ווי אַ טרוקענער בוים פון אַ בליץ, העל אָנגעצונדן פונ׳ם שיינעם, שטאַרקן נאַסאַר־כאַנ׳ס בליק און אויף דער דריטער נאַכט האָט זיך שוין צונומען פאַר אים די פאַלדן פון איר געצעלט.

אָבער דער פייער, וועלכער האָט זייערע נשמות און קערפּערס געצערט, איז, ווי ס׳ווייזט אויס, צו ווילד געווען זיך צו באַנוגנען מיט די גע׳גנב׳עטע בייזאַכטיקע באַגעגענישן אונטער׳ן שווערן, שוואַרצן צודעק פונ׳ם געצעלט. ער האָט געמוזט האָבן אַרום זיך די גאַנצע פרייהייט פונ׳ם סטעפּ און איבער זיך דעם אומענדלאַכן רוים. זיי האָבן זיך געמוזט שטיקן מיט זייער ליבע, ווען ס׳האָט זיך זיי געוואָלט ווילד שרייען פון גענוס, זיך קייקלען, פעסט איינגעקלאַמערטע איינער אין צווייטן, איבער׳ן גראָז און די לופט אַרום זאָל זיי מיט טויזנטער קלאַנגען אָפּענטפערן. די גאַנצע וועלט האָט געמוזט איינטייל נעמען אין זייער פאַרבינדונג און זיי העלפן טראָגן דעם יאָך פון זייער ליבע.

און די שווערע לייווענט פון דעם געצעלט האָט זייער מאַרך געדריקט, די ווינקל־שאָטנס האָבן טאַנצנדיק אַרום, געשפּאָט פון זייער שטאָלצער, שיינער ליבע, וואָס באַהאַלט זיך ווי אַ געשלאָ־גענער הונט אונטער׳ן בעט. און די נאַכט האָט מיט טויזנטער קולות זיי אויפ׳ן גראָז און פרייען סטעפּ גערופן.

און זיי האָבן ניט אויסגעהאַלטן, האָבןביידע זייער שכל פאַרלאָרן און אויף דער זעקסטער נאַכט פון זייער ליבע, האָט נאַסאַר־כאַן זיין שוואַרצן פערד אָנגעזאַטלט, אַפּגעקליבן פון דער סטאַדע נאָך איינעם אַ שנעלן און אַ רואיקן, פאַרנומען אביסל עסן און איז אַוועק מיט פאַדוא אין סטעפּ אַריין.

מען האָט זיי געזוכט פאַרבייפאָרן. מען האָט זיך געכאַפּט, אַז זיי פעלן און קירעי־כאַן האָט גלייך אַרויסגעשיקט פערציק דייטער, צען אין יעדער זייט, מיט אַ באַפעל זיי צוריק צו ברענגען לעבעדיקע אָדער טויטע.

אַ גאַנצע נאַכט איז קירעי־כאַן, צוזאַמען מיט זיין גאַסט, געזעסן נעבן אַ גרויסן פייער ביים אַריינגאַנג פון אַלטנס געצעלט און געשוויגן. ביידע האָבן געוואַרט, געדרויכערט זייערע ליולקעס און קיין וואָרט ניט גערעדט.

עס האָט שוין געגומען טאָגן, ווען מען האָט די אַנטלאָפענע צוריק געבראַכט. נאַסאַר־כאַן איז געזעסן אַ געבונדענער אויף זיין פערד. ער האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, האָט מען אים געמוזט נעמען מיט געוואַלד. פאַדוא איז געווען טויט. זי האָט זיך אַליין דערשטאָכן.

אַ בלייכער, מיט אַ טיף געבויגענעם קאָפּ איז נאַסאַר־כאַן געשטאַנען פאַר'ן פאָטער. דער אַלטער האָט געמאַכט אַ צייכן מען זאָל פון אים אַראָפּנעמען די שטריק. דערנאָך האָט ער שטיל געזאָגט:

— נאַסאַר, מיין עלטסטער זון, דו האָסט היינט ביינאַכט באַדעקט מיין הויז און נאָמען מיט אייביקער שאַנדע. פון מאָרגן אָן, ווען אימיצער וועט אין די סטעפּעס באַטריגן זיינעם אַ פריינט, אָדער צו שאַנד מאַכן אונזער הייליקן מנהג פון גאַסטפריינטלאַכקייט, וועט זיין שכן שטענדיק דערמאָנען: ער האָט געהאַנדלט פונקט ווי נאַסאַר־כאַן, קירעי־כאַנ'ס עלטסטער זון... און אַזוי וועט עס שוין פאַרבלייבן ווי לאַנג די סטעפּעס וועלען אַרום זיך שפּרייטען און קירגיזן וועלען אויף זיי וואוינען... — ער האָט געשוויגן אַ פּאָר מינוטן, דערנאָך אַרויסגענומען פון קעשענע אַ

רעוואָלווער און אים דערלאַנגט: — נאַ, מיין זון, באַשטראָף זיך אַליין פאַר דיין שווערן פאַרברעכן!

און נאַסאַר האָט גענומען דעם רעוואָלווער, געקוקט אַ ווײַלע, ניט גלויבנדיק אויפ׳ן פאָטער, און באַגעגנדיק זיין שאַרפן, באַפעלנדיקן בליק, האָט ער צוגעלייגט דאָס מויל פונ׳ם רעוואָלווער צום שטערן, אויפגעציטערט, דערפילנדיק די קאַלטקייט פונ׳ם שטאָל און זיין האַנט איז מאַכטלאָז אַראָפּגעפאַלן.

— איך קאָן ניט, פאָטער... איך וויל ניט שטאַרבן!

און קירעי־כאַן האָט פון אים זיין שטרייגנען בליק ניט אַראָפּגענומען און פעסט געזאָגט:

— ווער עס קאָן באַגיין אַ פאַרברעכן מוז אויך קאָנען פאַר דעם צאָלן!

און דעם צווייטן מאָל האָט נאַסאַר זיין האַנט מיט׳ן רעוואָלווער צום קאָפּ געהויבן, מיט געבעטן דעם פאָטער אין פּנים אַריינגעקוקט און ווידער איז זיין האַנט מאַכטלאָז צוריקגעפאַלן.

— פאַרגיב, פאָטער... איך קאָן ניט!

און קירעי־כאַן האָט אויסגעשריען:

— דו מוזט קאָנען! צי ביזטו ניט מיין זון?

און נאַסאַר־כאַן האָט פאַרמאַכט די אויגן און, ציטערנדיק מיט׳ן גאַנצן קערפּער, מיט אַלע כחות, פּונקט ווי דער רעוואָלווער וואָלט גאָט ווייסט וויפיל געוואויגן, אים צום דריטן מאָל צו זיין שלייף צוגעדריקט. אַ פּאָר מינוטן איז ער אַזוי געשטאַנען מיט פעסט צונויפגעפּרעסטע ליפּן און זיך לאַנגזאַם געשאָקלט פאָרויס און צוריק. און ווען זיין האַנט האָט זיך ווידער אָן כח אַראָפּגעלאָזט און ער האָט זיך גענומען וואַקלען ווי צום פאַלן, האָט דער אַלטער אַרויסגעכאַפּט פון זיין קעשענע אַ צווייטן רעוואָלווער און אַריינגעשאָסן דריי קוילן אין זיין עלטסטן זונ׳ס ברוסט.

און אַזוי איז ער געשטאַנען באַוועגלאָז, אַ געל־בלייכער, אַ שטרייננגער, ביז נאַסאַר־כאַן איז צו דער ערד געפאַלן, זיך באַגיסנדיק מיט בלוט.

דריי טעג האָט דער אַלטער נאַכער איינער אַליין ביי זיך אין געצעלט פאַרבראַכט, ניט צוגענומען קיין עסן, קיינעם ניט צוגע־לאָזן צו זיך. אפילו זיין גאַסט האָט ער ניט געוואָלט מער זען און יענער איז אַ דערשלאָגענער אַוועק אויפ׳ן צווייטן טאָג מיט זיין קאַראַוואַן אַהיים. באַגראָבן האָט מען נאַסאַר־כאַנ׳ען נאָך שטילער און שנעלער ווי אַ געוויינלאַכן קירגיז און קיינער איז נאָך זיין טויטן קערפּער ניט נאָכגעגאַנגען. די ברידער האָבן בלויז זיין טייערן, שוואַרצן פערד דערשאָסן: קיינער זאָל שוין מער אויף אים ניט רייטן...

אויפ׳ן פערטן פרימאָרגן איז קירעי־כאַן אַרויס פון זיין גע־צעלט און געהייסן אָנזאָטלען זיין פערד. און זיינע פּופּצן זיך, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט אַרום זיין געצעלט געוואַכט, האָבן אויף אים מורא געהאַט אַ קוק צו טאָן: זיין עטוואָס גרוי בערדל און קאָפּ זיינען אינגאַנצן ווייס געווען... ווייס ווי די שפּיצן פון די שניי־בערג...

אָט אַזוי האָט געהאַנדלט קירעי־כאַן.

* * *

ריידנדיק וועגן קירעי־כאַנ׳ען, איז מישקאַ׳ס פּנים שטענדיק געווען ערנסט און זיין בליק פול מיט דער טיפסטער אַכטונג. ווען אין געשפּרעך האָבן זיך אָבער אַמאָל אויך אַריינגעצויגן דעם אַלטנס ווייבער — דאַן פלעגט באַרקינ׳ס ברייטלאַך פּנים ווי צושמאָלצן ווערן פון נחת. די אויגן האָבן זיך באַדעקט מיט אַ שיינענדיקער פייכטקייט און דאָס מויל האָט זיך ממש אין צווייען געריסן פון אַ טריאומפירנדיקן געלעכטער. ער פלעגט מיך דערביי נעמען שטורכען אין די זייטן, קלאַפּן איבער׳ן אַקסל, זיך אומרואיק איבער־זעצן פון איין פלאַץ אויפ׳ן צווייטן.

— יאָ, ברודערקע, אַזוי איז עס!... אַ מענטש איז אַ חכם, הערט און זעט וואָס עס טוט זיך פאַר טויזנטער מיילן און מערקט ניט, וואָס עס קומט פאָר אונטער זיין אייגענער נאָז... פאַרשטייסט? אונטער דער אייגענער נאָז...

— און דו ביזט עס דער חכם, וועלכער זעט און פאַרשטייט אַלעס?! — האָב איך איראָניש באַמערקט און גלייכגילטיק אָפּ־געקערט דעם קאָפּ.

דאָס גלייכגילטיקע אָפּקערן זיך, איז פון מיין זייט געווען ניט מער ווי אַ גאַנג אויפצורייצן מישקאַ׳ס זעלבסטליבע, אים לייכט מיט דעם באַליידיקן און אַזוי אַרום צווינגען שנעלער אַרויסצוזאָגן וואָס ער וויל. אַנדערש, באַמערקנדיק מיין נייגעריקייט צו זיינער אַ געשיכטע, פלעגט ער זיך צולייגן אין דער ברייט און לייגג, האָט אַרומגעפלאָנטערט דעם אינהאַלט מיט טויזנטער ניט נויטיקע קליי־ניקייטן און גלאַט אַזוי ליב געהאַט זיך אַלע מאָל פאַרטראַכטן און מאַכן ציגאַרקעס. ער פלעגט אַזוי לאַנג ציען, ביז כ׳פלעג ווערן אָן אויפגעקאָכטער, אים שיקן צו אַלדע שוואַרצע יאָר און זיך איג־גאַנצן אַנטזאָגן אים אויסצוהערן. דעמאָלט איז ער ערשט אַרויס־געקומען מיט דער אמת׳ער געשיכטע, אָבער איך פלעג זיך מאַכן, אַז איך בין שוין גלייכגילטיק צו איר, אַז איך טו אים אַ געפעליקייט זי האַלב אויסהערנדיק.

מישקאַ האָט זיך צולאַכט און געענטפערט:

— אַזאַ קלוגער ווי קירעי־כאַן בין איך זיכער ניט, אָבער פּרואוו אַוועקנעמען מיינע אַ געליבטע, וועל איך דיר אַלע ציין אויסשלאָגן.

— אויב וועסט נאָר וויסן וועגן דעם.

— אָ, נאַרישקייטן, ברודער! ווי אַ הונט אַ צויג, אַזוי וועל איך דערשמעקן דעם אמת. מיך נאַרט מען ניט!

כ׳האָב געזען, מיר פאַרקריכן אָן אַ זייט און שנעל צוגעגעבן:

— ס׳איז נאָך אַ גרויסער צווייפל צי מען האָט אויך דעם אַלטן גענאַרט. מאַלע וואָס דיר קאָן זיך דאַכטן.

איך האָב געטראָפן אין ציל. מישקאַ האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער:

— וואָס מיר קאָן זיך דאַכטן?... אָ, דו אַייזל איינער! אַנו, פרעג מיך, וויפיל מאָל איך בין געשלאָפן מיט דער טייערינקער, פּעטינקער כאַנים? צוואַנציק מאָל וועט זיין אַ ליגן. איך פלעג זיי דערציילן, אַז כ׳פאָר אויף ביינאַכט אין סטעפּ אַריין און גלייך,

ווען ס'פלעגט נאָר פינסטער ווערן, בין איך שוין געווען ביי איר. עך, ברודער, איז דאָס אַ כאַנים! זי צוגייט זיך ווי האָניק אויף די ליפּן! נו, און ביי נאָסאַר־כאַנ'ס עלטסטער ווייבל האָב איך ווייניק נעכט פאַרבראַכט? זינט דער אַלטער האָט זיין זון דער־שאָסן, לאַנגווייליקט זי זיך איינע אַליין ביי זיך אין געצעלט. זי איז שוין איינמאָל אַ געשמאַקע באַבעלע, ווי אַ פּאַמפּושקע, אָבער צו כאַנים קומט זי ניט! וואו האָט זי דאָס פייער, די בויגיקייט... אַז כאַנים קלאַמערט זיך איין, איז ווי אַ ברענענדיקע שלאַנג. ס'איז זיך ניט אַרויסצורייסען פון אירע הענט!... — ער האָט מיר דער־לאַנגט אַזאַ באַגייסטערטן קלאַפּ איבער דער פּלייצע, אַז כ'האָב גע־פילט, ווי דער אַקסל פאַלט מיר אָפּ. כ'האָב זיך אָבער בלויז אַ קרים געטאָן און מורא געהאַט אים איבערצושלאָגן.

— דו זאָגסט, מיר דאַכט זיך. ניין, ברודערל, מישקאַ באַר־קינ'ען נאַרט מען ניט אַזוי לייכט: ער האָט שוין צופיל אַנדערע אין לעבן אָפּגענאַרט און קאָן די שפּיל ביז'ן קלענסטן נעגעלע. אָט הער: צום אַלטן זיינען גאַנץ אָפט פון דער שטאָט געקומען זיינע צוויי גוטע פריינט — געזונטע, שיינע, רוסישע אָפיצערן. זיי פלעגן אים ברייננגען פּרעזענטען און פאַרברייננגען ביי אים אַ וואָך אָדער צוויי. און דער אַלטער נאָר איז זיך רואיק געשלאָפן ביי זיך אין פּאַלאַטקע, מיט זיין אָפּיום־ליולקע ביי דער זייט, און ניט גע־וואוסט, אַז זיינע געסט אונטערהאַלטן זיך גאַנץ פיין מיט זיינע ווייבער. אין דעם הינזיכט האָט דער קלוגער אַלטער געהאַנדלט נאַרישער פונ'ם געוויינלאַכסטן קירגיז. ער איז געווען איינפאַך בלינד ווי אַ סאָווע בייטאָג. ער האָט זיך אפילו גאָר ניט פאַר־טראַכט, ווי קומט עס, וואָס אייניקע פון זיינע ווייבער גייען אַזוי אָפט אַרום מיט געשוואָלענע בייכער?...

לאַכנדיק האָט מישקאַ גענומען דרייען אַ ציגאַרקע. איך האָב געשוויגן, ניט וועלענדיק איבערשלאָגן דעם גאַנג פון זיינע גע־דאַנקען.

— און וואָס זשע מיינסטו? דעם אַלטנס בלינדקייט באַ־צאָלט זיך טאַקע: ווערסט אַמאָל זען, וואָס פאַר אַ געזונטע, שיינע

יונגען זיינע פּופּצן זין זיינען. ווי סטעפּ־אָדלערס אָדער ווי אַ שוואַר־צער סטעפּ־שטורם טראָגן זיי זיך אויף זייערע שוואַרץ־ברענענדיקע דזשאָיריק־פערד. איך קאָן שווערן ביי וואָס פאַר אַ טייוול דו ווילסט נאָר אַליין, דעם קאָפּ בין איך פּאַרטיק איינצולייגן אַנטקעגן דיינער אַ נוס, אַ צוויי־דריטל פון׳ם אַלטנס זין זיינען ניט זיינע! כאַ־כאַ־כאַ!... מען קאָן עס דערקענען זיך גוט צוקוקנדיק צו דער פאַרב פון זייערע פּנים׳ער און צו זייערע נעזער...

ער האָט אוועקגעוואָרפן די ניט־דעררויכערטע ציגאַרקע און געשווינט גענומען דרייען אַ נייע. פאַררויכערנדיק, האָט ער זיך צוגערוקט צו מיר אַביסל נעענטער און קוים איינהאַלטנדיק דעם געלעכטער, שטילער גענומען דערציילן:

— וואָס דאַרפסטו מער? איך גלויב, מיר וועלן נאָך אַמאָל צוזאַמען זיין ביים אַלטן אין לאַגער און כ׳וועל דיר ווייזן אַ דריי־יאָריקן, האַלב־בלאָנדן קירגיזעלע, וועלכן די פעטע כאַנים האָט גע־בוירן, און דו וועסט אַליין גלייך דערקענען, אַז דאָס איז מיין שטיקל אַרבעט... מיינס ברודערקע, פון קאָפּ ביז די פיס, מיינס! וועסט עס פון ווייטן דערקענען... כאַ־כאַ־כאַ!.. דעם קינד׳ס אויגלאָך זיינען אַפילו ניט קיין שוואַרץ־שמאָלינקע, קירגיזישע, נאָר ברייטערע און עטוואָס גרויע, ווי מיינע... און ווען איך בין דאָרט פאַראַיאָרן געווען, האָט מיר דער אַלטער נאָך אַליין געוויזן דאָס קינד און גאָר אָנגעקוואָלן וואָס פאַר אַ קלוגער בחור זיין אינגסטער זון איז און ווי פיין ער רייט שוין אויף אַ פערדל. כאַ־כאַ־כאַ!... זיין אינגסטער זון! דער פעטער כאַנים׳ס קינד מיט האַלב־בלאָנדע האָר און גרויע אויגן.

מישקאַ האָט הילכיק געלאַכט, פאַרוואָרפנדיק דעם קאָפּ אויף צוריק, געטאָפּעט פון גרויס פאַרגעניגן מיט די פיס און זיך גע־פּאַטשט מיט ביידע הענט איבער די קני. ווען ער האָט זיך באַ־רואיקט, האָט ער ווייטער דערציילט:

— איך ווייס בלויז פון איין פאַל, ווען דער אַלטער האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז מען וויל אים אָפּנאַרן. אָבער דאָס פאַרשטיין איז געווען נאָך נאַרישער, ווי דאָס גאַנצע פריערדיקע ניט וויסן.

ער האָט דערזען אַ פּלוי און ניט באַמערקט דעם הונט. דאָס איז געווען פאַראיאָרן. איך האָב דאָן פאַרבראַכט ביי קירעי־כאַנ׳ען גאַנצע פינף וואָכן. מיין כאַנים איז גאָר אַ לעבעדיקע געוואָרן און איך פלעג זיך נאָך פון צייט אַריינכאַפּן צו זעילע׳ן, דעם אַלטנס אַן עלטערע ווייב. דעמאָלט האָט קאַפּיטאַן באַראַשקין, אַ געזונטער, שיינער יונג, וועלכער פלעגט צוויי־דריי מאָל אין יאָר קומען צו קירעי־כאַנ׳ען צו גאַסט, איינמאָל מיטגעבראַכט מיט זיך אַן אַלטן, פּאַסקודנעם גענעראַל. ער האָט אים, ווי ס׳ווייזט אויס, אויך צו־געזאָגט מכבד צו זיין מיט אַ סטעפּישער קאַרסאַוויצע. ער האָט זיך אָבער אָפּגענאַרט. ניט קוקנדיק אויף די שיינע פּרעזענטן און פריינטלאַכע רייד האָט דער אַלטער פּאַרט דערשמעקט, וואָס דער גענעראַל וויל. קיין סקאַנדאַל האָט ער ניט געמאַכט, פּאַרט אַ גענעראַל, קאָן נאָך אָנמאַכן צרות. וואָס זשע האָט ער געטאָן? אַ קליניקייט: ער האָט איינפאַך געהייסן אונטערבייטן זיין פרע־וואָסכאָדיטעלסטוואָ די פרויען. און אויפ׳ן אָרט פון דער שיינער, פעטער כאַראַבאַ, וועלכע דער אָפיצער האָט דעם גענעראַל בייטאָג אָנגעוויזן, און צוגעזאָגט אויף ביינאַכט אים אַריינצולאָזן צו איר אין געצעלט, האָט ער פאַרבראַכט דריי שטונדן מיט אַן אַלטער, צוגאָסענער קירגיזקע, וועלכע האָט קיין פינף קאָפּיקעס די ווערט ניט געהאַט. און קירעי־כאַן האָט פּערזענלאַך געהיט פונ׳ם צוויי־טן געצעלט, זיין באַפעל זאָל שטריינג דורכגעפירט ווערן. קיינער האָט ניט געוואוסט וועגן דעם און דער גענעראַל איז אויפ׳ן צווייטן טאָג אָוועקגעפאָרן אַ צופרידענער, צוזאָגנדיק אינגיכן ווידער צו קומען.

און יעדעס מאָל פלעגט מישקאַ ענדיקן זיינע אַ געשיכטע מיט אַ פּיל באַדייטנדן צוזאָג:

— דו וואַרט נאָר צו אַביסל... זאָל זיך נאָר מאַכן אַ געלעגנ־הייט דיך מיט אים צו באַקענען. אויב דו וועסט אים געפעלן — איז אַלעס גוט. דעמאָלט לאַדט ער דיך איין צו זיך אויף עטלאַכע טעג און דאָס איבעריקע לאָז שוין איבער צו מיר. איך וועל דיך שוין, ברודערקע, פאַרזאָרגן מיט אַזאַ נשמה׳קאַלע, אַז וויפיל וועסט לעבן, וועסטו מיך ניט פאַרגעסן... ס׳וועט זיך דיר גאָר ניט גלוסטן

פון דאָרטן אוועקצופאָרן. — ער האָט שווער אָפּגעזיפּצט.

איך האָב עטוואָס אָפּגעקערט דעם קאָפּ, מישקאַ זאָל ניט באַמערקן, אַז מיינע באַקן האָבן זיך גענומען רויטלען, אַז מיינע אויגן כאַפּן ביסלאַכווייז איבער דעם גלאַנץ פון זיינע. כ׳האָב געקעמפט מיט זיך, גערופן צו הילף מיין שכל, מיין לאָגיק, מיין גאַנצע אַנשטענדיקייט, עטלאַכע מאָל געוואָלט אָפּשטעלן זיינע ציניש באַמערקונגען וועגן אַלטנס פרויען און טעכטער און ניט געקאָנט, אָדער פּשוט, טאַקע ניט געוואָלט. כ׳האָב געפילט, אַז איך נאַר זיך אַליין, אַז ס׳ווילט זיך גראָדע הערן אָט דיזע צינישע באַמערקונגען וועגן פרויען־קערפּערס. ס׳איז אַזוי אַנגענעם צו פילן, ווי דאָס האַרץ פאַרגייט, ווי הייסע שטראָמען לויפן פונ׳ם רוקנביין אין ביידע זייטן פלייצעס. מיינע אויערן האָבן זיך אַליין געשפּיצט אין דער זייט וואו מישקאַ איז געזעסן און די פאָרשטעלונגס קראַפט האָט שנעל און פאַרביק געפלאָכטן פון זיינע ווערטער בילדער.

איך האָב גענומען זיין טאָרבעלע מיט מאַכאָרקע און גענומען נערוועז צונויפדרייען אַ ציגאַרקע.

מישקאַ האָט געוואָרפן אויף מיר אַ זייטיקן בליק און שעלמיש אַ שמייכל געטאָן. ער האָט געוואוסט, דער הונט, אַז איך דריי ציגאַרקעס בלויז ווען איך בין אומרואיק און וויל זיך מיט עפּעס פאַרטומלען. ער האָט אַ פייף געטאָן און אַ שפּיי געגעבן ווייט פון זיך.

— אָט אַזוי, ברודערל! האָסט זיך ניט וואָס צו שעמען... מען איז ניט מער ווי אַ מענש און ס׳ווילט זיך אַמאָל אַ לעב טאָן אויך. אָבער ניט געזאָרגט: אַלעס וועט זיין גוט!

* * *

צו ענדע זומער האָב איך זיך באַקענט מיט קירעי־כאַנ׳ען. געשען איז עס אַזוי:

אין אַ הייסן טאָג בין איך מיט מישקאַ׳ן געשטאַנען אין דער שטאָט אַנדיזשאַן אויפ׳ן מאַרק, און מישקאַ האָט זיך ארומגעריסן מיט אַ סאָרט איבער צוויי שטיקלאַך לעדער. ער האָט פאַר

זיי געוואָלט געבן בלויז פופציק קאָפּיקעס, און דער סאַרט האָט זיך געשוואָרן ביי מאַהאָמעד׳ס באָרד, אַז זיי קאָסטן אים אַליין אַ רובל. דער האַנדל איז אָנגעגאַנגען אויף סאַרטיש און אַזוי ווי ביידע האָבן גערעט שנעל און היציק, האָ׳ איך זייער ווייניק פאַרשטאַנען. איך האָב זיך איינגעקוקט אין די פאַרבייגייענדיקע סאַרטישע פרויען, מיט די שוואַרץ־פאַרדעקטע פּנים׳ער און אומ־געלומפּערט לאַנגע כאַלאַטן, אַלץ געוואָלט טרעפן, וועלכע פון זיי איז אַ שיינע, אַ פיין־געבויטע, און וואָס ס׳וואָלט געווען, ווען איך רייס פון איינער אַראָפּ איר שלייער.

צוויי מאָל האָב איך מיט מישקאַ׳ן שוין אָפּגעטאָן אַזעלכע זאַכן. באַגעגענענדיק פאַרשלייערטע סאַרטיאַנקעס הינטער׳ן שטאָט, האָבן מיר זיי אָפּגעשטעלט, מיט גוואַלד פאַרהויבן די שלייערס, ניט קוקנדיק אויף זייערע געשרייען, זיי באַטראַכט און אָפּגעלאָזט. די ערשטע איז געווען ניט קיין איבעריק שיינע, מיט אַ טיפּיש־מאָנגאָלישען פּנים. די צווייטע איז געווען אַ אינגערע און אַ שיינע, און איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט זי גוט צו באַטראַכטן, האָט זי מישקאַ ארומגעכאַפּט און איר אַ קוש געטאָן.

פאַר׳ן קוש האָב איך אים נאָכדעם אויסגערעט, אַז ס׳איז ניט שיין, ניט מענשלאַך. אָבער אין זיך האָב איך געפילט, אַז ס׳האָט מיר באַנג געטאָן, וואָס איך האָב עס אַליין ניט געטאָן. איך האָב שוין אַזוי לאַנג קיין פרוי ניט געקושט, און ס׳האָט געדאַרפט זיין אויסערגעוויינלאַך אָנגענעהם איינצוגראָבן די ליפּן אין דער סאַרטיאַנקע׳ס רויט־געפאַרבטע, פּוכלינקע בעקלאַך.

— דו לאָז צורו מיט דיין מענשלאַכקייט, — האָט מישקאַ געלאַכט. — דו ווייסט דאָך שוין אַליין, אַז וואָס אינגער און שענער אַ סאַרטיאַנקע איז, אַלץ וו׳ניקער שרייט זי, און ווען ניט די מורא טאָמער וועט עס ווער פון אירע זען, וואָלט זי אינ־גאַנצן דאָס מויל ניט געעפנט... זי איז אויך אַ לעבעדיקער מענש.

און שטייענדיק אַזוי אין מאַרק, האָב איך באַמערקט ווי ווייט אויפ׳ן וועג, וועלכער האָט דורכגעשניטן דעם מאַרק, האָט

זיך פאַרדרייט און זיך שנעל געגומען קייקלען א וואָלקן געלער שטויב. איך האָב זיך איינגעקוקט און באַלד דערזען, אַז דאָס טראָגט זיך אין אַ ווילדן גאַלאָפּ אַ גרופּע רייטער. רגע׳סווייז האָבן דורכ׳ן וואָלקן שטויב זיך געריסן העלע פאַרבן און דער גלאַנץ פון געווער.

אַ קירגיז, וועלכער האָט נעבן מיר פאַרקויפט געטריקנטע עפּל, האָט צוגעלייגט די רעכטע האַנט, ווי אַ שילד, צום שטערן, זיך איינגעקוקט און צופרידן אַ געשריי געטאָן צו אַ צווייטן קירגיז איבער׳ן וועג:

— זע נאָר ווי קירעי־כאַן פליט עס מיט זיינע אָדלערס!

דער צווייטער קירגיז האָט אויך צוגעלייגט די רעכטע האַנט צום שטערן און גלייך צוגעגעבן:

— זיכער ער!...

כ׳האָב עס גלייך איבערגעגעבן מישקאַ׳ן. ער האָט אויך צוגעלייגט די רעכטע האַנט צום שטערן און זיך אַזש אַ הויב געטאָן פון פרייד:

— דאָס איז ער, אַ רוח אין זיין טאַטן אריין! זאָל איך אַזוי לעבן, ווי דאָס איז ער, דער אַלטער מיט זיינע זין! איך דערקען זייערע פערד!

ער האָט פאַרקירצט דאָס דינגעניש מיט׳ן סאַרט, קויפנדיק די צוויי שטיקלאַך לעדער פאַר אַכציק קאָפּיקעס און אויפגערעגט געזאָגט:

— אויב דער אַלטער טייוול וועט אונז נאָר איינלאַדן צו זיך, וועל איך נאָך היינט בייגאַכט זיין מיט מיין טייערער כאַנים. זיך פאַרבייגקט, ווי אַ הונט נאָך אַ פּעטן ביין. — ער האָט אַ וואונק געגעבן מיט׳ן רעכטן אויג צו מיר. — זיי זיכער, כ׳וועל שוין זען זאָלסט אויך אריינקריגן עפּעס לייטישעס!

איך האָב אים געוואָלט אָנזידלען, אָבער עפּעס האָט מיך צוריקגעהאַלטן. כ׳האָב בלויז, ווי זיך רייצנדיק, באַמערקט:

— וואַרט, האָסט נאָך דערווייל אַליין גאָרניט!

ער האָט טיף אָפּגעזיפצט.

— דאָס ווינטיקסטע — ער זאָל אונז נאָר איינלאָדן צו זיך... דאָרטן איז שוין דאָס איבעריקע גאָרניט. ער זאָל אונז נאָר איינלאָדן... — ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל: — הייליקער אַללאַ און דו, דער גרעסטער פון אַלע נביאים מאַהאָמעד! זייט אַזוי פריינטלאַך און העלפט אונז ארוים בלויז ביז'ן אַלטנס געצעלטן! דאָרטן וועלן מיר זיך שוין אַליין אַן עצה געבן... העלפט אונז! איר זייט דאָך ניט קענגן דעם?!

און איך האָב מיט אַ לייכטן זיפץ צוגעגעבן:

— זיכער ניט! אַללאַ האָט דאָך פאַר יעדן רעכטגלויביקן אָנגעגרייט אין גן־עדן פיר און פערציק ווייבער!

— קום שנעלער. מיר'ן פאַרנעמען אַ בעסערן פּלאַץ!

מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פאָראויס אין אַזאַ לאַגע, מען זאָל אונז לייכט באַמערקן.

ווי אַ שטורם זיינען אָנגעפלויגן אַכט רייטער אויף שוואַרצע דזשאָיריק־פערד און דער גאַנצער מאַרק איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ וואָלקן געלן שטויב. עטוואָס פאָראויס פון דער גאַנצער גרופּע האָט זיך געטראָגן קירעי־כאַן, וועלכן מען וואָלט, ווען ניט זיין ווייס שפּיציק בערדל, אינגאַנצן ניט געקאָנט אונטערשיידן פון זיינע זין: אַזוי גלייך איז ער אויף זיין זאָטל געזעסן, אַזוי שלאַנק זיך געהויבן ביי יעדער באַוועגונג פון זיין שוואַרץ־פינ־קעלדיקן פערד. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ ווייסער סטעפּ־אָדלער צווישן זיבן שוואַרצע.

מישקאַ האָט צו אים נאָך פון ווייטנס אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

דער אַלטער האָט אים באַמערקט און עפּעס אַ זאָג געטאָן צו די איבעריקע.

ווי איין מענש איז די גאַנצע גרופּע מיט'ן פולן אימפּעט פון זייער לויף פלוצלונג שטיין געבליבן פאַר אונז. אַ געדיכטער וואָלקן שטויב האָט אונז איינגעהילט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס טופּן פון די פערד'ס פיס טראָגט זיך אַליין ווייטער.

מישקאַ איז גלייך צו צום אַלטן, אים צוערשט באַגריסט

אויפ׳ן קירגיזישן שטייגער און נאָכדעם אויפ׳ן רוסישן — דער־לאַנגענדיק די האַנט. באַזונדער, און מיט אַ ברייטן, חבר׳שן שמייכל, האָט ער זיך פאַרנייגט פאַר די איבעריקע רייטער.

יענע האָבן אים פריינטלאַך געענטפערט, לייכט אָנבויגנדיק די קעפ.

מישקאַ האָט גענומען עפּעס דערציילן דעם אַלטן און נאָך די זייטיקע בליקן, וואָס די יונגע האָבן הינטערווײַלאכץ אויף מיר געוואָרפן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס דערציילט ער עפּעס וועגן מיר.

„ליגט, מן הסתם, ווי אַ הונט“, האָב איך אַ טראַכט געטאָן און ניט געקענט אָפּרייסן דעם בליק פון דער גרופּע רייטער. עפּעס איז געווען זאָנדערבאַרעס אין דעם וועג און אַרט ווי אַזוי זי איז געשטאַנען. אַכט שוואַרץ־פינקעלדיקע פערד, מיט שטיקער ווייסן שוים באַדעקט, נאָך איבערגעפילטע מיט׳ן נערוועזן ציטער פון זייער געשטערטן לויף. אויף זיי אַכט ווילדע רייטער אין העל־פאַרביקע קליידער, באַהאַנגענע מיט טייערן געווער. אַלע זיינען געזעסן עטוואָס צוגעבויגן צו די קיילעכדיק־שטאָלצע העלזער פון זייערע פערד און זיך אויפמערקזאַם איינגעהערט אין מישקאַ׳ס רייד.

דאָס בילד האָט געפלאַטערט מיט אַזאַ אויסטערלישער שיינ־קייט, האָט געאָטעמט מיט אַזאַ ווילדן, פיל־פאַרביקן צויבער, אַז ס׳האָט מיך ביים האַרצן פאַרכאַפּט.

מיט אַמאָל האָבן די צוויי פערד, וועלכע זיינען געשטאַנען נענטער צו מיר, זיך געשווינט אַ רוק געטאָן אויף צוריק און קירעי־כאַן איז צוגעפאָרן צו מיר מיט אַזאַ אימפּעט, אַז כ׳האָב זיך קוים געקענט קאָנטראָלירן, ניט אָפּצושפּרינגען אָן אַ זייט. מישקאַ איז אויך צוגעלאָפן.

— האַלט זיך וואָס שטרענגער! — האָט ער מיר שנעל אַ זאָג געטאָן און אונז פאָרגעשטעלט איינעם פאַר׳ן צווייטן.

קירעי־כאַן האָט מיר די האַנט געגעבן, פאָרשנדיק דערביי אין פּנים אריינגעקוקט און מיך באַגריסט אין אַ גאַנץ גוטן רוסיש.

בלויז אין דעם וועג ווי אזוי ער האָט ארויסגערעט די זילבן האָט זיך געפילט א קיילעכדיקע שווערקייט, איז געווען עפּעס וואָס האָט דערמאָנט אָן דעם קראַקען פון א קראַ.

עטוואָס א פאַרלוירענער, מיט א שטאַרק קלאַפּנדיקן האַרץ, האָב איך זיך פאַרנייגט:

— עס פריידט מיך זייער דיך צו קענען, קירעי־כאַן! כ׳האָב שוין פיל מאָל געהערט דיין נאָמען און שטענדיק איז ער געווען פאַרבונדן מיט אכטונג און ליבע.

— דיין פריינד, בארקין, האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביזט א געלערנטער, האָסט אויסגערייזט די גאַנצע וועלט. איז עס אמת?

איך האָב געענטפערט:

— געלערנט האָב איך א סך, אָבער קיין געלערנטער בין איך ניט. כ׳האָב געזען א שטיק וועלט, און ניט נאָר געזען, נאָר זיך אויך באמיט דאָס געזעענע צו פאַרשטיין, פון אַלעם עפּעס צו לערנען. צי ס׳איז מיר געלונגען, דאָס ווייס איך אַליין ניט.

קירעי־כאַן האָט לייכט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און א שמייכל געגעבן:

— דיין ענטפער איז פון א קלוגן. פאַראַנען א סך זאַכן, וועלכע פאַרנעמען מיין אַלטן מח און וועגן וועלכע כ׳וואָלט זיך געוואָלט מיט ווֶעמען דורכריידן. אויב דו איילסט זיך ניט צו שטאַרק אין דיין איצטיקן וועג, וואָלט איך דיר פאַרגעשלאָגן צו זיין מיין גאַסט אויף אזוי לאַנג ווי דיין האַרץ וועט גלוסטן. אונזערע סטעפּעס זיינען ברייט און שיין, א ריין געצעלט, ברויט מיט קורוט (קעז) און קומיס (פערדישע מילך) וועסטו ביי מיר קריגן מער ווי גענוג.

א לייכטער ציטער האָט דורכגענומען מיין גאַנצן קערפּער. ווי פונקען העלע האָבן זיך אין מח שנעל געצונדען און פאַר־שוואונדן מישקאַ׳ס געשיכטעס, און צויבערנדיקע שאָטנס, גע־פלאָכטענע פון קיילעכדיק־געבויגענע ליניעס פון פרויען־קערפּערס, האָבן מיך אינגאַנצן איבערגעפילט. אינוויינים, אין יעדן אבר, האָבן, דאַכט זיך, באזונדער אָפּגעקלונגען מישקאַ׳ס ווערטער:

„דאָס וויכטיקסטע, ער זאָל אונז נאָר איינלאַדן... דאָס איז דאָס וויכטיקסטע... דאָס איבעריקע איז שוין גאָרניט...“

איך האָב זיך טיף פאַרנייגט און געענטפערט:

— איך דאַנק דיר, קירעי־כאַן, פאַר׳ן כבוד. איך נעם מיט פאַרגעניגן אָן דיין איינלאַדונג. עס וועט מיך זייער פרייען, אויב מיינע קליינע קענטעניסע אָדער ערפאַרונגען וועלן זיין פאַר דיר אינטערעסאַנט.

— ער איז בלויז אויף דער לבנה נאָך ניט געווען! — האָט מישקאַ צוגעגעבן, אָנווייזנדיק אויף מיר.

דער אַלטער האָט מיך צוגעפירט צו זיינע זין און מיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט. איך האָב זיך פאַרנייגט. זיי האָבן אָנגעבויגן די קעפּ.

„ווי סטעפּ־אָדלערס“, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, און גלייך באַמערקט, אַז ניט קוקנדיק אויף זייער גאַנצער ענלאַכקייט איז דאָך צווישן אייניגע פון זיי פאַראַנען אַ געוויסער אונטערשייד. אַלעמענס פּנים׳ער זיינען געווען שטריינג און שטאָלץ, פול מיט אינווייניקסטן שוואונג, ווי ביי רויב־פויגלען, וועלכע קוקן אויס זייער קרבן פליענדיק לאַנגזאַם און רואיק, אָבער פּאַרטיקע יעדער רגע זיך אַ וואָרף טאָן פאַראויס. עטלאַכע זיינען געווען פאָלקאָם ענלאַך, ריין־קירגיזיש, הונדערט פּראָצענט — קינדער פון די סטעפּעס. ביי צוויי זיינען די פּנים׳ער געווען העלער, ווי בלייכער, די ליפּן עטוואָס דיקער, די נאָז קיילעכדיקער, דער גאַנצער פּנים מילדער. ביי אַ דריטן האָבן אינוגאַנצן געפעלט די ברייטע באַקן־ביינער און דאָס פּנים איז געווען פאָלקאָמען אייראָפּייאיש, גיכער סעמיטיש.

און ווידער האָבן זיך אין מח אַ טראָג געטאָן מישקאַ׳ס גע־שיכטעס וועגן קירעי־כאַנ׳ס פריינט, וועלכע קומען צו אים אַזוי אָפט פאַרברייננגען.

און אַ צווייפל האָט זיך אין מיר אַ ריר געגעבן: דער אַלטער זעט אויס צו זיין צו קלוג מען זאָל אים אַזוי לייכט קענען נאַרן. עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. און ווייטער? וויפיל קלוגע מענער

באנאַרישן זיך אזוי אומפאַרשטענדלאַך לעכערלאַך, ווען עס קומט צו פרויען? פאַר דער נאַרישסטער, אָבער שיינער, פרוי איז דאָך די לייכטסטע זאַך אָפּצונאַרן דעם קליגסטן מאַן. גוט, מיר וועלן שוין זען...

— אויב אזוי ועסטו נאָך היינט זיין מיין גאַסט, — האָט קירעי־כאַן צו מיר אַ שמייכל געטאָן.

איך האָב אָנגעבויגן דעם קאָפּ.

און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז היינט פיר אַזייגער, ווען קירעי־כאַן וועט פאָרן אהיים, זאָלן מיר וואַרטן טאַקע אויף דעם זעלבן פּלאַץ, דאָ אין מאַרק, און מיר וועלן פאָרן צוזאַמען.

מיר האָבן זיך געזעגנט און אַ גאַלאָפּירנדיקער ברוינער וואָלקן שטויב האָט זיי פאַרשלונגען.

* * *

מיר האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט אויף אַ פאַרוואָקסענער לאָנקע אונטער אַ בוים, ניט ווייט פונ'ם מאַרק, און גענומען קייען „אַריוק", מיט וועלכן מיינע קעשענעס זיינען געווען פול. גע־געסן האָב איך אָבער אַליין, מישקאָ איז געווען צו אויפגערעגט. כ'האָב אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אין אַזאַ צושטאַנד. זיינע אויגן האָבן געברענט, די ברוסט האָט זיך שנעל געהויבן, אַלע ווײַלע האָט ער געמאַכט אַן אַנדער ציגאַרעטע, זי פאַררויכערט און גלייך אַוועקגעוואָרפן. ער האָט זיך קיין פּלאַץ ניט געקענט גע־פינען און גערעדט האַלב צו מיר, האַלב צו זיך:

— אָ, טייוול!... נאָך היינט זעקס אַזייגער וועלן מיר דאָרטן זיין. ער געפינט זיך, ווי ס'ווייזט אויס, מיט זיינע קיביטקעס ניט ווייט פון דאַנען. עך, גאָט מיינער, אַזאַ גליק וואָס מיר זיינען אין מאַרק געווען און דו האָסט דערהערט ווער עס פאָרט. אַזאַ גליק... ווי איך האָב עס מורא געהאַט דער אַלטער טייוול זאָל אונז אינגאַנצן ניט איינלאַדן צו זיך. כאַ־כאַ־כאַ! איך האָב אים דערציילט, אַז דו ביזט אַ גרויסער געלערנטער, האָסט אויסגעוואַנדערט די גאַנצע וועלט, קענסט און פאַרשטייסט אַלץ.

כאַ־כאַ־כאַ... איך ווייס, ער האָט ליב געשיכטעס. און דו זע דאָרטן, אויב ער וועט דיר וועגן עפּעס פרעגן און וועסט ניט וויסן — טראַכט אפילו קיין רגע ניט, שיט ליגנס אויף וואָס די וועלט שטייט, האָב פאַר קיין זאַך ניט מורא. אויב ס׳וועט נויטיק זיין, דערצייל, אַז ביזט אפילו אויף דער לבנה געווען. זאָג, אַז איך בין אַן עדות: האָסט מיך דאָרטן באַגעגנט — ער האָט זיך נענטער צוגערוקט צו מיר און כמעט פיבעריש פאָרגעזעצט — עס לוינט זיך, ברודערל מיינס: ווען דו ווייסט וואָס פאַר אַ טייערינקע מיידעלאַך מ׳קען עס דאָרטן קריגן! אַך, דער רוח זאָל עס נעמען! מעגסט אויספאָרן גאַנץ טורקעסטאַן פון טאַשקענט ביז דער פעסטונג „קאָשקאַ“ און צוריק, און אַזעלכע ניט געפינען. דאָס זיינען מיידעלאַך מיט... מיט... — ער האָט צוגעגעבן אַ פּאָר צינישע ווערטער און זיך פאַרגאַנגען אין אַ טיפן זיפץ, איבערפילט מיט פרייד און ערוואַרטונג.

איך האָב אָפּגעלאַכט פון אים, געשלעפּט אויף זיך די שווערע מאַסע פון גלייכגילטיקייט, אָבער אינווייניק בין איך געווען היני־גריסן ניט ווייניקער פון אים, און בילדער, איינע שענער, אָדער מעגליך ערגער, פון דער צווייטער, האָבן זיך געפּלאָנטערט אין מח.

און באַרקין האָט פיבעריש גענומען באַשרייבן קירעי־כאַנ׳ס ווייבער, אָנפאַנגנדיק פון דער עלטסטער ביז דער איינג־סטער. ער האָט גענוי געמאָלן זייערע הענט, פיס, ברוסטן און אַקסלען, ניט אויסלאָזנדיק זייערע בליקן, גאַנג און געלעכטער. ער האָט אפילו געוואוסט די מאָס פון יעדערער׳ס ליידנשאַפט. ער האָט ניט גלאַט אַזוי גערעט, נאָר ווי געשאַפן, און קיין ניט־וויסן האָט אים ניט אָפּגעשטעלט. און ווען כ׳האָב אים באַ־מערקט, אַז ער פּלאַפּלט גלאַט אין דער וועלט אריין, האָט ער אונגעדולדיק אַ מאַך געטאָן מיט׳ן האַנט:

— אָ, נאַר וואָס דו ביזט! וואָס איז דער חילוק? אויב ס׳איז ניט אַזוי פּינקטלאַך, ווי איך דערצייל עס דיר, איז עס זיכער פיל שענער און בעסער.

און ביסלאכוויז האָט מיך מישקאַ אינגאַנצן אָנגעפּילט מיט זיין פיבערישער דערוואַרטונג. ער האָט איבערגעגאָסן זיין וואַנזין אין מיין בלוט. און, ענג זיצנדיק איינער קעגן צווייטן, האָבן מיר שוין ביידע האַלב־שעפּטשענדיק גערעט וועגן קירעי־כאַן'ס יונגע, אויסטערלישע ווייבער, וועלכע וואַרטן דאָרטן אויף אונז אזוי פיל נעכט, גייען אוים פון ליבע און בענקשאַפט. — — —

פיר אַזייגער זיינען מיר, ווי נאָר מעגלאַך, געלאָסן, צוגע־קומען צום באַשטימטען פּלאַץ אין מאַרק. מיט צוויי מינוטן שפּעטער האָט זיך לינקס באַוויזן דער זעלבער ברוינער וואָלקן שטויב, וועלכער איז פריער פאַרשוואונדן און אין זיינע פאַלדן האָבן געשוואַרצט שטיקלאַך פערדישע קערפּערס, געפינקלט געווער און געהעלט פאַרביקע קליידער.

באַלד איז די פריערדיקע גרופּע רייטער שוין געשטאַנען פאַר אונז. צו די זיבן שוואַרצע פערד זיינען איצט צוגעקומען נאָך צוויי אָנגעזאָטלטע, ברוינע. איינער פון קירעי־כאַן'ס זין איז פלינק אַראָפּ פון זיין פערד און זיי צוגעפירט צו אונז.

מישקאַ האָט מיט אַ געמאַכטן דרך־ארץ מיר געהאָלפן זיך אַרויפזעצן אויף איינעם פון די פערד, דערביי מיר שטיל אַ זאָג געטאָן:

— פאַרגעס ניט: ביסט אַ געלערנטער! אַלעס וועט זיין גוט!

ער איז שנעל אַרויף אויף זיין פערד. די רייטער האָבן אונז אַריינגענומען אין מיטן אזוי, אַז איך בין אויסגעקומען אין דער רעכטער האַנט פון קירעי־כאַנ'ען. דער אַלטער האָט שנעל אַ טאַפּ געטאָן צי דער זאָטל אויף מיין פערד איז אין אָרדנונג, האָט אַ שמיץ פייף געגעבן און די פערד האָבן זיך מיט אימפּעט אַ ריס געטאָן פאָראויס.

אַלעס אַרום האָט שנעל גענומען לויפן אויף צוריק, גענומען אויסזען פלאַך, קליין, ניט וויכטיק. ס'איז פון זיך אַליין ביס־לאַכוויז אויסגעוואָקסן אַ געפיל פון קליינשעצונג אין באַצוג צו די אַלע אַרומיקע, וועלכע קריכן ווי ווערים צופוס, אָדער שלעפּן

זיך אויף קעמלען, אייזלען אָדער „ארבאם״ (וועגענער). ס׳איז אויף זיך אַליין געווען ניט שווער נאָכצופּאָלגן, ווי אַזוי ס׳האָט זיך לאַנגזאַם אַנטוויקלט די פּאַראַכטונג פון׳ם רייטער צום פוס־גייער, פון׳ם אָדלער צו דער שלאַנג. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ניט דאָס פערד טראָגט זיך אונטער מיר, נאָר איך טראָג עס אַלס אַ טייל פון מיין קערפּער, אָדער גאָר די לופט טראָגט אונז ביידן.

— לאַנג לעבן זאָל אַלעס וואָס באַוועגט זיך שנעל! — האָב איך אַ זאָג געטאָן.

קירעי־כאַן האָט זיך מיט אַ טרויעריקן שמייכל צוגעבויגן צו מיר:

— אַלעס, מיין זון, אַחוץ דער צייט, וועלכע מאַכט אַליין אַ סוף צו אונזער באַוועגן זיך.

כ׳האָב צושטימיק אָנגעבויגן דעם קאָפּ.

ווי אין אַ האַפּקע־טאַנץ האָבן זיך פון ביידע זייטן גאָס שנעל געהויבן און אַראָפּגעלאָזט די ארומיקע הייזקעס; די גערטנער האָבן זיך ווי געבויגן אַנטקעגן אונז און גלייך אין דער ערד אריינגעשפּרונגען. דער ווינט האָט געפּייפט אין די אויערן און הינטער אונזערע פּלייצעס, זיך האַלטנדיק פאַר די פערדישע עקן, האָבן אונז נאָכגעיאָגט געדיכטע קנוילן געלן שטויב.

אַלע האָבן געשוויגן. פון צייט צו צייט האָט איינער אָדער אַ צווייטער פון די זין ארויסגעלאָזט אַ שטילן, קורץ־שאַרפן, ווי אַ פאַרשטיקטן, אויסגעשריי. קירעי־כאַן פלעגט ענטפערן מיט אַ לייכטן שאָקל פון׳ם קאָפּ אויף יאָ אָדער ניין און אַלע פלעגן איינ־האַלטן די צוהיצטע פערד, אָדער נאָך טיפער איינגראָבן די שאַרפע שפּאָרן אין זייערע זייטן.

אין צוואַנציק מינוטן זיינען מיר געווען אויסער׳ן שטאָט. פון ביידע זייטן האָבן זיך גענומען שפּרייטן פעלדער, פאַרזייטע מיט באַוועל. די געוויקסן זיינען שוין געווען רייף און מיליאָנען פאַרטריקנטע, שוין צופּלאַצטע קעפּלאַך, פון וועלכע עס האָבן אין אַלע זייטן ארויסגעשטאַרטשעט שפּיצן ווייסע וואַטע, האָבן צוגעגעבן דעם פעלד אַ מאָדנעם, ווייס־צושויבערטן אויסזען.

סארטישע קישלאַקן (דערפער) האָבן זיך ווי גרוי־ברוינע קופּעס אָנגעזען פון ווייטנס און צו זיי האָבן זיך צופוס, אָדער ליגנדיק אויף סקריפּענדיקע, צוויי־רעדערדיקע „ארבאס“ געצויגן סארטן. פילע פון זיי האָבן אונז באַגריסט און קירעי־כאַן מיט די זין האָבן זיי העפלאַך, אָבער מיט שטאָלץ, אָן אַ מינדסטן שמייכל, אָפּגע־ענטפערט.

אַ האַלבע שעה האָבן מיר זיך געטראָגן, פּונקט ווי נאָך אונז וואָלטן זיך אַלע ניט־גוטע פון דער וועלט געיאָגט, דערנאָך גע־לאָזט די פערד אַ צען מינוטן גיין לאַנגזאַם און זיך ווידער גע־נומען יאָגן. דער אַלטער האָט זיך געאײַלט אַהיים.

גלייך ווי מישקאַ איז נאָר ארויף אויפ׳ן פערד האָט ער אינ־גאַנצן ווי פאַרגעסן אָן מיר. ער האָט גערעדט ניט ערגער פון די ארומיקע, זיין פּנים האָט אָנגענומען כמעט דעם זעלבן אויסדרוק און ווען ניט זיינע קליידער וואָלט מען אים אין קיין פאַל ניט געקענט אָפּטיילן פון זיי.

ביידע מאָל, ווען די פערד האָבן אָפּגעהאַלטן זייער לויף, האָב איך געהערט ווי מישקאַ דערציילט עפּעס שטיל זיין שכן רעכטס. און די געשיכטע איז, ווי ס׳ווייזט אויס, געווען אַ פריילאַכע, ווייל יענעמ׳ס פּנים האָט זיך אַלע מאָל צוזאַמענגע־דריקט און די אויגן זיינען אינגאַנצן פאַרשוואונדן אין די שמאָלע שפּאַלטן. די איבעריקע יונגען האָבן אויך געוואָלט הערן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, געוואָרפן צו זיי זייטיקע בליקן, געשפּיצט די אויערן, אָבער צוליב דרך־ארץ פאַר׳ן פאָטער האָבן זיי קיין זאַך ניט געפרעגט, זיך פון אָרט ניט גערירט.

איך בין געווען פאַר׳כשופ׳ט פונ׳ם שנעלן לויף, מינוטן־ווייז — גליקלאַך. איך בין זייער דאַנקבאַר געווען קירעי־כאַנ׳ען, וואָס ער האָט געלאָזט לויפן מיין פערד נעבן זיינעם, אין מיטן פון דער גרופּע: די קראַפט און שוואונג פונ׳ם אַלגעמיינעם לויף, די רייטער ארום מיר, האָבן מיך ווי פאַרהיט פון געפאַר, גע־שטאַרקט מיין ניט איבעריק געניטע רייטערשאַפט. צווישן זיי בין איך אויך געווען אַ גוטער רייטער. איך צווייפל אָבער גאַנץ

שטאַרק צי כ׳וואָלט אַזוי זיכער געזעסן אויפ׳ן פערד, און מעגלאַך איינגאַנצן אַרונטערגעפאַלן, ווען מיר קומט אוים זיך צו טראָגן פון הינטן אָדער אין איינער פון די זייטן.

ווען מיר זיינען אַרוים אין פרייען סטעפ, האָבן זיך די רייטער צעשאָטן אין דער ברייט און גרילצנדיקע פייפן האָבן דורכ־געשניטן די לופט. די פערד האָבן זיך אַ רים געטאָן פאָראויס און זיך גענומען טראָגן אין אַ ווילדן גאַלאָפּ.

מיין ברוין פערדל האָט אויך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך אַ לאָז געטאָן נאָך די שוואַרצע. כ׳האָב מיט אַלע כחות איינגעצויגן די לייצעס, ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן. דאָס פערד האָט נאָך נידעריקער אָנגעבויגן דעם קאָפּ און ווי לייכטער געמאַכט מיין אַריבערפאַלן איבער אים. כ׳האָב מיט אַלע כחות צוזאַמענגעדריקט ביידע פיס אַרום דעם פערד׳ס זייטן, זיך אַ ביסל אַרויפגערוקט און מיט שרעק ערוואַרטעט, אַז אָט, נאָך אַ פּאָר מינוטן, און איך ווער אַ לופט־פליער.

קירעי־כאַן האָט גלייך באַמערקט מיין לאַגע. ער האָט אַ הילכיקן פייף געגעבן און כ׳האָב אים גלייך דערפילט נעבן זיך. מיין פערד האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, איינגעהאַלטן דעם לויף און זיך באַרואיקט. באַלד האָבן מיר זיך שוין ווידער גע־טראָגן אין אַן ענג־געצאַמטן קרייז.

נאָך אַ צען מינוטן לויפן זיינען מיר אַרויף אויף אַ בערגל, פון וועלכן ס׳האָט זיך פאַר אונז מיט אַמאָל געעפנט אַ ברייטער, פלאַכער טאָל. טיף אין אים האָט זיך געמיטלאַך אויסגעצויגן אַ גרויסער ווייסער לאַגער. רעכטס האָבן געשוואַרצט גאַנצע טשאַ־טעס פערד, לינקס געגרויט, זיך קרייזלענדיק, סטאַדעס שאָף און די מיט האָט פאַרנומען אַ גרויסע צאָל גרוי־ווייסע „יאָרטעס“ (געצעלטן), „קיביטקעס“ (וועגענער), וועמען די פאַרגייענדיקע זון האָט אַזוי היימלאַך ווי איינגעטונקען אין אַ רויטלאַכער וואַ־רימקייט און באַשפּרינקלט מיט גאָלדענע פלעקן.

מאָדנע קלאַנגען, ענלאַכע צום קלעקאַט פונ׳ם סטעפּן־אָדלער, האָבן זיך אַרויסגעריסן ביי די רייטער. זיי האָבן גענומען וואַרפן

מיט די הענט, זיך הויבן אויף די זאָטלען, כמעט ווי אָפּגעלאָזט די לייצעס און די פערד האָבן זיך ווילד גענומען יאָגן אין טאָל אריין.

קירעי־כאַן האָט איינגעהאַלטן זיין פערד. איך האָב אים נאָכגעטאָן. מישקאַ האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט און געוואָרפן אויף אונז אַ פרעגנדיקן בליק, ניט ווייסנדיק וואָס צו טאָן.

— פאָר מיט זיי, — האָט אים דער אַלטער מיט אַ שמייכל געזאָגט. — דו ביזט דאָך ביי מיר אַן אַלטער גאַסט... קענסט אַלעמען און ווייסט אַליין אַלע וועגן.

און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז טיף אונטער דיזע ווער־טער פלאַטערט אַ איראָניע, אַז פונ׳ם שמייכל, וועלכער האָט זיך אין רעכטן ווינקל פון זיין מויל צולייגט אַ ביסל ברייטער ווי אין לינקן, כיכיקעט ארוים דער סאַרקאַזם.

כ׳האָב געוואָרפן אַ שנעלן בליק אויף מישקאַ׳ס אויפגעלייגטן פּנים, זיך דערמאָנט אָן זיינע ערוואַרטונגען און עפּעס האָט מיר אינווייניק אַ ברי געגעבן. ווען כ׳האָב ווידער אַ קוק געטאָן אויפ׳ן אַלטן, איז שוין זיין פּנים געווען ערנסט און אַ ביסל פאַרטראַכט.

מישקאַ האָט אויף מיר געוואָרפן אַ צוזאָגנדיקן און אין דער זעלבער צייט טריאומפירנדיקן בליק, זיך אַ הויב געגעבן אויפ׳ן זאָטל, ארויסגעלאָזט דעם זעלבן אָדלער־קלעקאַט און זיין פערד האָט זיך אַליין גענומען טראָגן בארג אראָפּ.

אַ פּאָר מינוטן זיינען מיר געזעסן שטיל, עטוואָס צוגע־שפּאַרטע צו די העלזער פון אונזערע פערד און געקוקט פאַר זיך. ער — אראָפּ אין טאָל, צו זיינע געצעלטן, איך — צו די שפּיצן פון די שניי־בערג.

— גלויבסטו אין חלומות? — האָט מיך קירעי־כאַן אַ פרעג געטאָן.

— ניין. זיי האָבן אָבער אַ געוויסן באַדן אונטער זיך אַזוי לאַנג, ווי זייער האַנדלונג קומט פאָר אין דער געגנוואַרט און אין דער פאַרגאַנגענהייט. קריכן זיי אָבער אריין אין דער צו־

קונפט — דאָן איז עס ניט מער ווי אַ פלאַפּלערייי פון אונרואיקע געהירן. די געלערנטע דענקען, אַז אַלע חלומות זיינען אַ פּראָדוקט פון אַ שלעכטן מאָגן אָדער אַנדערע קראַנקע אברים.

ער האָט געטראַכט אַ פּאָר מינוטן:

— און איך גלויב, אַז חלומות זיינען אַ מין באַרירונג צווישן פאַרשטאָרבענע מיט די לעבעדיקע. די נשמות שוועבן אַרום אונז נאָכ'ן טויט און זעען פילע זאַכן, וועלכע זיינען פאַר אונז אומבאַוואוסט.

איך האָב געשוויגן, און ער האָט גיך ווידער אַ פרעג געטאָן:

— ווייסטו ניט וואָס עס באַדייט ווען מען זעט עטלאַכע מאָל אין חלום אַ סך פּייערן?

— איך האָב געהערט, עס באַדייט אַ סך פרייד.

— מיין מאַללאַ (גייסטלאַכער) האָט מיר אויך געזאָגט דאָס זעלבע. — ער האָט ניט גלויביק אַ הויב געטאָן דעם רעכטן אַקסל. — וואָס פאַר אַן אויסערגעוויינלאַכע פרייד קען נאָך אַצינד אין מיין לעבן געשען?

אונזערע פערד האָבען אַליין גענומען גיין פּאַוואָליע באַרג־אַראָפּ, רייבדניק לייכט זייערע מאָרדעס איינע אָן דער צווייטער. איך האָב געזאָגט:

— ניטאָ קיין אומגליק פון וועלכן עס זאָל ניט עקזיסטירן קיין טיפערער, ניטאָ קיין גליק, וועלכעס זאָל ניט קענען זיין נאָך העלער, נאָך וואַנזיניקער!

ער האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף מיר:

— ניין, מיין זון, ניט אין מיינע יאָרן... דער גרעסטער בעכער קען ניט אַריינעמען אין זיך אפילו דעם טייערסטן געטראַנק מער ווי עס קען אין אים אריין.

— דאָס איז אונזער אומגליק! — האָב איך אַ זיפץ געטאָן.

— און אפשר גליק, — האָט ער אויך מיט אַ זיפץ געענטפערט. — דער אַלמעכטיקער אַללאַ, באַשאַפנדיק דעם מענשן, האָט געהאַט פילע, פילע זאַכן אויסצורעכענען. דאָס, וואָס עס

דאכט זיך אונז אָפּט אוים צו זיין אַן אומגליק, איז מעגלאך אַ נויטוועגדיקייט פאַר'ן גאַנג פונ'ם גאַנצן לעבן.

ער האָט אָפּגעשטעלט זיין פערד און געוואַרט וואָס כ'וועל זאָגן. מיין פערד איז אויך שטיין געבליבן. איך האָב געענט־פערט:

— דאָס איז גאַנץ מעגלאך, אָבער אונזער נארישע און פערזענלאך־טראַגישע לאַגע ווערט פון דעם ניט קליגער אָדער לייכטער.

ער האָט געטראַכט אַ פּאָר מינוטן און אַ זיפץ געטאָן. אונ־זערע פערד האָבן גענומען ווייטער גיין. מיר זיינען אַזוי אָפּ־געפאָרן עטלאַכע מינוטן. מיט אַמאָל האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר:

— זאָג דעם אמת: גלויבסטו אין גאָט?

געדאַנקען האָבן אין מיר זיך שנעל גענומען יאָגן און באַקעמפן איינער דעם צווייטן. איינער האָט דערשראָקן גע'חזר'ט: „טאָרסט עס אים ניט זאָגן... ער איז אַן אַבערגלויבישער, אַ האַלב־ווילדער... ער וועט זיך דערשרעקן פאַר די ניט־גוטע, וועלכע וועלן אים שטראָפן פאַר אריינפירן אין זיין געצעלט אַ ניט־גלויביקן... ער וועט זיך, מעגלאך, אינגאַנצן אָנטזאָגן פון דיין פריינטשאַפט און וועסט מוזן ווי אַן אָפּגעשמיסענער צוריק פאָרן אין שטאָט אריין... זאָג, אַז דו גלויבסט, אָדער ענטפער אומבאַשטימט!" אַ צווייטער געדאַנק האָט אָבער זיכער און חוצפּה'דיג געלאַכט: „דומהייטן! קירעי־כאַן איז ניט קיין אַבערגלויבישער און ווייט ניט קיין ווילדער. ער איז זיכער זייער אַ קלוגער און וועט אָן צווייפל פאַרשטיין, אַז דו נאַרסט אים... און ווער ווייסט, ס'איז אויך גאַנץ מעגלאך, אַז ער אליין, ניט קוקנדיג וואָס ער דערמאָנט אַמאָל אַללאַ'ס נאָמען, גלויבט אויך גאַנץ ווייניק אין גאָט. דיין ליגן קען דיך בלויז ערנידעריקן אין זיינע אויגן, וועט אים צווינגען אויך צו צווייפלען אין דיינע אַנדערע רייד... טו עס ניט! בלויז דער אמת קען דיר דאָ העלפן".

איך האָב דעם אַלטן גלייך אַ קוק געטאָן אין די אויגן און לאַנגזאַם אַ שאָקל געטאָן מיט׳ן קאָפּ אויף ניין.

זיין פּנים האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן, בלויז די אויגן האָבן זיך עטוואָס צונויפגעצויגן. ער האָט געוואָרפן אַ בליק צו די בערג און קורץ געזאָגט:

— מען דאַרף זיך צואיילן. די זון זעצט זיך.

מיר האָבן איינציייטיק אַ צי געגעבן די לייצעס. די פערד האָבן פאַרשנעלט זייער גאַנג.

די קיילעכדיקע, וויים־בויכיקע קיביטקעס און די שלאַנקע, שפּיציקע געצעלטן האָבן זיך גענומען יאָגן אונז אַנטקעגן אַזעלכע וואַרימע, היימלאַך־שמייכלענדיקע, דורכגעזאַפּטע, ווי באַרשטין, מיט זוניקן גאָלד.

פאַרבייפאָרנדיק האָב איך פאַרוואונדערט אָפּגעשטעלט דאָס פערד פאַר אַ טשאַטע שאָף, וועלכע האָבן געלעקט די זאַלץ־שטיי־נער פון סטעפּ. מאָדנע שאָף איז דאָס געווען: אומגעלומפּערט־גרויסע, באַדעקטע מיט האַרטער, גראָבער וואָל, מיט עקן (קור־דיוקן), וועלכע זיינען געווען ניט מער ווי גראָבע שטיקער פעטס ביז פערציק פונט אין וואָג. און כדי די שאָף זאָלן זיך קענען באַוועגן זיינען צו די קורדיוקן געווען צוגעבונדן צו צוויי רעדלאַך.

* * *

גיך זיינען מיר שטיין געבליבן פאַר איינעם פון די ווייסע געצעלטן. עס האָט זיך אונטערשיידן פון די אַרומיקע מיט דער גרויס און אויך מיט דעם, וואָס אויפ׳ן אָרט פון איין שפּיץ אין מיטן האָט עס געהאַט פינף, איינער אַביסל אָפּגעטראָטן פונ׳ם צווייטן, און אַזוי אַרום געמאַכט די סטעליע אינווייניק פיל ברייטער און די ווענט גלייכער.

פונ׳ם געצעלט זיינען פלינק אַרויס צוויי פון קירעי־כאַן׳ס זין, אָנגעכאַפּט די פערד פאַר די צוימען און אונז געהאָלפן אַראָפּ־גיין.

ערשט אַצינד האָב איך געקענט גוט באַטראַכטן דעם אַלטן. דאָס איז געווען דער טיפּישסטער קירגיז, וועלכן מען קען זיך

נאָר פאַרשטעלן. אַן אמת'ער זון פון די סטעפּעס. פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ ברייטע, שטאַרקע ברוסט, קורצע הענט און פיס, די לעצטע עטוואָס אויסגעדרייט, פון'ם שטענדיקן רייטן. דאָס שיטערע, שפּיציקע בערדל — וויס, ברייטע באַקן־ביינער, שמאָל געשניטענע שוואַרצע אויגן און אַ פלאַכע נאָז. עס האָט אים אָבער געפעלט דער געוויינלאַכער קירגיזישער האַרטער אויסדרוק פון'ם פּנים, דאָס בליציקע שאַרפקייט פון'ם געצאַמטן, אָבער ניט גלויבנדיקן בליק. דעם אַלטן'ס פּנים איז געווען איינגעהילט אין אַ פאַרטראַכטקייט און אַ מין טרויעריקער ווייכקייט.

— דאָס ערשטע וועלן מיר זיך אַביסל אַרומוואַשן און דער־נאָך עפּעס אָפּעסן. ביזט, מן הסתם, גוט הונגעריק פון טאַנצן אויפ'ן פערד? — ער האָט גוטמוטיק געשמייכלט.

און מיך האָט פּלוצלונג אַרומגעכאַפּט אַ ווילדע פרייד פון לעבן, אַ פרייד וואָס כ'בין יונג און שטאַרק, וואָס אַרום מיר האָבן זיך אַזוי ליבלאַך אויסגעשטעלט וויס־גאָלדיקע געצעלטן, וואָס דער הימל איז אַזוי טיף־בלאָ און די סטעפּ פאַלט ליידנשאַפטלאַך צו צום בענקענדיקן האָריזאָנט. און כ'האָב מיט אַ פריידיקן געלעכטער געענטפערט:

— הונגעריק בין איך ווי אַ צענדליק טייוואָלים און ווען ניט דיין הילף פריער, וואָלט איך זיכער איבער מיין פערד'ס קאָפּ אַריבערגעפלויגן.

מיר זיינען אַרומגעגאַנגען דאָס געצעלט, וואו די צוויי זין האָבן אונז דערלאַנגט צוויי קאַלטע קריגלען וואַסער מיט אַ שטיקל זייף. מיר האָבן זיך גענומען אַרומוואַשן. נעבן די אַרומיקע געצעלטן האָבן זיך געשפּילט קינדער און עטלאַכע יונגע און עלטערע פרויען זיינען געשטאַנען און גערעט צווישן זיך. הינ־טערווייילאַכץ האָבן זיי מיך נייגעריק אָנגעקוקט. די אַריינגאַנגס־צודעקן פון אייניקע געצעלטן האָבן זיך עטוואָס צונומען און פרויען־פּנימ'ער האָבן פון דאָרטן אַרויסגעקוקט. כ'האָב זיי ניט געזען קלאָר, נאָר בין זיכער געווען, אַז דאָס זיינען יונגע, שיינע פרויען. ס'איז אפילו אַ געדאַנק דורכגעגאַנגען, אַז מעגלאַך לעבן

איינער פון זיי געפינט זיך שוין מישקאַ, און דאָס האַרץ האָט לייכט גענומען שטעכן.

— ווילסטו עסן אין געצעלט אָדער אין דרויסן? — האָט מיך קירעי־כאַן געפרעגט.

— אויב דו האָסט גאַרנישט דאַגעגן, וואָלט איך בעסער געגעסן אין דרויסן. די זון זעצט זיך און די בערג זיינען וואונ־דערלאַך.

באַלד איז שוין אויפ׳ן גראָז פאַר׳ן געצעלט געלעגן אַ גרוי־סער, העל־געפלאַכטענער פערסיאַנער קולים. אויף אים האָט מען אוועקגעשטעלט אַ נידעריק טישל, וועמעס גאַנצע אויבערפלאַך איז געווען געדיכט אויסגעלייגט מיט פערלמוטער און קאָלירטע שטיינער און די פיסלאַך זיינען געווען קונציק אויסגעשניטן אין אויסזען פון פיר שלאַנקע פרויען־פיגורן מיט טעצלאַך אויף די קעפ. מיר האָבן זיך ביידע אוועקגעזעצט, מיט די פיס אונטער זיך, מיט די פלייצעס צום סטעפ און מיט די פנים׳ער צו די בערג.

די יונגען האָבן פאַר אונז אוועקגעלייגט זילבערנע מעסערס מיט גאָפלען און פלינק גענומען אויסשטעלן אויפ׳ן טישל פאַר־שייענע מינים קעזן, אַ קרוג מיט „קומיס", און צום סוף דער־לאַנגט הייסן „בישמאַרמיק" (קליינע שטיקלאַך פלייש געפרעגלט אין פעטס), און נאָך דעם רייז, געקאָכטע מיט ראָזשינקעס.

— וואו איז באַרקין? — האָב איך אַ פרעג געטאָן און פון דער זייט געוואָרפן אַ שנעלן בליק צו די פרויען־געצעלטן.

— דאַכט זיך, ער איז אוועק באַטראַכטן די יונגע פערד, — האָט איינער פון די זין געענטפערט.

און ווידער האָט אין די ווינקלען פונ׳ם אַלטן׳ס מויל זיך באַוויזן און שנעל פאַרשוואונדן דער פריערדיקער סאַרקאַסטישער שמייכל. ער האָט באַמערקט:

— זיי רואיק: ער איז דאָ אַ היימישער מענש, וועט ניט פאַרפאַלן גיין.

„דאַכט זיך, אַז דער אַלטער פאַרשטייט מישקאַ׳ס געננג בעסער ווי דעם לעצטן דאַכט זיך", האָב איך אַ טראַכט געטאָן

און זיך גלייך אליין געענטפערט: „ס'איז אוממעגלאך. וואלט ער פארשטאנען, וואלט ער אים געהייסן אנברעכן דיביינער און ארויסווארפן פון דאנען. וואס־זשע מיינט פארט דער איראַ־נישער שמייכל?" כ'האב ניט געוואוסט וואס צו טראכטן.

נאכ'ן עסן, ווען ביידע זין זיינען צוזאמען מיט'ן טישל פאר־שוואונדן צווישן די פאלדן פונ'ם געצעלט, האט מיך קורעי־כאן א פרעג געטאן:

— איז דאס אמת, וואס בארקין האט מיר דערציילט, אז דו ביזט א גלח?

איך האב זיך צולאכט:

— ניין, קיינמאל ניט געווען, און האף, אז כ'וועל עס ניט זיין אויך. מישקא דענקט אזוי, ווייל כ'קען זייער גוט די יעוואנ־געליע.

— וואס מיינט עס?

— דאס איז דער הייליקער בוך ביי די קריסטן, פונקט ווי ביי אייך דער קאראן.

מיר האבן ביידע געשוויגן עטלאכע מינוטן, קוקנדיק פאר־טראכט אויף די בערג, איבער וועלכע די זון איז שוין גאר נידעריק געהאנגען, זיי געדיכט באגיסנדיק מיט שטראמען רויטן גאלד. און וואס נידעריקער די שטראמען זיינען פון די בערג־שפיצן גערונען, אלץ טונקעלער זיינען זיי געווארן, אלץ מער פיאלעט־בלויקייט אין זיך ארייגעזאפט. פון די טאלן האבן זיך לאנגזאם קייקלענדיק געהויבן ליכטיק־גרויע נעבלען, וועמעס זוימען האבן זיך אלץ ברייטער מיט גאלד געשטיקט, וואס העכער זיי האבן זיך געהויבן. און וואלקענדלאך ווייסע און ליכטיק־גרויע, מיט רויטן גאלד באפלעקטע, האבן זיך שטיפעריש פארזיכטיק ארום די בארג־שפיצן געשלייכט.

און זיך לאנג איינקוקנדיק אין די בארגיק־שנייאיקע פעלדער, האב איך פלוצלונג דערזען ווי מחנות בלוי־נאקעטע מיידלאך טראגן זיך דארטן אויף ווייסע פערד, טרייבנדיק פאר זיך גאלד און פיאלעטענע רייפן. און פון די רייפן ציען זיך צו דער זון

טויזנטער פילפאַרביקע שטראַלן־סטענגעס, וועלכע זעען אויס ווי א דימענטענער רעגן.

און ניט קענענדיק איינהאַלטן אין זיך די פרייד פון מיין פאַרביקער זעאונג, האָב איך דעם אַלטן וועגן דעם געגומען באַ־גייסטערט דערציילן.

ער האָט רואיק געשאָקלט מיט׳ן קאָפּ, ניט אָפּווענדנדיק דעם בליק פון די בערג און לאַנגזאַם גערעט:

— אזוי זיינען זיי שוין, אונזערע בערג. זייער שפּיל איז דער שפּיגל פונ׳ם מענשן׳ס לעבן. פון ווייטן זיינען זיי איבער־געפּילט מיט צויבערנדיקע פאַרבן און צוזאַגנדיקע קלאַנגען. אין דער ווירקלאכקייט אָבער הערשן דאָרטן מערסטנס קאַלטע ווינטן, עס ציען זיך טויטע, ליידיקע פעלדער, אָפּגרונטן און ניט־עררייכ־באַרע באַרג־שפּיצן לאַכן אונז שפּאָטיש אויס. מענשן לויפן אהין, ווילן פון דער נאָענט אין זיך איינזאַפּן דיזע אַלע שיינקייטן און... קומען אום. און אזוי גייט עס... אזוי מוז עס גיין. — — —

עטלאַכע מינוטן האָבן מיר ביידע געשוויגן. דערנאָך האָט ער מיך א בעט געטאָן:

— אויב דו פּילסט אצינד, דערצייל מיר עפּעס וועגן די גרויסע וועלט־שטעט, וועלכע דו האָסט געזען, אָדער וועגן וועלכע דו האָסט געלעזן. ביי אייך זיינען דאָך אזוי פיל ביכער פאַראַן.

און ניט אָפּווענדענדיק דעם בליק פון די בערג, האָב איך אים דערציילט וועגן די גרעסטע וואונדער פון אונזער צייט: וועגן די אונטערערדישע באַנען און די באַנען אין דער הויך, וועגן טעלעפאָן און טעלעגראַף, וועגן די ריזיקע דאַמף־מאַשינען און די וואונדער פון עלעקטריציטעט, וועגן די עקס־רעי שטראַלן און די לופט־מאַשינען — וועגן אַלעס, וואָס איך האָב נאָר ווען עס איז געהערט, געזען אָדער געלייענט.

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צוגעהערט. קנייטשן האָבן זיך איבער זיין נידעריקן שטערן צעוואָרפן און די שמאָלע, שוואַרצע אויגן האָבן שאַרף אויף מיר געקוקט.

ווען כ'האָב געענדיקט, האָט ער לאַנג נאָכגעטראַכט, ווי געמאָסטן מיין יעדן וואָרט. דערנאָך אַ פרעג געטאָן:

— האָבן אייערע וואונדער געבראַכט גליק די מענשן? זיינען אין אייערע ריזיק־גרויסע שטעט מיט די אונטערערדישע און הויך־באַנען ניטאָ מער קיין הונגעריקע און עלענדע, קיין בייזע און אונטערדריקטע? ווייסט איר שוין דעם סוד פון גליק אין לעבן? האָט איר שוין באַזיגט דעם טויט?

— ניין. דאָס ווייסן מיר נאָך ניט!

אַ שפּאָטישער שמייכל האָט אויסגעקרימט זיינע ליפּן.

— אויב אַזוי, צו וואָס־זשע זיינען אַלע אייערע אַנטדע־קונגען? די רייכע און שטאַרקע האָבן אימער געלעבט רואיק און זאָרגלאָז, אימער געהערשט. דאָס איינציקע, וואָס זיי האָט גע־שראָקן, איז געווען דער טויט, און אָט דער שרעק איז פאַרבליבן פונקט ווי פריער?!

— דאָס איז אמת, — האָב איך געענטפערט. — די רייכע האָבן שטענדיק געלעבט גוט, אָבער אין דער צוקונפט, טאַקע אויס־נוצנדיק אַלע אַנטדעקונגען, וועלן אַלע מענשן לעבן גליקלאַך. און וועגן טויט?... ווער ווייסט? אפשר וועט מען אויך אים נאָך אַמאָל באַזיגן...

ער האָט זיך פּלוצלונג צולאַכט אַזוי קינדעריש, אַביסל כיטרע, ווי אַ קלוג קינד, ביי וועלכן מען וויל אויסנאַרן אַ זאַך מיט גוטע צוזאָגן און ער פאַרשטייט וואָס מען וויל. ער האָט געזאָגט:

— די צוקונפט איז פאַר מיר גאָרניט. אויף דער וועלט האָב איך אַלעס געהאַט: טייערע פערד, שיינע ווייבער, אַ סך קינדער און איבערגענוג געצעלטן. איז ניט אַ שאָד, אַ שרעק דאָס אַלעס איבערצולאָזן און . . .

איך האָב אים אריינגעקוקט אין פּנים:

— קירעי־כאַן, דו צווייפלסט, ווי ס'ווייזט אויס, אין די פיר און פערציק ווייבער, וועלכע דער גרעסטער פון אַלע נביאים, מאהאָמעד, האָט אין נאָמען פון אַללאַ צוגעזאָגט אַלע רעכט־גלויביקע? דו גלויבסט אויך ניט?

ער האָט ניט געענטפערט.

הויך, איבער אונזערע קעפּ, האָט זיך באַוויזן אַ ווייסער סטעפּ־אָדלער. מיט ברייט־צונומענע פליגלען האָט ער זיך לאַנג־זאַם און שטאָלץ געטראָגן אין דער ריכטונג צו די בערג. די זונען־שטראַלן האָבן געזילבערט זיינע ווייסע פעדערן און ביי דער לייכטסטער באַוועגונג האָבן פון זיינע פליגלען ווייסע פונקען אין דער בלויער לופט געשפּריצט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער שטאָלצער, זילבערנער פויגל וועט פליען אַזוי לאַנג ביז ער וועט די שפּיצן פון די שניי־בערג דערגרייכן און אין דער רויטער זון אַריינשפּרינגען.

— זע, קירעי־כאַן, ווי שיין דער אָדלער איז! אים אַליין צו זען אין אַזאַ אָוונט לוינט זיך צו לעבן.

דער אַלטער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך איינגעקוקט אין פויגל און אַ טיפן זיפץ געטאָן:

— יאָ... זייער שיין... — ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מיר. — און מענטשן, זאָגסטו, פליען שוין אָט אַזוי ווי דער אָדלער?

— יאָ. אָבער נאָך העכער און שנעלער.

— איך וואָלט נאָך געוואָלט וועלן אַזאַ פלי־מאַשין זען.

מישקאַ האָט זיך באַוויזן פון אונטער אַ געצעלט רעכטס. דער אַלטער האָט אים גלייך באַמערקט.

— אָט קומט דער פאַרלאָרענער! — איראָנישע פייערלאַך האָבן גענומען טאַנצן אין זיינע אויגן.

צוקומענדיק נעענטער, האָט מישקאַ אונטער'ן אַלטנס פּלייצעס צו מיר אַ וואוילערישן וואונק געטאָן מיט'ן רעכטן אויג, אַז אַלעס גייט אויסגעצייכנט און צוזאָגנדיק אַ שאָקל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

אַ געדאַנק איז דורכגעלאָפן, ווי לעבערלאַך מישקאַ דאַרף אויס־זען, אויב דער אַלטער שטויסט זיך וועגן עפּעס אָן. אָבער לאַנג טראַכטן וועגן דעם האָב איך ניט געקאָנט: מישקאַ'ס צוזאָגנדיקער שאָקל מיט'ן קאָפּ האָט מיך ווי פון אינווייניק אָנגעצונדן און אַ רויט־געלער נעבל האָט זיך אַ וויג געטאָן פאַר די אויגן.

מישקאַ האָט זיך צוגעזעצט צו אונז און געפרעגט:

— ווי ס'ווייזט אויס, לאנגווייליקט איר זיך ניט?

— ניין, — האָט דער אַלטער געענטפערט. — קלוגע מענטשן לאַנגווייליגן זיך ניט אפילו ווען זיי שווייגן. נו, און דו, ווי פילסט?

— אויסגעצייכנט! — האָט באַרקין זיך ברייט צושמייכלט.— די דריי מאָל פאַרשאָלטענע שטעט האָבן מיך פאַרמאַטערט! איך האָב שוין אַכט חדשים קיין פרייע שטיקל סטעפּ ניט געזען, אויף קיין לייטישן פערד ניט געריטן. — ער האָט ווידער צו אַ מיר אַ ווינק געגעבן מיט'ן אויג.

— דו קאָנסט דאָ מיט דיין פריינט פאַרבלייבן אַזוי לאַנג ווי איר וועט נאָר וועלען, — האָט קירעי־כאַן האַלב צו אים, האַלב צו מיר געזאָגט.

איך האָב עטוואָס אָנגעבויגן דעם קאָפּ און מישקאַ האָט געענטפערט:

— איך וואָלט זיך דאָ פאַרהאַלטן אַביסל לייגנער, אָבער אין אים — ער האָט אָנגעוויזן מיט'ן קאָפּ אויף מיר — זיצט אַ „שייטאַן" (טייוול) און טרייבט אים פון איין פּלאַץ אויפ'ן צווייטן.

דער אַלטער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— דאָס איז גוט! אַזוי דאַרף זיין: מענטשן טאָרן זיך ניט פאַרגראָבן לעבעדיקערהייט אין איין פּלאַץ... זיי וועלן שפּעטער כיי ווי ניט קאָנען אַנדערש.

מישקאַ האָט אַלע ווײַלע געוואָרפן אומגעדולדיקע בליקן רעכטס, וואו די פרויען־געצעלטן האָבן זיך געפונען.

קירעי־כאַן האָט אים גיך אָפּגעלאָזט:

— האָסט דאָ ניט וואָס צו זיצן און זיך לאַנגווייליקן. גיי זיך דורך אַביסל. כ'ווייס דאָך, האָסט ליב צו פאַרברייינגען מיט מיינע זין. און פאַרגעס ניט מאָרגן אָנצוקוקן מיינע נייע צען „דזשאַירִיק" פערד. אייער גענעראַל־גובערנאַטאָר, און אפשר טאַקע דער קיסר אַליין, וואָלט זיך ניט געדאַרפט שעמען אויף זיי אַרויסצופאָרן. — ער האָט זיך צו מיר געווענדעט: — אויב דו ווילסט, גיי אויך מיט אים.

אַ ציטער איז איבער מיין פּלייצע אַריבער. כ'האָב געפילט,

ווי אויפצושפּרינגען און, ניט גיין, נאָר לויפן מיט מישקאַ'ן. ס'איז מיר אָבער אויך אַ שאָד געווען זיך ניט צו באַקענען נעענטער מיט קירעי־כאַנ'ען. דערצו האָב איך געפילט, אַז ער וואָלט זייער גע־וואָלט, כ'זאָל דאָ בלייבן.

— כ'וועל מאָרגן אַלעס באַטראַכטן, — האָב איך ווי מעגלאַך רואיק געענטפערט.

דעם אַלטנס בליק האָט אויסגעדריקט צופרידנהייט און מישקאַ האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן.

— מיר וועלן דיך מער ניט פאַרהאַלטן, — האָט דער אַלטער אים באַמערקט, זעענדיק ווי ער רירט זיך פון אָרט ניט. — און פאַרגעס ניט צו זאָגן די קינדער, זיי זאָלן אָפּטרייבן אויף ביינאַכט די פערד אַביסל טיפער אין סטעפּ אַריין.

— גוט, כ'וועל זיי עס גלייך זאָגן. — מישקאַ איז אויפגע־שטאַנען, ווידער געוואָרפן אויף מיר אַ פאַרוואונדערטן בליק און איז אַוועק, מיר אַ זאָג טוענדיק: — כ'וועל שפּעטער קומען אין אונזער געצעלט.

איידער ער איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן, האָט ער צו מיר אַ מאַך געטאָן מיט'ן פינגער, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: — פערד וואָס דו ביזט! וועסט ביי מיר צוזעצט ווערן, אַזוי וועט דיר באַנק טאָן!

און ס'האָט מיר שוין באַנק געטאָן. כ'האָב געהאַט אַ געפיל פּונקט ווי איך וואָלט אַליין פאַרהאַקט פאַר זיך די טירן פון אַ גע־היימניספולער וועלט, וואו ס'האָבן אויף מיר געוואַרט גאָר נייע, אויסערגעוויינלאַכע איבערלעבונגען. אין מוח האָבן זיך געפּלאָנ־טערט אַ פּאָר געשיכטעס וועגן טערקישע גאַרעמען, וועגן די שיינע פרויען וואָס שמאַכטן דאָרטן פאַרשפּאַרט, וועגן די געפאַרן וועלכע געוואָגטע רייזנדע האָבן דורכגעמאַכט ביז זיי האָבן זיך אַהין דער־שלאָגן און זיי באַפרייט.

דאָס האַרץ האָט אומרואיק געקלאַפּט און אַ געדאַנק איז שאַרף אויסגעוואַקסן: כ'זאָל זיך גלייך אויפהויבן, זאָגן קירעי־כאַנ'ען, אַז כ'האָב זיך באַרעכנט, כ'וויל זיך בעסער אַביסל דורכגיין און

גלייך לויפן אניאגן מישקא'ן. כ'האב זיך אבער באהערשט און געבליבן זיצן.

די בלוטיק־רויטע זון האט זיך דערווייל העכער האלב איינ־געגראבן אין א שנייאיקן בארג שפיץ. זי האט אבער באלד חרטה געקראגן און מיט דער צווייטער העלפט באמיט זיך צוריק ארויס־קריכן פון דער אייזיקער מאסע, אנהאלטנדיק זיך מיט די רויט־פלאטערנדיקע שטראלן אן די ווייסע וואלקנדלאך.

איבער דער גאנצער ליינג און ברייט פון סטעפ, אין ריכטונג צו דער געפאנגענער זון, האבן זיך מחנות־ווייז גענומען טראגן און זיך קייקלען לייכטע שאטנס. זיי האבן פארפילט די לופט, הויך שפרינגנדיק איינער איבער'ן צווייטן און זיך געשלייכט צווישן גראזן און קוסטן. — — —

* * *

עס האט נאך בלויז א קליין, קיילאכדיק־אפגעהאקט שטיקל זון אויפ'ן שנייאיקן בארג שפיץ געבלוטיקט, ווען קירעי־כאן האט א טיפן זיפץ געטאן און שטיל באמערקט, ווי פאר זיך:

— שוין צייט מיין ליולקע צו פאררויכערן. — ער האט זיך געווענדעט צו מיר: — אפשר וועסטו אויך פאררויכערן א גוטן סיגאר?

טיף אין מיר האט עפעס ווי א פינקל געטאן און גלייך מיט א ברי זיך אפגערופן אין יעדן אבר. דאס הארץ איז ווי קלענער און שטייפער געווארן, האט גענומען ארבעטן לאנגזאמער און אנ־געשטריינגטער. כ'האב דערפילט, ווי דאס בלוט לויפט שווער און געדיכט איבער די אדערן און ווי די הייטלאך פון די אדערן פלאטערן אונטער'ן דרוק פונ'ם רויטן שטראם. די לופט איז מיט אמאל געדיכט געווארן און גענומען פרעסן אויף מיין ברוסט־קאסטן. דאס קיילאכדיק־אפגעהאקטע, אין בלוט אויסגייענדיקע שטיקל זון אויפ'ן בארג־שפיץ איז מיט אמאל בלייך געווארן און פארלארן די גאנצע שיינקייט.

טיף אין מיר, ווי פונ'ם בויך, האבן זיך שאטנס גענומען הויבן און וואס נעענטער זיי זיינען צום האלז צוגעקומען, אלץ שווערער

און שטייפער זיינען זיי געוואָרן, און ביים סאַמע שלינג האָבן זיי שוין געגומען ווערגן. אַ טיפער ציטער האָט זיך שנעל געטראָגן אַראָפּ, איבער׳ן רוקנביין, ביז צו די שפּיצן פינגער, און איז באַלד לאַנגזאַם געקראָכן צוריק, מאָדנע לאַנגזאַם, ווי טריט ביי טריט, ווי זיך דראַפּנדיק פון איין רוקנביינדל אויף׳ן צווייטן. כ׳האָב צו־געמאַכט די אויגן, געוואָלט אַ טראַכט טאָן וועגן עפּעס אַנדערש, אָבער אין פאַרטומלטן מוח האָט ווי ווער שאַרף אויסגעשריען:

— וואָס האָסטו אַזוי מורא? קאָנסט זיך דאָך צו יעדער צייט צווינגען ניט צו רויכערן?

— דאָס איז אמת, — האָט אַ צווייטער אין מיר געענטפערט,

— איך קאָן עס, אָבער ווי טייער עס קאָסט, ווי שרעקליך עס פּייניקט.

און די ערשטע שטימע האָט געמאַכט־גלייכגילטיג ווייטער געזאָגט:

— ס׳איז שוין פאַר דיר ניט דאָס ערשטע מאָל... האָסט ניט וואָס מורא צו האָבן.

קירעי־כאַן האָט מיך איבערגעפרעגט:

— ווילסטו פּאַררויכערן אַ ציגאַר? כ׳האָב דאָ זייער אַ גוטן.

כ׳האָב אים געוואָלט דאַנקן, זאָגן, אַז כ׳פיל מיך און וועל בעסער זיך גיין אויסרוען, אָבער מיינע ליפּן האָבן ווי אַליין גע־זאָגט:

— כ׳דאַנק דיר. כ׳רויכער ניט קיין ציגאַרן. כ׳וואָלט זיך אָבער ניט אַנטזאָגט פון אַ ליולקע גוטן... אָפּיום.

דעם אַלטנס אויגן האָבן זיך ברייטער צועפנט:

— דו שפּאַסט?

— ניין! — מיינע ציין האָבן גענומען קלאַפּן שנעל און דריבנע. כ׳האָב זיי פעסט צוזאַמענגעדריקט.

ער האָט זיך נעענטער צוגערוקט צו מיר.

— ווי לאַנג רויכערסטו שוין

— צוויי יאָר.

— אַלע טאָג?

— ניין. פריער אַ טאָג איבער אַ טאָג און אַצינד זעלטן. ווען עס מאַכט זיך.

ער האָט אַ צופרידענעם לאַך געטאָן און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל.

— אַזוי איז גוט! אַזוי דאַרף זיין אַן אמת'ער מאַן. איך רויכער אויך אַזוי! אַם מערסטן דריי מאָל אַ וואָך. — ער האָט מיר מיט ליבע אַריינגעקוקט אין די אויגן: — וואָס פאַר אַן אָפּיום גלייכסטו אַם בעסטן?

— דעם אָסט־אינדישן.

ער האָט נערוועז און צופרידן אַ רייב געטאָן איין האַנט אָן דער צווייטער:

— זייער גוט. איך האָב ערשט לעצטע וואָך אַריינגעקראָגן צוויי פּעקלאַך. דער פּערסיאַנער איז אויך גוט, אָבער איז אַפּט אַ ביסל צו שאַרף... — ער האָט זיך פלינק אויפגעהויבן. — וועלן מיר אַריינגיין אינווייניק, צי בלייבן אין דרויסן?

— ניטאָ קיין ווינט. מיר קאָנען בלייבן דאָ.

ער איז שנעל אַריין צו זיך אין געצעלט און באַלד איז שוין פאַר אונז געשטאַנען אַ קליין, ברענענדיק לעמפּעלע און פון דער זייט האָט מיט אַזוי פיל צוזאָג און שפּאָט אַרויסגעקוקט דאָס קליינע ווייסע שיסעלע מיט דער געדיכט־ברוינער אָפּיום־מאַסע.

דאָס קליינע, שניי־ווייסע שיסעלע האָט מיך גלייך דערקענט און מיט אַ האַרציק־ליבלאַכן שמייכל, אונטער וועלכן כ'האָב געפילט האַס און פאַרדרוס, מיך באַגריסט:

— אַ, דו ביזט עס? אויסגעצייכנט! עס פרייט מיך אויסערגעוויינלאַך מיט דיר זיך ווידער צו טרעפן. איך זע אין דיינע אויגן ווי שטאַרק דו ווילסט מיך אַצינד, אָבער כ'פיל אויך, אַז טיף אין דיר אַרבעט שוין אַ געדאַנק, ווי אַזוי מיך ווידער צו פאַרלאָזן. ניט גוט, ליבער פריינט, זייער ניט שיין פון דיין זייט! דו באַגייסט זיך מיט מיר ווי מיט אַ גאַסן־פרוי, וועלכע מען לייגט אַוועק נעבן זיך אין בעט אין אַ ביינקנדיקער נאַכט און וועלכע מען טרייבט

אַרוים ווען דער פרימאָרגן קומט... אָבער דו ביזט אַ נאַר. דו טראַכסט צופיל. האָסט מורא פאַר די פּאַלגן, ווילסט ניט פאַר־שקלאַפט ווערן? ביזט אַ גרויס קינד: שרעקסט זיך פאַר ליידיק־קלאַפּנדיקע ווערטער. ביסטו דען ניט קיין שקלאַף ביים לעבן און טויט? ביי יעדן טייל פון דיין קערפּער? קאָן דען ניט דער קלענסטער אבר אָן עק מאַכן צו דיין גאַנצער עקזיסטענץ? אָבער איך בין רייכער פונ׳ם שווערן, גרויען לעבן. מיינע חלומות זיינען אָן אַ צאָל שענער און רייך־פאַרביקער פון אירע. איך פאַרניכט דעם שרעק פאַר׳ן טויט. מיין איין שעה איז ווערט פילע לעבנס. דו ווייסט עס דאָך... דו, גרויס קינד, הער זיך אויף צו שרעקן פאַר ווערטער און פייגלישע באַגריפן. קעמף ניט מער מיט זיך: ס׳איז איבעריק. נעם דעם צויבער וואָס איך גיב דיר און מאָרגן אין דער צייט האָף איך דיך ווידער צו טרעפן אויפ׳ן זעלבן פּלאַץ מיט אַ ליולקע אין האַנט...

קירעי־כאַן האָט מיר דערלאַנגט אַ ליולקע. זי איז געווען גע־דיכט באַפּוצט מיט טיף־רויטע רובין־שטיינדלאַך, געמישט מיט גלבלאַכע דימענטלאַך, דאָס פּיסקל האָט געגליט מיט׳ן רייננסטן בורשטין. זיינע איז געווען אַ ווייסע, פון עלפאַנט־ביין, אינגאַנצן באַדעקט מיט צאַרט געשניצטע פיגורן און דאָס פּיסקל אַ מאָדנע אויסגעקרימטס פון עפּעס אַ שטיין, וועלכער האָט פון זיך אַרויס־געגעבן די לבנה שיין דורך אַ לייכטן נעבל.

באַלד האָבן שוין איבער׳ן פייער פון אונזער לעמפּל אויף די שפּיצן פון צוויי לאַנגע נאָדלען זיך געוואַרמט צוויי טונקעלע טראָפּנס אָפּיום. נאָך אַ מינוט, זיי האָבן זיך גענומען צוזאַמענ־דריקן, זידן, ווערן גאָלדיק־געל, אַרויסלאָזן פון זיך אַ געדיכט־שוואַרצן רויך, וועלכן אונזערע נאָזלעכער האָבן אין זיך זשעדנע געצויגן.

די ערשטע ליולקע האָבן מיר אויסגערויכערט שווייגנדיק. מאַכנדיק די צווייטע, האָב איך שטיל אַ פרעג געטאָן:

— זאָג, קירעי, אפשר ווייסטו דעם זין פון לעבן?

ער האָט שמייכלנדיק געענטפערט:

— ניטאָ קיין גאָט אחוץ אַללאַ, ניטאָ קיין זין אין לעבן אחוץ דעם לעבן גופא! דער זין איז אין אייביקן באַנייאונג, אין אייביקן בייטונג פון דעם אויסערלאַכן... כ'האָב געמיינט, אפשר וועסטו מיר עפּעס נייס וועגן דעם דערציילן, עפּעס נייס אנטפּלעקן, אָבער אייערע געלערנטע ווייסן ניט פיל מער פון אונזערע. ווי אַ הארצ־לאָזע, שיינע מיידל מיט אַ נאַרישן, פאַרליבטן בחור, אזוי שפּילט זיך מיט אונז אַרום דאָס לעבן. אָט וואַרפט זי אונז צו אַ צו־זאָגנדיקן שמייכל, אָט ווייזט זי אַ שטיקל פוס, אָט אַנטבלויזט זי אַן אַקסל און אָט זיינען שוין אירע פלאַטערנדיקע ברוסטן אינגאַנצן אָפן און ציען זיך אַליין צו אונז. מיר וואַרפן זיך פאָרויס. אָט נאָך אַ רגע, נאָך איין שפּאַן און זי איז אין אונזערע הענט. ס'איז אָבער בלויז אַ נאַרעריי: מיר וועלן דאָס אייביקע מיידל קיינמאָל ניט כאַפּן, ווייל זי עקזיסטירט ניט אַלס גאַנצעס, זי איז אין מיליאָ־נען שטיקלאַך צושפּליטערט און זיי זיינען איבער דער גאָרער וועלט. אביסל אין אונז אַליין, אביסל אין בוים, אביסל אין טייך און דאָס איבעריקע אין דער לופטן. און כדי זי קאָנען אַרומכאַפּן מוזן מיר זיך אויסלערנען די גאַנצע וועלט מיט אונזערע קורצע הענט אַרומ־נעמען, דעם גאַנצן רוים צו זיך אין ברוסט אַריינציען. קוק, — האָט ער אָנגעוויזן מיט'ן קאָפּ אויף די בערג, — ווען כ'בין מיט זעקס און זעכציק יאָר צוריק געבוירן געוואָרן, זיינען אָט דיזע בערג פּונקט אזוי געשטאַנען ווי אַצינד. דעם מענטשס לעבן, אונזער טרויער און פרייד, ליידן און ליבע האָבן זיי, די בערג, אפילו אויף איין שפּאַן ניט אָפּגעקערט פון זייער ריכטונג. דאָס זעלבע איז געוועזן מיט מיין טאַטן און זיידן, אזוי וועלן אויסלעבן די יאָרן מיינע זין און זייערע קינדער. דער אומגליק איז, וואָס מענטשן האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי זיינען געטער און זעען ניט, ווי דער טויט רייט אויף זייערע פּלייצעס, זיך אָנהאַלטנדיק פאַר זייערע אייזלשע אויערן און לאַכט פון זיי, מאַכט צו גאָרניט זייערע גרעסטע אויפטואונגען. דערצו נאָך האָבן זיי זיך צוטיילט מיט אַ וואַנט פון „מיינס" און „דיינס" און פאַרביטערן דאָס ביסל טעג פון זייער עקזיסטענץ.

— זאָג, קירעי, וואָלסטו אַוועקגעגעבן דעם שכן דיין פערד אָדער ווייב ?

— ניין, ווייל ער אַליין וואָלט עס אויך ניט געטאָן. אָבער אַנטלייען — מיט פאַרגעניגן, אויב ער וועט נאָר ניט מאַטערן מיין פערד און זיין גענוג קרעפטיק פאַר מיין ווייב.

— מיינסטו עס ערנסט ?

— אָן צווייפל. — ער האָט אַריינגעצויגן אַ פולע ברוסט מיט שוואַרצן רויך, געזעסן אַ ווײַלע מיט פאַרמאַכטע אויגן און ווייטער דערציילט :

— שוין פילע יאָרן, אַז פון שטאָט קומען צו מיר צוגאַסט אַ פּאָר רוסישע אָפיצערן און זייערע אַ צוויי פריינט. זיי ברענגען מיר פרעזענטן, ריידן וועגן פריינטשאַפט און פאַרברענגען די נעכט מיט מיינע ווייבער. נאַראָנים! זיי דיינקען, זיי נאַרן מיך, אָבער די אָפּגענאַרטע בלייבן זיי: זייערע קינדער, שטאַרקע און קלוגע, בלייבן דאָך דאָ, ווערן מיינע זין. פאַר אַזוי ווייניק־ווערטיקע, שנעל פאַרשווינדנדיקע נעכט מיט מיינע ווייבער, באַצאָלן זיי מיט׳ן מאַרך פון זייערע ביינער, מיט׳ן פאַרטזעצונג פון זייערע אייגענע לעבנס. ישאַקעם! (אייזלען). אָט דיין פריינט באַרקין נאַרט מיך אויך. און די גרויע אויגן פון מיין יונגסטן זון, פונ׳ם קליינעם, האַרציקן אַכמעט׳ן, לאַכן ניט פון מיר, ווי ער דיינקט, נאָר פון אים אַליין. אַ קירגיז מיט גרויע אויגן... וואָס פאַר אַ טייער געראָטן קינד דאָס איז! ער זיצט שוין אַליין אויף אַ פערד און באַמיט זיך אָנציען דעם בויגן. — ער האָט אַ קוק געטאָן אין ריכטונג צו די פרויען געצעלטן. — כ׳וואָלט געקאָנט שווערן ביים הייליקן מאַהאָמעד׳ס באָרד, אַז ווען כ׳וואַרף אַצינד דורך כאַנים׳ס בעט, אָדער אפשר גאָר אַנאַנדערענס, וואָלט איך אים פון דאָרט אַרויסגעטרייסלט. — ער האָט זיך שטיל צולאַכט.—האָסט היינט געזען זיבן פון מיינע זין, וועסט מאָרגן זען די איבעריקע. פופצן האָב איך. געוועזן נאָך איינער, אָבער געבליבן זיינען פופצן. אכט זיינען זיבער פון מיר. אָבער וואָס איז דער אונטערשייד. אַלע זיינען זיי מיינע, קלוגע און

ווילדע סטעפּ אָדלערס, די גערעאַטנסטע אויף הונדערטער מײלן אַרום!

איך האָב זיך שטיל צולאַכט. פֿונ׳ם געדיכטן, זײדענעם רויך פֿון מײן פּיפּקע האָט זיך לאַנגזאַם אויפֿגעהויבן און זיך איבער־געבויגן צו מיר אַ טונקל גאָלדן פֿרויען פּנים אין וועמענס געזיכטס־ציגע און שמייכל כ׳האָב דערזען און דערקענט די פּנים׳ער פֿון אַלע יעניגע, וועלכע זײנען מיר ווען ס׳איז טייער און ליב געווען. זי האָט אַרויפֿגעלייגט אירע דורכזיכטיקע הענט אויף מײן שטערן, מיר טיף אין די אויגן אַרײנגעקוקט און איר שטימע האָט געגלעט, געקושט:

— דו ביזט ניט אויפֿריכטיק, מײן ליבער, האַנדלסט ניט שיין... האָסטו מיך דען ניט צו יעדער צײט ווען נאָר דו ווילסט? זײנען ניט שטענדיק אָפֿן פֿאַר דיר די טויערן פֿון מײנע שטראַלנ־דיקע פּאַלאַצן? באַשיץ איך דען דיך ניט פֿון אַלעם גרויעס און שווערעס אין לעבן? וואָס איז דאָס לעבן קעגן מיר? אַ בעטעלער אין שמאַטעס מיט אַ שלעכטן ריח פֿון זײן מויל! פֿאַר וואָס זשע אַנטלויפֿסטו אַלע מאָל פֿון מיר? פֿאַר וואָס, אַפֿילו אַצינד, ווען איך בין אַזוי נאָענט צו דיר און מײנע הענט זײנען אויף דײן קאָפּ, האָסטו טיף אין דײן מוח אַ הינטער־געדאַנק, אַז מאָרגן וועסטו שוין ניט זײן מיט מיר, וועסט שוין קעמפֿן מיט זיך, כּדי זיך ניט צורירן צו דער פּיפּקע? אָ, ליבער, זײ ניט אַזוי האַרצלאָז צו זיך און צו מיר!

כ׳האָב זיך אַ רים געטאָן פֿון אירע הענט און כמעט ווי אויס־געשריען:

— זאָג מיר, קירעי, צוליב וואָס קויפֿסטו נאָך אַצינד נײַע ווײַבער?

— צוליב דעם זעלבן, וואָס כ׳קויף נײַע פֿערד. פֿערד אויף צו רייטן און ווײַבער אַמאָל צו דערוואַרעמען מײן קאַלט בלוט. — ער האָט אַ זיפֿץ געטאָן. — איך טויג שוין ניט פֿאַר זײ... ווען כ׳פֿאַרברײנג אַמאָל אַ נאַכט מיט אײנער, קאָן איך שוין אויפֿ׳ן צווייטן טאָג ניט זיצן אַזוי גלייך אויף מײן פֿערד. אַלטקייט איז

ניט קיין איבעריק קלוגע זאַך. אַללאַ וואָלט געדאַרפט געוועז צו־טראַכטן עפּעס אַנדערש, וואָלט געדאַרפט אויסמיידן דאָס וואַקסן צוריק, דאָס אָפּשטאַרבן לעבעדיקערהייט. שטאַרבן יונג צו זעכציק, זיבעציק יאָר — דאָס וואָלט געווען דאָס שענסטע, דאָס געט־לאַכסטע.

ער האָט זיך שנעל געמאַכט די דריטע ליולקע. איך האָב לאַנגזאַם געקלערט די צווייטע און באַשלאָסן מער היינט ניט צו רויכערן. כ׳האָב ווידער דערזען פאַר זיך דאָס טונקל־גאָלדיק פרויען פּנים און די כשוף הענט האָבן זיך ווידער צוגערוקט צו מיין שטערן. יעדער אַבער האָט פּראָטעסטירט אַנטקעגן מיין באַשלוס, האָט אומ־געדולדיק געציטערט, פאָדערנדיק די דריטע פּיפּקע. און כדי צו פאַרטרייבן די זעאונג, האָב איך שנעל אַ פרעג געטאָן:

— זאָג, קירעי, ביזטו ווען אמת גליקלאַך געווען אין דיין לעבן?

ער האָט פאַרטראַכט זיך איינגעקוקט אויף דעם טראָפּן אָפּיום אויפ׳ן שפּיץ פון זיין נאָדל, דערנאָך געשווינט אים אַריינגעוואָרפן אין לעכל פון זיין ליולקע, וועלכע ער האָט גענומען וואַרימען אי־בער׳ן לעמפּל. ווען דער רויך האָט זיך פון דאָרטן אַ שפּאַר געטאָן, האָט ער אים איבערגעכאַפּט מיט׳ן אָטעם, אַריינגעצויגן אין זיך, אָפּגעאָטעמט און געענטפערט:

— כ׳ווייס ניט. מיין לעבן איז פאַריבער העל און קרעפטיק. כ׳בין געבוירן געוואָרן אין מאַכט און אין רייכטום און אַזוי אָפּ־געלעבט מיינע טעג. בלויז איין טיפּן פאַרלוסט אין לעבן געהאַט: מיין זון אַליין געטויטעט... כ׳האָב שטענדיק געהאַט אַ סך גוטע פערד און די שענסטע ווייבער. גליק קומט דאָך בלויז רגע׳ווייז. קומט, באַשיינט און ווערט פאַרשוואונדן. און ווען עס בלייבט, הערט מען עס סיי ווי אויף צו פילן. כ׳האָב שטענדיק אַלעס גע־בויט בלויז אויף זיך אַליין, קיינמאָל ניט אויף קיין צווייטן. מיין פאָטער, וועמען דער אַלמעכטיקער אַללאַ האָט זיכער אין גן־עדן אַ גוטן פּלאַץ געבן זיך געגעבן, פּלעגט מיר אָפט זאָגן: „געדיינק, קירעי, מענטשן זיינען קליינע קינדער, וועמענס קערפּערס בלויז

וואקסן, דער שכל בלייבט אָבער אַם מערסטן דער זעלבער. בוי ניט דיין גליק אויף קיין הויז: עס וועט אָפּגעברענט ווערן, אויך ניט אויף קיין פריינט: ער וועט דיך אָפּנאַרן, אויך ניט אויף קיין פרוי: זי וועט דיך אויף אַ צווייטן פאַרבייטן. בוי דיין גליק בלויז אויף זיך אַליין, אויף דיין אייגענעם גלויבן.

— אָבער ווי איז עס מעגלאַך, ווען אונזער גלויבן בייט זיך אַזוי אָפט, ווען אונזערע געפילן קומען און פאַרגייען ווי די זון, ווען אונזערע וואונטשן זיינען צוגעגליכן צום ווינט?

ער האָט צופרידן זיך צולאַכט:

— דאַן, מיין יונגער פריינט, בוי קיין גליק ניט! גיי זיכער איבער'ן לעבנס וועג מיט אָפענע אויגן און אַן אָפענע נשמה. זויג זשעדנע אין זיך דאָס שענסטע וואָס דאָס לעבן קאָן דיר געבן, נעם עס אַ זיכערער, אַז ס'איז דיינס, אַז ס'קומט דיר... און אַזוי דער־גיי צו דיין לעצטער שעה...

מיר האָבן לאַנג געשוויגן. איך האָב געטראַכט וועגן מיין לעבן, וועלכעס איז ביז אַצינד אויסשליסלאַך געווען געבויט אויף הייזער, פרויען און פריינט. און וויפיל מאָל האָב איך זיך עס שוין אָפּגענאַרט, מיט בלוט געצאָלט פאַר יעדער רגע גליק אָדער גאָר פאַר'ן שאָטן פון גליק.

די געדאַנקען האָבן געשוועבט אַזעלכע לייכטע, אַן אַ טראָפּן וויי, זאָרגפעלטיק איינגעהילטע אין שוואַרץ־זיידענעם רויך פון מיין זיך אויסלעשנדיקער ליולקע. און פּלוצלונג האָב איך באַמערקט, אַז ס'איז שוין פינסטער, אַז פונ'ם הימל קוקן גלייך אַראָפּ קופּעס שטערן, אַז פון יענער זייט פרויען געצעלטן ברענען פייערן און עס דערטראָגט זיך אַ רויש פון שטימען.

גיך האָט איבער'ן סטעפּ, אונטער אונזערע פּלייצעס, זיך גע־נומען הויבן די לבנה. זי איז געווען אַ פולע, אַביסל אַ בלייכע. נאָך איר, איבער'ן גאַנצן רוים, האָבן זיך נאָכגעשלעפּט אָהן אַ שיעור נעצן איבערפולטע מיט אַ נעבלדיקער ליכטיקייט, וועלכע האָט ווי געשלונגען די פינסטערניש און גיך איז די גאַנצע סטעפּ געווען פאַרפולט מיט אַ מילך־ווייסקייט. און אָט דיזע מאָדנע

ווייסקייט האָט ערגעץ וואו געדופן, האָט זים געמאַטערט, דערציילט פון עפּעס זאָנדערבאַרן, וואָס געפינט זיך אָט באַלד פון יענער זייט פון די געל־ווייסע נעצן.

קירעי־כאַן האָט שטיל, טרויעריק דערציילט:

— אַמאָל, ווען כ׳בין יונג געווען און שטאַרק ווי צוויי פון מיינע קרעפטיקסטע זין צוזאַמען, פלעג איך אין אַזעלכע נעכט אָנ־זאָטלען מיין שנעלסטן פערד, פאַרנעמען די שענסטע און ליבסטע פון מיינע ווייבער צו זיך אויפ׳ן שויס און אוועק מיט איר ווייט אין ווייסן סטעפּ אריין. אין אַ האַלבע שעה פאָרן, נעבן אַ באַרג, האָב איך געהאַט אַ קליין, שטיינערדיק שטיבל מיט אַ דורכזיכ־טיקן דאַך. אויף די ווענט זיינען געווען אויסגעמאָלן בילדער פון נאַקעטע פרויען און טיגערן און דער דיל ווייך אויסגעשפּרייט מיט טורקמענישע קולימעס. דאָרטן, באַלויכטענע מיט לבנה שטראַלן, האָבן מיר געליבט אַ גאַנצע נאַכט... און אַמאָל נאָך פאַרבראַכט אונטער די זונען־שטראַלן דעם גאַנצן טאָג...

ער האָט אָפּגעזיפצט:

— ווי אַן ענדלאָזע רייע בלייכע שאָטנס שטייען אַצינד יענע נעכט הינטער מיינע פּלייצעס. זיי זיינען אַזוי נאָענט, אַזוי טייער! אָבער פאַרפאַלן: צוריק קאָן מען זיי שוין ניט ברייננגען. איין מאָל איז מען יונג...

איך האָב אַוועקגעלייגט מיין פאַרלאָשענע ליולקע אָן אַ זייט און זיך אויסגעצויגן מיט׳ן פּנים ארויף. מיין יעדער אבר האָט ווי געטאָן, האָט זיך קרעמפּנדיק געצויגן, פאָדערנדיק די דריטע ליולקע. כ׳האָב זיך אָבער ניט צוגעהערט צו זיי, ניט געזוכט קיין קאָמפּראָמיסן: כ׳האָב געוואוסט ס׳איז ניטאָ קיין מיטל־וועג אָדער זיי מוזן אנטשווינגן ווערען, אָדער איך מוז גיין צו גרונט.

— רויכערסט שוין ניט מער?

— ניין!

— דו ביזט אַ מאַן!

כ׳האָב געקוקט אין הימל אריין, געטראַכט פון דער רייע לבנה

נעכט הינטער מיינע פּלייצעס ,געפּרואווט עפּענען יעדע פון זיי און אַרויסרופן איר אינהאַלט, זיך דערמאָנען אָן ווי אָדער גליק, וועלכן זיי האָבן מיר אַמאָל פאַרשאַפט.

אין דער לופטן האָבן זיך אַרומגעשליידערט אַ סך פלעדער־מייז, אַפּט זיך אַראָפּלאָזנדיק גאַנץ נידעריק און כמעט ווי אָנגערירט מיט זייערע פליגל דעם אַלטנס קאָפּ און מיין פּנים. קאָמאַרן האָבן בייז געזשומעט אין די אויערן און געביסן.

און פּלוצלונג האָב איך זיך דערמאָנט אָן מישקאַ'ן. וואו איז ער אַצינד? זיצט מיט די יונגען אַרום איינעם פון די פייערן, אָדער ליגט שוין אין בעט נעבן זיין כאַנים? און אפשר וואַרט ער גאָר אויף מיר ביי אונז אין געצעלט? מעגלאַך, ער האָט שוין אויך פון מיינטוועגן פאַרפאַרטיקט עפּעס אַ שיינהייט און וואַרט בלויז... וואַרט בלויז איך זאָל קומען... ער האָט דאָך געזאָגט, ער וועט מיך זען אין פּאַלאַטקע...

אַ הייסער שטראָם בלוט האָט מיך איינגאַנצן פאַרגאָסן. איך האָב געפילט, ווי אויפצושפּרינגען און לויפן צו זיך אין געצעלט, שרייענדיק אויפ'ן קול: וואַרט, מישקאַ, וואַרט, כ'קום!

אָבער פּלוצלונג האָט ווי אַ ליכטיקייט דורכגעשניטן מיין מאַרך און כ'האָב זיך מיט אַמאָל בארואיקט. עס האָבן אין מיר אָפּגעקלונגען קירעי־כאַנ'ס ווערטער: „נאַראָנים! זיי דיינקען, זיי נאַרן מיר, אָבער די אָפּגענאַרטע זיינען זיי... פאַר גאָרניט ווער־טיקע נעכט מיט מיינע ווייבער באַצאָלן זיי מיר מיט'ן מאַרך פון זייערע ביינער, מיט'ן פאַרטזעצונג פון זייערע אייגענע לעבנס".

מיין אויפרעגונג איז גלייך פאַרשוואונדן. כ'האָב אַ טראַכט געטאָן: „ניין, קלוגער אַלטער, דאָס מאָל וועט עס דיר ניט גע־לינגען. דו געפעלסט מיר זייער, איך בין דיינער אַ יונגער פריינט און ביידע רויכערן מיר טאַקע אָסט־אינדישן אָפּיום. אָבער מיינע אַ געדעכעניש מיט גרויסע, פאַר'חלומ'טע, טונקל־ברוינע אויגן, וועט ניט אַרומבלאָנדזשען שפּעטער אַ ביינקענדיקע איבער דיינע סטעפּעס, וועט ניט קומען צו דיר אויפ'ן קבר: אויף זיין טאַטנס קבר... אַ קירגיז דאַרף האָבן שמאָלע, שוואַרצע אויגעלאַך, וועלכע

זאָלן זיך קאָנען לייכט פאַרמאַכן ווען דער סטעפּ ווינט בלאָזט, אָבער ניט קיין גרויסע, טונקל־ברוינע און ניט קיין גרויע, ווי דער קליינער אַכמעט״...

כ׳האָב זיך אויפגעזעצט.

— פילסט שוין אפשר, ווי צו גיין שלאָפן?

— יאָ, כ׳בין מיד.

— די לעצטע פּלאַטקע רעכטס איז דיינע.

— איך ווייס. איך דאַנק דיר. — כ׳האָב זיך אויפגעהויבן: — אַ גוטע נאַכט. כ׳האָף, וועסט רואיק שלאָפן, אָן שום חלומות.

— זיכער. כ׳שלאָף שטענדיק גוט נאָכ׳ן רויכערן.

איך האָב לייכט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און זיך געלאָזט גיין רעכטס. ער האָט מיר נאָכגעשריען:

— מאָרגן פרי פאָרן מיר אַרויס אין סטעפּ אַריין צאַמען פערד!

— כ׳וועל זיין פאַרטיק. אַ גוטע נאַכט!

* * *

איך בין לאַנגזאַם געגאַנגען צו מיין געצעלט, אָנגעשטריינגט געקוקט פאַר זיך אין דער וויים־בלויער סטעפּ און געטראַכט, אַז די נעכט זיינען דאָ גאַנץ קיל, מען וועט זיך דאַרפן גוט איינדעקן מיט אַ פּאָר קאָלדרעס און איינשלאָפן. דאָס וועט זיכער זיין דאָס בעסטע און אַלע נאַרישקייטן וועגן פאַררויכערן נאָך אַ פּיפּקע, אָדער מיש־קאָ׳ן מיט זיינע שיינע קירגיזקעס וועלן אַרויס פונ׳ם קאָפּ. און וואָס איז דאָ פאַראַן אַזוי פיל נאָכצודיינקען? ס׳איז דאָך איינפאַך לעכערלאַך נאָך אַצינד צו טראַכטן וועגן קירעי׳ס אַ ווייב, ווען ער אַליין האָט פאַר מיר אַזוי פריינטלאַך געעפנט זיינע קאָרטן... אָ, ס׳איז אוממעגלאַך! דאָס מיינט זיך אַליין שפּייען אין פּנים אַריין! ווי קיל די אָוונטן זיינען דאָ... מען וועט זיך דאַרפן גוט איינדעקן און איינשלאָפן...

רעכטס האָט זיך געזען דער אָפּשיין פון פייערן און ס׳האָט זיך אָפּט דערטראָגן דער רויש פון שטימען. כ׳בין שטיין געבליבן, זיך געוואָלט איינקוקן אין די פייערן, זיינען אָבער צווישן מיר און זיי געשטאַנען די פרויען געצעלטן, איינגעהילטע אין לבנה שיין,

אזעלכע ווארטנדיקע, רופנדיקע, לייכט עררייכבארע. ס'האָט זיך געוואָלט אויסציען די הענט, אַ רוף טאָן, עפּעס אויסשרייען און כ'בין זיכער געווען, אַז עפּעס וועט געשען... מעגלאַך, די פּאָר־האַנגען איבער זיי וועלן זיך ברייט צועפענען און די פרוי, פון וועל־כער כ'האָב אפשר מיין גאַנצן לעבן געטרוימט, וועט אַרויס פון דאָרטן און... און... אַך, גאָט, וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן! ווי קיל די נעכט זיינען אין די סטעפּעס. מען וועט זיך דאַרפן גוט איינ־דעקן און איינשלאָפן ביז מאָרגן.

כ'בין פּאַוואָלי ווייטער געגאַנגען, געקוקט פּאַר זיך אין דער ווייס־בלויער סטעפּ, נאָכגעפאָלגט דעם לויף פון דער לבנה און געטראַכט, וואָס פאַר אַ מאָדנע לופט דאָ איז: זי איז איבערפילט מיט בלויע שאָטנס און אַלע האָבן זיי דעם אויסזען פון פרויען. צאַרטע ליניען פון פרויען הענט, שאַרפע סילועטן פון זייערע פּיס, קאָנטורן פון לייכט געבויגענע רוקנס און העלזער שלאַנק און שטאָלץ ווי ביי שוואַנען.

כ'בין ווידער שטיין געבליבן, זיך איינגעקוקט אין דער ווייט־קייט און פּאַר מיר האָט זיך בּיסלאַכווייז אויסגעשניטן אַ קליין שטיינערדיק שטיבל, נעבן אַ באַרג. אויף טויזנטער מיילן אַרום האָט זיך צעוואָרפן די ווייס־בלויע נאַכט. שאַ — שטיל... די סטעפּ שלאָפט. דאָס שטיינערנע שטיבל האָט אַ דורכזיכטיקן דאַך, דער דיל איז דיק און ווייך אויסגעשפּרייט מיט די טייערסטע טורקמענישע קולימעס, פון די ווענט לאַכן און רופן נאַקעטע פרויען און עס דראָען און שצירן מיט די ציינער שוואַרץ און געל־פּאַסיקע טיגערן. נאָר אָט דערהערט זיך רעכטס אַ ווייטער טאָפּן פון אַ פערד און גיך שוואַרצט זיך פון דער בלויקייט אויס אַ מעכטיקער רייטער. אויפ'ן זאָטל פאַר אים, מיט די הענט אַרום זיין האַלז, זיצט אַ וואונדערלאַך שיינע פרוי, איינג צוגעטוליעט צו אים. און דאָס פערד טראָגט זיך שוין אַליין צום שטיינערנעם שטיבל און פונקן שפּריצן פון אונטער זיינע פּיס... און וואָס נעענטער זיי קומען, אַלץ פעסטער בינדן זיך אירע הענט אַרום זיין האַלז, אַלץ הייסער ווערן זיינע קושן. און פּלוצלונג פאַנגט זי אָן לאַכן, ער

נאָך איר, אוןביידע נעמען זיי רייסן פון זיך די קליידער און זיי וואַרפן פון ביידע זייטן וועג... און איר געלעכטער, אַ צאַרטער, אַ רופנדיקער, קייקלט און פלעכט זיך אַרום זיינעם, אַ הילכיקן און גראָבן, און די לופט חזר׳ט איבער אויף מיילן אַרום זייער: כאַ־כאַ־כאַ!... כאַ־כאַ־כאַ!... כאַ־כאַ־כאַ!...

כ׳בין צו זיך געקומען, צוגעלייגט די קאַלטע הענט צו די אויגן און אַזוי אַביסל געשטאַנען. — אַך, וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן! וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן!

אַ געדאַנק האָט זיך פון ערגעץ אונטן אַ שלענגל געטאָן, מיר מיט אַ געלן אויג אין פנים אַריינגעקוקט און האַלב שטיפעריש, האַלב ערנסט געפרעגט:

„צו וואָס דאַרפסטו וואַרטן אויף מישקאַ׳ן? צו קענסטו דען אַליין דעם וועג ניט געפינען? גיי אַריין גלייך אין דער ערשטער פּאַלאַטקע, וועלכע וועסט אויסקלייבן און אַ סוף... זיי האָבן דיך געזען, געהערט וועגן דיר, קיינע וועט קיין גוואַלד ניט מאַכן: שוין ניט דאָס ערשטע מאָל... האָסט לחלוטין ניט וואָס מורא צו האָבן. האָסט דאָך געהערט וואָס דער אַלטער האָט געזאָגט! אַזוי לאַנג ווי ס׳אַרט אים ניט...“ — עס האָט מיך ווער מיט כח געשלעפּט רעכטס. דער געפיל, אַז מען ציט מיך איז אַזוי שטאַרק געווען, אַז כ׳האָב זיך שנעל אַרומגעקוקט, צי עס שטייט ניט ווער נעבן מיר.

כ׳האָב גענומען שנעל גיין צו מיין געצעלט. עס איז גע־שטאַנען אַביסל אָפּגערוקט פון די איבעריקע, מיט׳ן אַרויסגאַנג צום פרייען סטעפּ. כ׳האָב צונומען דאָס שטיק דינע לייוונט, וואָס האָט געדינט אַלס טיר, און אַריינגעקוקט. אינווייניק איז געווען שטאָק פינסטער; ס׳האָט געשמעקט מיט קומיס און נאָך עפּעס אַ פעטקייט.

כ׳האָב זיך צוגעהערט אַ מינוט און שטיל אַ רוף געטאָן:

— מישקאַ, ביזט דאָ?

קיינער האָט מיר ניט געענטפערט.

כ׳בין זיכער געווען, אז מישקא איז ניטאָ, דאָך זיך אביסל לייכטער געמאכט דאָס האַרץ:

— אָך, דו פּאָדליעצ, דער רוח זאָל דיך נעמען! מן הסתם זיך אריינגעקליבן אין א ווייבעריש, ווייך בעט און אינגאנצן אָן מיר פאַרגעסן... דו חזיר׳שע מאָרדע!

איך בין אריין אינווייניק און גענומען זוכן אין דער פינ־סטערניש דעם פּלאַץ, וואו זיך צו לייגן שלאָפן. דערווייל האָב איך זיך דערמאָנט, אז די שווערע „קאָשמאַ" (צודעק) ביי די זייטן פון דער פּאַלאַטקע קען מען זומער־צייט אָפּוואַרפן אָן א זייט, ווייל אונטער זיי געפינען זיך דינע „מאַטן" פון קאַמישן־גראָז.

איך בין ארויס אין דרויסן, געפונען דעם עק פון קאָשמאַ און אים ווייט אָפּגעצויגען אָן א זייט. ווען איך בין צוריק אריין אין געצעלט, איז שוין דאָרטן געווען ליכטיק און די לופט — פיל פרישער. אין דער טיפעניש איז געשטאַנען א גאָר נידעריקע סאָפע און אויף איר זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן קולימעס. רעכטס איז געהאַנגען א טיגערשע פעל, וועלכע האָט נאָך געהאַט אין זיך אזוי פיל לעבן און פרישקייט, און כ׳האָב זיך אויף א פּאָר מינוט דערפילט ניט אינגאנצן זיכער.

כ׳האָב זיך געמאכט דאָס געלעגער, אראָפּגענומען פון זיך די שיך און באשלאָסן צו שלאָפן אין די הויזן. פאַרוואָס, האָב איך אליין ניט געוואוסט, נאָר עפּעס אָן אומבאשטימט געפיל פון ניט זיכערקייט האָט עס מיך געצוואונגען צו טאָן, א מין אונטער־געדאנקן טאָמער וועט בייינאַכט עפּעס געשען, זאָל איך ניט זיין אינגאנצן אויסגעטאָן.

כ׳האָב זיך אוועקגעזעצט אויף דער סאָפאַ, א געוויסע צייט געקוקט פאַר זיך אין דער שימערנדיקער שיין פון דער לבנה און מעכאַניש גענומען דורכקוקן דעם פאַרגאַנגענעם טאָג. פון צייט צו צייט האָט א געדאנק וועגן מישקא׳ן און זיין צוזאָג צו קומען נאָך מיר זיך אומרואיק געפלאָכטען אין באוואוסטזיין. כ׳האָב אים אָבער יעדעס מאָל געטריבן פון זיך און נאָך אים פלעגט

בלייבן אַ געפיל, אַז דאָרטן, אין סטעפּ, פון יענער זייט געצעלט, שטייט עפּעס אויסערגעוויינלאַכעס, אויסטערלישעס, שטייט און וואַרט און רופט מיך שטיל, כמעט אָן אַ קול. — — —

ענדלאַך האָב איך געמאַכט אַ פּשרה: וואָס איז דער זין פונ'ם קעמפן מיט זיך, פונ'ם קריכן אויף די גלייכע ווענט? מישקאַ געפינט זיך אָן צוויפל ביי זיין כאַנים און האָט זיכער פאַרגעסן אָן דער גאַנצער וועלט. ניט ער וועט קומען מיך רופן, ניט איך אַליין וועל ביינאַכט אין פרעמדע געצעלטן קריכן... כ'קען נאָך צו איינעם פון די זין פאַרבלאָנדזשען... וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך דאַן האָבן? ניין, ניטאָ וואָס זיך נאַריש צו מאַכן: וועט ער קומען — איז גוט, ניט — איז אין דער ערד אריין מיט'ן קאָפּ!

אויף דעם האָט זיך מיין געדאַנק אַביסל בארואיקט און כ'האָב זיך באַמיט צו טראַכטן פון דער גרויסער שלאַנג, וועלכע כ'האָב מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק גע'הרג'עט. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט עפּעס אין מיר פאַרגעזעצט אומגעדולדיק צו וואַרטן, אויפמערקזאַם זיך צוהערנדיק צו יעדן קלאַפּ, צו יעדן שאָרך אין סטעפּ.

נאָך דער שלאַנג האָב איך געטראַכט וועגן מיינע שיך, וועלכע דראָען זיך אינגאַנצן צו צופאַלן, אויב מען וועט זיי ניט דערהאַלטן ביים לעבן מיט אַ פּאָר נייע זוילן. דערנאָך האָב איך אין מיין פאָרשטעלונגס־קראַפט דורכגעקוקט מיין גאַנצן אָנצוג, באַמערקט איין קנעפּל פונ'ם רעקל, וואָס הענגט קוים אויף אַ פאָדים און דאָס צווייטע וואָס פעלט שוין אינגאַנצן. די הויזן זיינען פון הינטן שוין גאָר אָפּגעריבן און גלאַנצן ווי אַ פּליכער־וואַטער קאָפּ. דאָס זעלבע איז אויך מיט די עלנבויגנס. מען וועט מוזן ביי דער ערשטער געלעגנהייט קויפן אַ נייעם אָנצוג... דערנאָך איז אַ געדאַנק געקומען וועגן דער זאָנדערבאַרקייט פונ'ם מענשלאַכן לעבן: האָב איך, צום ביישפּיל, נעכטן אין דער צייט, ליגנדיק ביי מישקאַ'ן אין „לאָך" זיך גערייכט, אַז היינט וועל איך ליגן ביי קירעי־כאַנ'ען אויף סאַמעטענע קולימעס?...

דאָ האָט אַ קליין געדאַנקעלע פּלוצלונג אונטערגעשפּרונגען, עפּעס איבערגעקערט אין מוח און שנעל געענדיקט מיין געדאַנק:

— אַז וועסט ליגן און וואַרטן מען זאָל דיך קומען פירן צום אַלטן׳ס אַ ווייב?...

איך בין בייז געוואָרן, זיך אַוועקגעלייגט, פאַרוואָרפן די הענט הינטער׳ן קאָפּ און באַשלאָסן אינגאַנצן מער פון קיין זאַך ניט צו טראַכטן. אָט אַזוי וועל איך ליגן און זיך איינקוקן אין דעם מילד־בלויען הימל ביז כ׳וועל מיד ווערן, דערנאָך זיך איבער־קערן אויף דער רעכטער זייט און איינשלאָפן ביז מאָרגן פרי. און מאָרגן וועט מיך באַגעגענען אַ העלער, זוניקער טאָג, וועלכן כ׳וועל פאַרברייינגען אויפ׳ן פערד מיט׳ן אַלטן און זיינע זין, זיך יאָגנדיק איבער די ברייטע סטעפּעס.

ס׳האָבן זיך דערהערט טריט.

כ׳בין אינגאַנצן ווי פאַרקילט געוואָרן. מיין האַרץ האָט הילכיק געציילט די סעקונדן. כ׳האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זיך איינגעהערט.

די טריט זיינען צוגעקומען נעענטער. נאָך אַ פּאָר מינוטן און זיי זיינען שטיין געבליבן נעבן געצעלט.

כ׳האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען ביים אריינגאַנג אַ מענשלאכע פיגור.

„דער הונט האָט ניט פאַרגעסן... איז פאָרט געקומען!“ כ׳האָב זיך שנעל אויפגעזעצט.

— העי, מישקאַ, צו וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר שטייסטו דאָרטן? קום אריין!

די קאָשמאַ איבער׳ן אריינגאַנג האָט זיך לאַנגזאַם צונומען, און אַ פיגור איז ניט זיכער אריין אינווייניק.

איך בין איר אַנטקעגן געגאַנגען, געעפנט דאָס מויל עפּעס צו פרעגן, אָבער דאָ האָט די פיגור אויפגעהויבן דעם קאָפּ און כ׳האָב ביי דער לבנה־שיין דערזען, אַז ס׳איז אַ יונגע פרוי.

ווי אָפּגעהאַקטע זיינען מיינע געדאַנקען אַ פאַל געטאָן אַראָפּ איינער אויפ׳ן צווייטן. כ׳האָב ניט געוואוסט וואו כ׳בין אויף

דער וועלט. אין דער רעכטער זייט מח האָט זיך עפּעס געטומלט און שטומפּ ווי געטאָן. און פונ׳ם קנויל צוזאַמענגעדריקטע גע־דאַנקען האָט איינער בליציק ארויסגעשפּרונגען.

„דאָס האָט זי מישקאַ אהער געשיקט — — מעגלאָך דיך פירן צו איר איז ניט געווען באַקוועם — —“.

כ׳האָב זיך דערפילט מיט אַמאָל באַפרייט. כ׳האָב זיכערער אַ קוק געטאָן צו דער פרוי, ניט געקענט קלאָר באַמערקן איר פּנים, אָבער געפילט, אַז זי איז יונג און בין נענטער צוגעגאַנגען צו איר.

— אליין דעם וועג געטראָפן? — האָב איך זי געפרעגט אין אַ געמיש פון סאַרטיש, רוסיש און קירגיזיש.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַ שאָקל געטאָן מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ און זיך שטיל, גאָר שטיל צולאַכט.

אַ מאָדנע געלעכטער איז דאָס געווען. עפּעס ווי גאָר ניט קיין קלאַנגען, נאָר ווי קיילאַכדיקע שטיקלאַך צוזאַמענגעפּרעסטע לבנה־שיין זיינען קלינגענדיק פון אירע ליפּן געפאַלן. זי איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צו דער לבנה און איר פּנים איז געווען פאַרצויגן מיט שאָטנס. כ׳האָב בלויז געזען דעם שוואַרצן גלאַנץ פון אירע אויגן. ווען כ׳האָב איר האַנט אָנגענומען, האָב איך דערפילט, אַז זי איז ווייך און רונד און טויזנטער וואַרים־וויברירנדיקע שטראַלן האָבן גלייך דורכגעבראָכן זייער וועג פון איר האַנט און מיך איינגאַנצן ווי ארומגעכאַפּט. דאָס האַרץ איז פאַרגאַנגען אזוי זים און פיינלאַך, דער געהירן האָט זיך אָנגע־שטרענגט און גענומען אריינציען אין זיך קלאַנגען פון מיילן און מיילן ארום.

„היט זיך, דיינע אַ געדעכניש מיט גרויסע, ברוינע אויגן זאָל נאָך אַמאָל ניט ארומבלאָנדזשען ביינקנדיק איבער די סטע־פּעס“ — האָט ווער אין מיר אַ שפּאָטישן לאַך געטאָן, אָבער די שטימע איז זיך ווי צוגאַנגען אונטער׳ן ניט קלאָרן, געהיימען צויבער פון דער פרוי נעבן מיר.

כ׳האָב זי לייכט ארומגענומען און זי עטוואָס אויסגעדרייט

אנטקעגן דער לבנה. איר טיפּ איז געווען ניט קיין ריין־מאָנגאָ־לישער: דאָס פּנים מער לענגלאַך ווי ברייט, די באַקן־ביינער קוים באַמערקנדר, די נאָז ניט אינגאַנצן פלאַך. אויגן האָט זי געהאַט גרויסע, שוואַרצע, גרין־שטראַלנדיקע, אַ קליין מויל און ליפּלאַך פול מיט זאַפט און קיילאַכדיקייט. זי איז געווען עטוואָס נידעריקער פון מיטעלן וואוקס און אויסגעזען צו זיין פון אַ יאָר צוויי, דריי און צוואַנציק. פון איר האָט זיך געטראָגן אַן אָנגע־נעמער ריח פון רויזן־טראָפּנס, דורך וועלכע ס'האָט זיך אָפּט געפילט אַ לייכטער ריח פון קומים. אָהן צווייפל, זי איז געווען שיין.

— פאַרוואָס שווייגסטו? — האָב איך זי עטוואָס אַ צי געטאָן צו זיך.

זי האָט ניט געענטפערט, נייגעריק, מיט אַ געהיימניספולן, קינדעריש־פאַרוואונדערטן שמייכל מיר געקוקט גלייך אין פּנים אריין און באַלד האָבן ווידער פון אירע ליפּן גענומען פאַלן קיי־לאַכדיק־צוזאַמענגעפּרעסטע שטיקלאַך לבנה־שיין.

כ'האָב זי נענטער צוגעצויגן צו זיך:

— זאָג, האָסטו ניט מורא פאַר מיר?

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף ניין און אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ אויף מיין אַקסל.

כ'האָב געפילט ווי אַלעס אין מיר ציט זיך מיט פרייד און ווייַ צוזאַמען, ווי יעדער אבר גיסט זיך אָן מיט שטייפקייט און באַלד וועט זיך פון ברוסט אַרויסרייסן אַזאַ הילכיקער אויסגעשריי און אפשר גאָר אַ ווילדער ברומען, פון וועלכן די סטעפּ וועט אויפציטערן אויף מיילן אַרום.

כ'האָב זיך אָנגעבויגן, מיט איין האַנט זי אַ נעם געטאָן אונטער די קני, מיט דער צווייטער אונטער אירע אָרעמס, זי לייכט אַ הויב געטאָן פון'ם דיל און אַזוי שטייענדיק אין מיטן געצעלט איר גענומען דערציילן:

— דו הערסט?... אַצינד דאַרף איך האָבן אַ שוואַרצן, ווילדן פערד. איך וועל אַוועק מיט דיר ווייט אין סטעפּ אַריין — —

דאָרטן, נעבן אַ בארג, שטייט אַן איינזאַם, שטיינערדיק שטיבל, דער גאַנצער דאַך פון וועלכן איז באדעקט מיט אַ דורכזיכטיקער קאַשמאַ — — אינווייניק איז דער דיל אויסגעשפּרייט מיט די טייערסטע ווייכע קולימעס און די ווענט פאַרמאַלן מיט נאַקעטע פרויען און בייזע טיגערן — — דאָרטן גיסט זיך די ליידנשאַפט צוזאַמען מיט איר אויסגאַנג־חיה׳שאַפט, דאָרטן פאַראייניקן זיך גליק מיט וויי, ווילד־פרייד מיט שרעק — — אַהין וועל איך אוועק מיט דיר, און נאַקעטע, באַגאָסענע מיט לבנה־שיין, וועל איך דיך ליבן אזוי, ווי קיין איינציקער קירגיז אָדער אַן אַנדער שוואַרץ־יאָר האָט דיך נאָך קיינמאָל אין דיין לעבן נית־געליבט — ווילסטו עס ?... פאַרשטייסט, וואָס איך רייד ? ! ענטפער ! — כ׳האָב זיך צוגעבויגן צו איר און איר אין די אויגן ארייגגעקוקט.

זי האָט מיך, ווי ס׳ווייזט אויס, ניט אינגאַנצען פאַרשטאַנען. זי האָט אָבער געפילט דעם ריטם פון מיין בלוט, אָפּגעשפּיגלט אין אירע שוואַרצאַפּלס דאָס פינקלען פון מיין בליק, מיט דער צוזאַמענגעדריקטקייט פון אירע ליפּן געפילט די שטייפקייט פון מיינע, און אַ ציטער האָט זיך איבער אונזערעביידנס קערפּערס געגאָסן, פּונקט ווי מיר וואָלטן איין מענש געווען. — — —

זי האָט מיין פּנים געגלעט, און מיט אַ טיפער, ווי אָנגע־ווייטאָקטער צערטלאַכקייט, עטלאַכע מאָל איבערגע׳חזר׳ט :

— מיין ליבער !... מיין העלד !... מיין ווילדער !...

כ׳האָב זי צוגעטראָגן צום געלעגער, זיך אַוועקגעזעצט, זי אַוועקגעלייגט אויף מיינע קני און איר אַ קוש געטאָן אין האַלז.

זי האָט מיט איין ריר פון איר האַנט צונומען דאָס קאַפּטל, און אירע אַנטפּלעקטע ברוסטן האָבן מיט אַ הילכיקן אויסגעשריי זיך אַ ריס געגעבן אַנטקעגן דער לבנה. זיי זיינען געווען קליין און שטייף, און די וואַרצלען, אַפּנים צוגעפאַרבטע, האָבן אויס־געזען ווי צוויי קליינע וואונדן. זי האָט פאַרוואָרפן די הענט אַרום מיין האַלז, זיך אַ פלינקן הויב געטאָן און צוגעדריקט די ברוסטן צו מיין פּנים. זיי זיינען געווען קיל און ציטערנדיק, און האָבן, ווי מענשן־ליפּן, געקושט מיט זייערע שמעקנדיקע וואַרצלען.

רויטלאכבע נעבלען האָבן זיך פאַר די אויגן געטראָגן, שווערע האַמערן האָבן ערגעץ־וואו גאָר נאָענט הילכיג שטיינער געבערעקלט און טריאומפירנדיקע קלאַנגען האָבן זיך פון ברוסט געריסן. און צווישן איין קוש און דעם צווייטן האָב איך זי געפרעגט:

— וואו איז מיין פריינד מישקא?... דאָס האָט ער דיך צו מיר געשיקט?!

און זי האָט פאַרשטאַנען, אָפּגעריסן אירע ליפּן פון מיינע, און זוכנדיק די נויטיקע ווערטער, שנעל געזאָגט:

— ניין, מיין געליבטער... ניט דיין פריינד... דאָס האָט מיך מיין האַר, קירעי־כאַן, אהער געשיקט!...

מיין גאַנצער כח און אָנשטרענגונג זיינען מיט אַמאָל פאַר־שוואונדן. כ׳האָב זי אָפּגעלאָזט.

— וואָס?... האָט דיך דאָס קירעי־כאַן אהער געשיקט?

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ.

אין רעכטן זייט מח האָט גענומען שאַרף שטעכן. כ׳האָב זיך אָנגעשטרענגט דורכצוטראַכטן מיין לאַגע, באַשליסן וואָס צו טאָן. ס׳איז אָבער אונמעגלאַך געווען, פונקט ווי אַלע געדאַנקען־וועגן וואָלטן מיט איין מאָל אין מיין מאַרך אויסגעטריקנט.

און זי האָט דערפילט, וואָס אין מיר קומט פאָר. זי האָט מיט אַ באַזונדערן חוש, וועלכן בלויז פרויען באַזיצן, פאַרשטאַנען די אורזאכע פון מיין שרעק, און זיך טוליענדיק צו מיר, גענומען בעטן, כמעט וויינענדיק:

— מיין האַר, מיין געליבטער... שלאָג מיך בעסער, אָבער קוק ניט אזוי קאַלט, אזוי פרעמד... קירעי־כאַן, מיין מאַן, האָט מיך געשיקט אהער. כ׳בין אָבער גליקלאַך געווען, נאָך איידער כ׳בין די שוועל פון דיין געצעלט אריבערגעטראָטן... אַ גאַנצן פאַרנאַכט, ווען דו ביזט מיט קירעי׳ן פאַר זיין געצעלט געזעסן, האָב איך פון מיין קיביטקע דאָס אויג פון דיר ניט אראָפּגענומען, און געטרוימט, ווי גוט כ׳וואָלט דיך געליבט, ווען דו פאַרבלאָנדזשעסט צו מיר אין געצעלט... זאָל אַללאַ מיך מיט אַ דונער דערשלאָגן,

אויב כ'זאָג אַ ליגן!... ליב מיך, מיין שטאַרקער, מיין ווילדער! דערשטיק מיך, אָבער קער זיך ניט אָפּ פון מיר! — ———

ציטערנדיק האָט זי זיך ארום מיין קערפּער געפלאָכטן און דורך טרערן מיר אין די אויגן געקוקט.

און די קעלט, וואָס האָט מיך נאָר־וואָס ארומגעכאַפּט, האָט זיך גענומען צוגיין, איבער די מאַרך־וועגן האָבן גענומען שפּריצן געדאַנקען.

איינער האָט געזאָגט: „וואָס איז דער אונטערשייד, צי האָט זי מישקאַ געשיקט, צי קירעי־כאַן? זי ליבט דיך ניט ווייל מען האָט איר באַפוילן, נאָר ווייל זי וויל דיך אַליין".

אַ צווייטער האָט אונטערגעהאַלטן: „ס'איז אויך אָן צווייפל, אַז שיקנדיק דיר איינע פון זיינע ווייבער, האָט דער אַלטער ניט געהאַט אין זינען זיין געוויינלאַכן פּרייז פאַר דער ליבע — די קינדער. דו געפעלסט אים, און ער האָט איינפאַך דיך געוואָלט אַ געפעליקייט טאָן".

און ווי אָנשטויסנדיק זיך אָן גאַנג פון מיינע געדאַנקען, האָט זי זיך אַלץ שטייפער צו מיר געדריקט און מיט אַ שטראָם פאַרשטענדלאַכע און אומפאַרטענדלאַכע ווערטער מיך אַלץ גע־וואָלט איבערצייגן, אַז זי ליבט מיך, אַז זי אַליין גיט זיך מיר איבער, זי אַליין, מיט איר אייגענעם ווילן.

— ליבער מיינער!... מיין העלד!...

און גלייך ווי זי האָט דערפילט, אַז מיינע אָרעמס ווערן שטייפער ארום איר קערפּער, אַז פייערלאַך נעמען ווידער פינקלען אין מיינע אויגן, איז זי אַ גליקלאַכע, אַ טריאומפירנדיקע צוגע־פאַלן צו מיינע ליפּן, און מיר האָט זיך ווידער געוואָלט איר דער־ציילן וועגן שוואַרצן, ווילדן פערד, וועגן וואַנזיניקן גאַלאָפּ איבער דער שטילער ווייס־בלאָער סטעפּ מיט איר אויפ'ן זאָטל אין ווילדער יאָגעניש צום שטיבל מיט'ן דורכזיכטיקן דאַך.

— ווי אַזוי הייסטו?

— ניזשמע, מיין געליבטער!

— ניזשמע! — האָב איך איבערגע'חזר'ט — ווי שיין דו

ביזט, ניזשמע, און ווי וואונדערלאך דיין נאָמען איז! ניזשמע, ניזשמע!...

און פּלוצלונג האָב איך אין שיין פון דער לבנה באמערקט די שאַרפע, שיין־געבויגענע ליניען פון אירע פיס, לייכט פאַרדעקטע מיט א דורכזיכטיקן שלייער.

עפּעס האָט א קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ, דאָס האַרץ האָט א הילכיקן געשריי געטאָן און זיך גענומען קייקלען באַרג אַראָפּ. כ'האָב זי א הויב געטאָן און צוגעדריקט צו זיך:

— ניזשמע, מיין טייערע!... מיין שענסטע!...

— מיין האר!... מיין געליבטער!... — האָט זי קרעכצנדיק געענטפערט, א געהאָרכזאַמע צו יעדן וואונש פון מיין ווילן.

און ווייט ערגעץ־וואו אין א ווינקל פון מיין מח, אָדער, אפשר, גאָר דאָ, אין א ווינקל פונ'ם טונקעלן געצעלט, האָט ווער טרויעריק־שפּאָטיש גע'חזר'ט:

— עך, קירעי־כאַן, קירעי־כאַן... דו ביזט אַן אַלטער הונט... אַן אַלטער הונט און א קלוגער... שטייסט איבער אונזער לעבן, און אזוי אָדער אַנדערש קריגסטו זיך דיינס... עך, קירעי־כאַן, קירעי־כאַן!...

דער אַלטער סאַלים

דער אַלטער סאַלים האָט זיך היינט געטראָפן אין „טשאַי־כאַנע" (אַ טיי־הויז) מיט אבדול'ן, זיינעם אַ יוגנט פריינד, און זיי האָבן זיך פאַרשמועסט ביי אַ טאַסע טיי.

מען האָט גערעדט פון די לאַנג־פאַרשוואונדענע, מיט גאָלד־געוועבטע, יונגע יאָרן, ווען יעדער פרימאָרגן איז אַ יום־טוב געווען און יעדע נאַכט האָט פאַר זיי נייע לעבנס־סודות אַנטפּלעקט. ביידע זיינען זיי אַמאָל צוויי שיינע, שטאַרקע יונגען געווען און האָבן גאָר ניט געצווייפלט, אַז מיט דער הילף פון דעם אַלמעכטיקן אַללאַה און זיין נביא מאַהאַמעד, און מיט דער קראַפט פון זייער ווילן, וועלן זיי זיכער זייערע לעבנס אוועקשטעלן פונקט אַזוי פעסט און רואיק ווי צענדליקע אַנדערע „רעכט־גלויביקע" מאַהאַמעדאַנער אַרום זיי. און געוואָלט האָט יעדער פון זיי שוין גאָר־ניט אַזוי פיל: בלויז אַ גרויסע קלייט פון זיידנס אין מאַרק און וואָס מער שיינע ווייבער אין דער היים.

עס האָט זיך אָבער, ווי אַם מערסטן, אויסגעלאָזט ווייט ניט ווי זיי האָבן געוואָלט. דער אַלמעכטיקער אַללאַה האָט זייערע בקשות ניט דערהערט און מאַהאַמעד, דער גרעסטער פון די נביאים, האָט אָן זיי ווי איינגאַנצן פאַרגעסן. און ביידע האָבן זיי זייער גאַנצן לעבן זיך אָפּגעמוטשעט, אַרבעטנדיק ביי פרעמדע.

און ווען זיי טרעפן זיך אַמאָל אין „טשאַי־כאַנע" און צו־ריידן זיך וועגן די אַמאָליקע, גאָלדענע יאָרן, שיינען זייערע, שוין האַלב־אויסגעלאָשענע, אויגען אויף, די קנייטשן ווערן פאַר־

שוואונדן פון זייערע פנימע'ר און די ריין געגאָלטע קעפּ, אונטער די לייכטע יאַרמולקעס, באַדעקן זיך מיט שווייס און נעמען גלאַנצן.

— געדיינקסטו, אבדול, ווי איך האָב אין די יום־טוב־שפּילן נאָכ'ן הייליקן „ראמאזאן" (א יום־טוב), זיך שלאַנגדיק מיט'ן באַוואוסטן שלעגער שוגאנען, אים אַזוי צו דער ערד צוגעדריקט, אַז ער האָט זיך דערנאָך ניט געקאָנט אויפהויבן ? !

— זיכער, סאַלים... ווי קאָן איך עס פאַרגעסן ? איך האָב דאָך אויך דאַן מיין געגנער אַ פוס צובראָכן.

— געדיינקסטו, זעילען, אונזער שכנ'ס טאָכטער ? אַך, ווי שיין זי איז געווען ! מיין האַרץ פאַרגייט מיר נאָך אַצינד, ווען איך דערמאָן זיך אָן איר... איך האָב אימער געמיינט, זי וועט נאָך ווען ס'איז מיינע אַ ווייב זיין...

— יאָ... — שאָקלט אבדול טרויריג מיט'ן קאָפּ. — איך האָב אויך וועגן דעם געטרוימט... איר פאָטער האָט שפּעטער פאַר איר 800 קערבלאַך „קאַלים" (נדן) געקראָגן. אַ רייכער סוחר פון טאַשקענט האָט זי געקויפט.

ביידע גיבן אַ טיפן זיפץ, פאַרטראַכטן זיך, און אויפ'ן קליינעם טישל פאַר זיי שטייען זייערע טאַסעס, שוין קאַלט־געוואָרע, טיי און אין אַ טעלערל דערביי ליגן בלייך־געלע ראָזשינ־קעס און ווייסע קראָכמאַל צוקערקעס. — — —

דער זייגער האָט שוין געדאַרפט זיין אַרום אַכט, ווען סאַלים איז צו זיך געקומען און זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז ס'איז שוין שפּעט. ער האָט זיך האַסטיק אַ הויב געגעבן פונ'ם קולימל, אויף וועלכן ער איז, מיט די פיס אונטער זיך, געזעסן, פאַרגעסן דערביי די ליולקע אויפ'ן דיל און שנעל זיך געזעגנענדיק מיט אבדול'ן, איז ער אַרויס פון „טשאַי־כאַנע".

אין גאַס איז שוין געווען גוט פינסטער. דער הימל, אַ פאַר־צוויגענער מיט טונקעלע, כמעט שוואַרצע וואָלקנס, האָט אויס־געזען ווי אַ פריש־צואַקערט פעלד. פון צפון האָט זיך געריסן

אַ קאַלטער ווינט, און די האַלב נאַקעטע בוימער האָבן קרעכצנדיק באַדויערט די גאַס.

סאַלים איז שנעל געגאַנגען איבער די שמאָלע געסלאַך, זיך געהילט אין זיינע צוויי אַלטע, היבש אויסגעריבענע כאַלאַטן, און געוואָלט טרעפן, צי ווארט נאָך אויף אים דאַגער־בעי, דער בעל־הבית זיינער, ווייל אויב ניט, אויב ער האָט שוין פאַרמאַכט די קלייט און איז אַהיים געפאָרן, וועט אים שוין היינט אויסקומען צו קלעטערן אויפ׳ן בוידעם שלאָפן.

און ביים געדאַנק וועגן פינסטערן, שטויביקן בוידעם מיט די אָנגעוואָרפענע קעסטלאַך און שטויביקע זעק פון באָקסערן, ראָזשינקעס און טייטלען, ווערט אים נאָך קעלטער און זיינע אַלטע פיס נעמען נאָך האַסטיקער שפּאַנען. פאַר׳ן מאַרק, וואו די קלייט געפינט זיך, לויפט ער שוין כמעט, אָבער נאָך פון גאַנץ ווייט באַמערקט ער, אַז אין קלייט איז פינסטער. דאָך שטעלט ער ניט אָפּ זיין לויף ביז ער קומט ניט צו הארט צו דער פאַרשלאָסענער קלייט.

אַ פּאָר מינוטן שטייט ער, באַטראַכטנדיק דעם גרויסן שלאָס, וועלכער האָט אויף דער, מיט אייזן באַקלאַפּטער, טיר געהאַנגען, דערנאָך אים מעכאַניש אַ צי געטאָן, און מיט אַמאָל, זיך אויס־דרייענדיק אין דער ריכטונג וואוהין דער בעל־הבית איז אַוועק־געפאָרן, האָט סאַלים גענומען שיטן מיט קללות.

— האַ, דו שמוציקע באַשעפעניש!... דו חזיר, וועלכער האָט ניט די ווערט צו טראָגן דעם נאָבעלן נאָמען פון אַ רעכט־גלויביקן! דו אומריינער הונט, וועלכן אַללאַה וועט אויף יענער וועלט גלייך אין גיהינום אריין פאַרטרייבן און אנשטאָט פערציק שיינע ווייבער אים געבן פערציג גע׳פּגר׳טע שקאָפּעס! דו „ישאַק״! (אייזל). האָסט ניט געקאָנט צוּוואַרטן אַ ביסל אויפ׳ן אַלטן סאַלים, וועלכער אַרבעט און שלאָפט ביי דיר אין קלייט שוין אַזוי פיל יאָרן? דו ווערמדיקער, גראָבער זאַק מיט פוילע באָקסערן! דיין הארץ זאָל זיך דיר אָפּרייסן היינט ביינאַכט, פּונקט ווען דו וועסט דיין דריטע יונגע ווייב אַרומנעמען און זי

צודריקן צו זיך! א ראָד פון דיין וואָגן זאָל אראָפּשפּרינגען און זאָלסט אריינפאַלן אין טיפסטן „ארעק” (טייכל) און זיך דעם האַלז דערביי צוברעכן! א יעוונוך זאָלסטו ווערן און דיינע ווייבער זאָל נעמען עקלען פון דיין באַרירונג! אויפ'ן שטויביקן בוידעם וועל איך זיך א גאַנצע נאַכט מוזן וואַלגערן... הא, אַללאַה און דער הייליקסטער פון די נביאים מאַהאָמעד וועלן זיך אָננעמען פאַר'ן אָרימען אַלטן סאַלים'ן און אָנשיקן אויף דיר די שוואַרצע קרענק!...

ווער ווייסט, ווי לאַנג סאַלים וואָלט נאָך געשטאַנען און גע־שאָלטן, ווען ניט זיינע צוויי אַלטע, אויסגעריבענע כאַלאַטן, וועלכע האָבן מיט דער גלייכגילטיקייט פון אַלטע זאַכן דורכגעלאָזט דורך זיך דעם קאַלטן צפון־ווינט. דער אַלטער האָט פעסטער זיין גאַרטל פאַרצויגן און מיט כעס זיך געלאָזט אַוועקגיין, טראַכטנדיק וועגן א פלאַץ וואו מען זאָל קאָנען איבערנעכטיקן.

גיך איז ער אָבער צוריקגעקומען, ווידער א צי געגעבן דעם שלאָס, זיך דערמאָנט אָן זיין ווייכן בעטל, וואָס שטייט אָט דאָ פון דער צווייטער זייט וואַנט, נאָך אַמאָל גענומען שעלטן דעם בעל־הבית, און אַזוי שעלטנדיק, איז ער אַרומגעגאַנגען דאָס היל־צערנע הייזל פון דער צווייטער זייט, אָנגעטאַפּט און געעפנט אין דער פינסטער א קליין טירל און פאַרזיכטיק גענומען קריכן איבער די סקריפּענדיקע טרעפּ אויפ'ן בוידעם.

צוויי טרעפּלאַך זיינען געווען אויסגעבראָכן, און סאַלים האָט זיך ביידע מאָל שיער ניט אַראָפּגעקייקלט. זיין כעס האָט זיך נאָך מער צוברענט. אַצינד האָט ער שוין געשאָלטן ניט נאָר דעם בעל־הבית, נאָר אויך זיך אַליין פאַרוואָס ער האָט זיך פאַר־רעדט אין „טשאַי־כאַנע” און אַבדולאַ'ן, פאַרוואָס יענער האָט אים פאַרהאַלטן.

ענדלאַך איז ער אַרויף אויפ'ן בוידעם, אָפּגעזוכט אין א ווינקל א קופּע אַלטע זעק, באַדעקטע מיט אַזא דיקן שיכט שטויב, אַז ס'איז אים אין דער פינסטער לייכט געווען אָנצוטאַפּן. ער

האָט אָפּגעוואָרפן אַן אַ זייט די אויבערשטע עטלאַכע זעקלאַך און פון די איבעריקע זיך גענומען מאַכן אַ געלעגער.

די הייזקע איז געווען זייער אַן אַלטע, דער דאַך אַ צולעכערטער, און ווען דער ווינט פלעגט אַ שטאַרקערן בלאָז טאָן, האָט זיך די גאַנצע געביידע געשאָקלט און די קעלט האָט זיך געריסן פון אַלע זייטן.

די נאָענטסטע גאָר גרויסע לעכער און שפּאַרעס האָט דער אַלטער מיט זעק פאַרשטאָפּט, מיט פעסלאַך און קעסטלאַך פאַרשטעלט און נאָך אַמאָל ווינטשנדיק דעם בעל־הבית דעם טויט דאָרטן, נעבן זיין יונגער דריטער ווייב, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט, אַרויפגעשלעפּט אויף זיך וואָס מער זעק און זיך איינגענורעט.

צוערשט האָבן די זעק זייער ווייניק געוואַרימט זיין אַלטן קערפּער. דער ווינט האָט געפּייפט אין די שפּאַרעס, געריסן די שינדלען און, הילכיק קלאַפּנדיק, פּונקט ווי ער וואָלט הילצערנע שיך געטראָגן, געלאָפן איבער'ן דאַך.

סאַלים האָט מיט ביטערקייט געטראַכט וועגן זיין גאַנצן שווערן לעבן, אַז ער, אַ מאַן פון אַריבער זעכציק יאָר, מוז פאַר כמעט אומזיסט דינען ביי דעם רייכן, נישטיקן ראָזשינקעס־הענדלער און שלאָפן היינט אויף'ן בוידעם איינגעדעקט מיט שטויביקע זעק. שפּעטער, ווען ער האָט זיך אַ ביסל דערוואַרימט, האָבן זיך אויך זיינע געדאַנקען געביטן און זייער גאַנג איז געוואָרן עטוואָס היימלאַכער, פריילאַכער.

ער האָט מיט שאַרפער נייגעריקייט גענומען טראַכטן וועגן בעל־הבית נייע ווייבל, אין וועלכער ער איז מיט זיין איינזאַם, אַריבער זעכציק יעריקן, האַרץ געווען פאַרליבט. ער האָט זיך דערמאָנט אַן איר אַנטבלויזטער האַנט, וועלכע ער האָט אייערנעכטן צופעליק געזען, זיך פאַרגעשטעלט די בעל־הבית'טע אינגאַנצן נאַקעט, מעשה מבין באַטאַפּט אירע פיס, זייטן, פלייצעס, שטייפע ברוסטן, קיין איין אבר ניט דורכגעלאָזן און געקומען צום שלום, אַז איהר פאַטער האָט זיך אָפּגענאַרט: זי איז פיל מער ווערט

ווי די 600 קערבלאַך, וועלכע דער בעל־הבית האָט פאַר איר באַצאָלט.

זיין פנים האָט זיך געגומען רויטלען. די אויגן האָבן אויפ־געשיינט און ער האָט אַלע מאָל געמוזט נעצן די טריקנדיקע צונג און ליפּן.

און אים שטעלט זיך פאַר אַזאַ בילד:

אָט זיצט זיין בעל־הבית מיט'ן פאָטער פון דער ניי־גע־קויפטער ווייב און דינגען זיך וועגן „קאַלים" (נדן). ער, סאַלים, זיצט אַ רואיקער ביי דער זייט, רויכערט זיין ליולקע און הערט זיך צו. ענדלאַך האָבן זיי זיך שוין אויסגעגלייכט אויף 600 קערבלאַך. דער בעל־הבית לאַכט צופרידן, כאַפּט זיך צום בייטל, וויל באַצאָלן, אָבער דאָ נעמט ער, סאַלים, אַרויס די ליולקע פון'ם מויל און זאָגט רואיק: — „600 קערבלאַך איז ווייניק פאַר אַזאַ טייער מיידל, איך גיב 700". דער מיידל'ס פאָטער דערפרייט זיך, דער בעל־הבית ווערט ערשטוינט און ער, סאַלים, רויכערט זיך שוין ווידער רואיק זיין ליולקע. דער בעל־הבית ווערט בייז און גיט מיט 50 קערבלאַך מער. ער שמייכלט און גיט 800. דער בעל־הבית שפּרינגט דאַן אויף אַ ווילדער און גיט נאָך 100 קערבלאַך. ער צולאַכט זיך און ענטפערט מיט 200. דער בעל־הבית זעט שוין, אַז ער האָט דאָס מיידל פאַרשפּילט און באַגרייפט ערשט אַצינד, וואָס פאַר אַן אויסערגעוויינלאַכע פּערזאָן ער האָט אַזאַ לאַנגע צייט ביי זיך אין קלייט פאַר אַן איינפאַכן דינער געהאַלטן. ער גייט אוועק אַ בלייכער, אַ דערשלאָגענער... אָט באַצאָלט ער, סאַלים, דאָס געלט. דער פאָטער פירט אַריין דאָס מיידל צו אים אין צימער און גייט באַלד אַרויס. ער נעמט זי פאַר'ן האַנט, ציט זי צו זיך, נעמט זי אַרום, האַלזט זי, קושט זי, לערנט זי ווי אַזוי צו ליבן און — — —

סאַלים'ן ווערט הייס. דאָס האַרץ נעמט האַסטיק קלאַפּן און אַ לייכטער ציטער וויברירט אין זיין יעדן אבר באַזונדער.

עס ווילט זיך אים ניט איבעררייסן דאָס צויבערנדיקע בילד,

ער ווערט אָבער שטאַרק מיד און מוז זיך אָפּרוען אַ ווײַלע. ער שליסט צו די אויגן און פּרוווט זיך באַרואיקן.

אַמאָל, מיט דרײַסיק יאָר צוריק, האָט סאַלים אויך געהאַט אַן אייגן ווײַב. זײַן זכרון איז אָבער פון דאַן אָן זייער שוואַך געוואָרן: ער געדענקט ניט איר פּנים, ניט איר קערפּער און האָט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן גליק, וואָס איר ליבע האָט אים פאַרשאַפט. ער געדענקט בלויז, אַז געקויפט האָט ער זי פאַר 250 קערבלאַך, אַז דאָס געלט האָט ער זייער לאַנג געקליבן און געווען איז זי ניט קיין יונגע און ניט קיין שיינע.

— זעכציק יאָר ווי אַ הונט אָפּגעלעבט, — טראַכט סאַלים.— איין ווײַב בלויז געהאַט, איז זי אויך גיך געשטאָרבן... און ער, דער בעל־הבית זײַנער, איז ערשט צוויי און פערציק יאָר אַלט און האָט זיך שוין די דריטע ווײַב געקויפט און ווען אים פאַר־גלוסט זיך, פאָרט ער מאָרגן קיין חיווא און קויפט זיך נאָך איינע... ווער קאָן אים פאַרווערן?

סאַלים גיט אַ טיפן זיפץ, אָבער ער דערענדיקט אים ניט. ער דערמאָנט זיך אָן דער דרשה, וועלכע ער האָט דאָ ניט לאַנג צוריק געהערט אין „מעטשעט” (מאַכמעדאַנישע שול) פון זייער נייעם „מאָללאַ” (גייסטלאַכער). אים ווערט ווידער וואַרים אויפ'ן האַרצן און די אויגן בליצן אויף מיט גלויבן און ערוואַרטונג.

„אמת, זײַן לעבן איז דאָ, אויף דער וועלט, אַריבער אַן אָרימער, אַ פינסטערער... איין ווײַב פאַרמאָגט, אי דאָס אויך אויף אַ קורצער צײַט, און זייער ווייניק געהאַט אויך אַנדערע פאַרגעניגנס... דערפאַר אָבער דאָרטן, אין גן־עדן, זײַנען ניט פאַראַן אַזעלכע זאַכן ווי אָרים און רײַך, ווי בעל־הבית און דינער— אַלע זײַנען דאָרטן גלײַך און יעדער אמת־גלויביקער קריגט זיך זײַן גלײַכן חלק ווײַבער און פאַרגעניגן... אַלע זײַנען דאָרטן גלײַך! ער, דער אָרימער סאַלים, וועט קריגן פיר, פּונקט אַזעלכע שיינע, געזעצלאַכע ווײַבער ווי דאַגער־בעי, דער בעל־הבית זײַנער, און פערציק „גוריעס” (יונגע שיינע מיידלאַך) פּונקט ווי יעדער

איינער... אזוי האָט דער מאַללאַ צוגעזאָגט און ער ווייסט וואָס ער רעדט"...

ביי סאַלים'ען נעמט זיך דרייען דער קאָפּ און דאָס האַרץ שפּרינגט ממש אַרויס פון אויפרעגונג און פרייד. און דעם מאַללאַ'ס ווערטער פון דער דרשה קלינגען ווי זיסע מוזיק אין זיינע אויערן:

— ניטאָ קיין גאָט אַ חוץ גאָט און מאַהאָמעד איז זיין נביא! איסלאַם איז די ריינסטע רעליגיע, און איר איז ניט פאַראַן קיין שקר. גאָט האָט פאַר זיינע גלויביקע פאַרפאַרטיקט אין גן־עדן צוויי גערטנער און אין יעדן פון זיי געפינט זיך אַ קוואַל פון לעבעדיקע וואַסער. דאָרטן וואַקסן פירות, וועלכע קיין מענטש האָט קיינמאָל אויף דער ערד ניט געגעסן, און יונגע, צאַרטע מיידלאַך, מיט אויגן ווי שוואַרצע קאַרשן, וועלן דאָרטן זיין, מיידלאַך, צו וועלכע עס האָט זיך נאָך ניט צוגערירט ניט קיין מענטש און ניט קיין מלאך. בייטאָג און ביינאַכט וועלן זיי זיין מיט די איינוואוינער פונ'ם גן־עדן, אימער פאַרטיקע זיי פאַרגעניגן צו פאַרשאַפן. פיר ווייבער וועט יעדער רעכט־גלויביקער האָבן און נאָך פערציק „גוריעס", און די פירות פון די גן־עדן בוימער. —

סאַלים קאָן שוין מער ניט טראַכטן, ער זעצט זיך האַסטיק אויף און זיינע ציטערנדיקע ליפּן שעפּטשען: 44... 44... פיר ווייבער און פערציק „גוריעס". — — —

אַ שווייס שלאָגט דורך זיין גאַנצן קערפּער. עס ווערט אים קאַלט. ער לייגט זיך צוריק, דעקט זיך איין און פרואווט געלאַסן, צוזאַמענדריקנדיק די קלאַפּנדיקע ציינער, זיך איינצוטראַכטן, ווי אַזוי וועט ער, סאַלים, האַנדלען אויף יענער וועלט, ווען מען וועט אים פרעגן, וואָס פאַר אַ ווייבער און וואָס פאַר אַ„גוריעס" ער פאַרלאַנגט.

ערשטנס, וועט ער זיי דאָרטן זאָגן, אַז די פיר ווייבער מוזן אַלע זיין ווייסע, פעטע, פונקט אַזעלכע ווי דעם שיך־קרעמער אַבאַ־נאַסאַר'ס ווייב איז. דעם זעלבן אַבאַ־נאַסאַר'ס, וועלכער האַלט זיין קלייט איבער'ן וועג... ער וועט זיי דאָרטן גלייך זאָגן: איך וויל פיר ווייבער פונקט ווי אַבאַ־נאַסאַר'ס... זיי וועלן שוין

ווים. ס'איז קיין צווייפל, אַז זיידענע כאַלאַטן גיט מען דאָרטן וויפיל נאָר מען וויל, און ער וועט אימער טראָגן ניט ווייניקער ווי פיר כאַלאַטן איינעם אויפ'ן צווייטן, און אין אַ יום־טוב, זעקס. און אַלע פון פאַרשיידענע פאַרבן. קיין גאָלד־געשטריקטע יאַר־מולקעס פעלן, מן הסתם, דאָרטן אויך ניט אויס. און וועגן די פערציק „גוריעס" וועט ער אַזוי טאָן:

מעגלאַך, אַז אין גן־עדן געפינען זיך די פרויען צעטיילט אין פאַרשיידענע אָפּטיילונגען. נו, פונקט, ווי צום ביישפיל, ראָזשינ־קעס ביי זיין בעל־הבית אין קלייט. אָט אין דעם ווינקל שטייען די זעק מיט קליינע גרינע ראָזשינקעס, דאָ קליינע געלע, דאָ די ברוינע און דאָטרן די שוואַרצע... און פונקט ווי ווען אַ קונה קומט אריין און הייסט זיך געבן פון יעדן מין וויפיל ער וויל — אַזוי וועט ער אויך דאָרטן טאָן. ער וועט זיי אַזוי זאָגן:

איך, סאַלים, בין מיין גאַנצן לעבן געווען אַ געטרייער שקלאַף צו אַללאַה און צו דעם גרעסטן און הייליקסטן פון אַלע נביאים — מאַהאָמעד. איך האָב מיין גאַנצן לעבן שווער געאַרבעט, ניט געוואוסט פון קיין פאַרגעניגן און בלויז איין מיאוס'ע, ווייט ניט קיין יונגע, ווייב געהאַט אויף אַ קורצער צייט. און דערפאַר וויל איך אַצינד, אַז מיינע פיר ווייבער זאָלן זיין פונקט אַזוי פעט און ווייס ווי אַבאַ־נאַסאַר'ס ווייב און די פערציק „גוריעס" זאָלן זיין: פיר רויטע, מיט פלאַמענדיקע האָר און לייבער ווי די ווייסע וואַסער־ליליעס; פיר בלאָנדע, מיט גאָלדענע צעפּ און בלויע אויגן, ווי ביי די ווייבער פון די רוסישע אָפיצערן, וואָס קומען אריין אָפט צו אונז אין קלייט; פיר זאָלן זיין אמת'ע ברונעטקעס מיט אויגן און האָר, וואָס זאָלן ברענען מיט שוואַרצקייט. זייערע אַ קוש זאָל קאָנען אַ טויטן לעבעדיק מאַכן און ביי אַ לעבדיקן אָפּשטעלן דאָס האַרץ; פיר מוזן זיין שאַטענקעס, מיט ברוינע האָר און גרויסע אויגן, די פאַרב פון שאָקאָלאַד. זייערע לייבער זיינען געוויינלאַך ווי מיט טונקעלן גאָלד באַגאָסן און זייער הויט איז ווייך ווי דער בעסטער סאַמעט; פיר טענצערינס וויל ער — צאַרטע און בויגיקע ווי שלענג; פיר האַרפע־שפּילערינס; און

ווייל ער האָט שוין יאָ אַ מעגלאַכקייט, וועט ער אויך בעטן פיר שוואַרצע פּרויען, מיט ברוין־שוואַרצע לייבער און גראָבע ליפּן... ער האָט איין מאָל, מיט יאָרן צוריק, אין טאַשקענט אין אַ צירק, צוויי פון זיי געזען און זיי האָבן אויף אַ היבשער צייט אָנגעפילט זיינע נעכט מיט אויסטערלישע, אויפרעגנדיקע בילדער. ער וואָלט אויך געוואָלט האָבן פיר כינעזישע פּרויען: מען זאָגט, זיי פאַר־מאָגן אויסערגעוויינלאַכע פייאיקייטן צו ליבן און ווייסן אַלטע, געהיימע וועגן צו דעם. עס וואָלט אויך ניט געשאַדט צו בעטן אַ פּאָר יאַפּאַנעזערקעס, אָבער איין זאַך, די ווייכטיקסטע, זאָל ער ניט פאַרגעסן: אַלע, אַלע זיינע ווייבער מוזן האָבן הויכע ברוסטן און ווייכע, קיילאַכדיקע גלידער... קיין דאַרע אָדער פלאַכברוסטיקע וועט ער פאַר קיין זאַך אין דער וועלט ניט נעמען... פאַר קיין זאַך ניט! זיי זאָל מען האַלטן פאַר אַזעלכע ווי זיין בעל־הבית. —

סאַלים וויל איבעררעכענען וויפיל פּרויען ער האָט שוין פאַר זיך אויסגעקליבן, ער פאַרלירט אָבער יעדעס מאָל דעם חשבון. זיין אַלט הארץ יאָגט זיך אין אַ ווילדן גאַלאָפּ, דאָס פּנים ברענט, דער גאַנצער קערפּער איז אָנגעשטריינגט ווי אַ סטרונע צום פּלאַצן. — — —

ניין, ניין, קיין דאַרע און פלאַכברוסטיקע וועט ער אין קיין פאַל ניט נעמען. ער צושמייכלט זיך פּלוצלונג: עס קומט אים אַ געדאַנק, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען ער זאָל קאָנען ביים בעל־הבית דאָס דריטע, יונגע ווייבל אוועקנעמען. איר אַנטפּלעקטע האַנט, וועלכע ער האָט דאָ ניט לאַנג צוריק געזען, איז אַזוי ווייך און קיילעכדיק געווען און איר לייב מוז זיין אויסערגעוויינלאַך שטייף און פריש. — — —

דער אַלטער סאַלים צודעקט זיך ברייט, צוואַווארפט זיך ווי אין אַ פיבער, זיין פּנים ציטערט קאָנוואולסיוו און די הענט ציען זיך צו וועמען אין דער פינסטערניש.

ער באַהערשט זיך אַ ביסל, רעכנט נאָך אמאָל איבער די צאָל ווייבער, פאַרפּלאָנטערט זיך ווידער, אָבער איז זיכער, אַז קיין

פּערציק איז נאָך ניטאָ און ער האָט מורא אָפּגענאַרט צו ווערן. ער רעכנט ווייטער:

פיר רויטע, פיר ברונעטינס, פיר בלאָנדע, פיר שאַטענקעס, פיר טענצערינס, פיר שווארצע מיט גראָבע ליפּן, פיר האַרפּע־שפּילערינס, פיר כינעזערינס... אין זייערע שווארצע, שמאָלע אויגן און קליינע געל־הויטיקע קערפּערס איז פאַראַן עפּעס שאַרפער, וואַנזיניגעס. — ווען די יאַפּאַנעזערינס וועט ער נאָך איבער־טראַכטן: זיי זיינען דאָך אייגנטלאַך די זעלבע כינעזערינס. — און נאָך פיר וועלן מוזן זיין — וועלן מוזן זיין. — — —

דער קאַלטער ווינט רייסט זיך דורך די לעכער און שפּאַלטן פונם דאַך, קלאַפּט און ברעכט די שינדלען. דער אַלטער סאַלים הערט אים און פילט אים שוין אָבער מער ניט: ער זיצט אויף זיידענע און סאַמעטענע טעפּיכן, אין מויל פינקלט אַ געשניצטע פּיפּקע, אינגאַנצן מיט פּערלמוטער און העלפאַנטביין באַזעצט. פיר האַרפּע־שפּילערינס זיצן ביי די זייטן און שפּילן, פיר שלאַנקע טענצערינס דרייען זיך פאַר אים און אויף זייערע נאַקעטע קער־פּערס פינקלען בלויז גאָלדענע רינגען, מיט פילפאַרביקע טייערע שטיינער איינגעפאַסט. זיי טאַנצן דעם „בויך־טאַנץ" און ער קאָן זיך זאַט ניט אָנקוקן אויף די וואַנזיניג־ליידנשאַפטלאַכע באַוועגונג פון זייערע שלאַנגישע קערפּערס. — — —

איינג ארום אים זיצן זיינע פיר ווייבער, פונקט אזעלכע ווייסע און פעטע ווי ביי דעם שיך־קרעמער אבאַ־נאַסאַר'ן... זיי טוליען זיך צו אים, גלעטן זיין לייב און קוקן אים געהאָרכזאַם און ליבלאַך אין די אויגן אריין. און פון אויבן פאַלן אויף אים ווייסע, געלע און שווארצע פרויען קערפּערס, גאָלדענע, שווארצע, רויטע און ברוינע האָר באַהעפטן זיך, מישן זיך אויס, באַוועגן זיך ווי כוואַליעס אויפ'ן ים. אויגן ברוינע, שווארצע און בלויע פינקלען בעטנד און אויפרעגנד און צענדליקע ליפּן, בלוטיק רויטע, מיט איין באַגער באַלויכטענע, ציען זיך פון אַלע זייטן צו אים, צו זיינע ליפּן — און אַלע ווילן איינס: פון אים, דעם שענסטן און שטאַרקסטן סאַלים'ען געליבט און געלאַסטשעט צו ווערן. — —

סאַלים פּילט זיך מעכטיק ווי אַ גאָט. אַ העליש פייער ברענט אין אים און שטראָמט דורך אַלע זיינע גלידער. ער שטרעקט אויס זיינע שטאַרקע, לאַנגע אַרימס, נעמט מיט איין מאָל אַרום אַלע, אַלע פּרויען, ציט זיי צו זיך, דריקט זיי צו זיין ברוסט און קושט זיי — — — קושט זיי. — — — —

דער גאָט פון אָפּיום

(פון א טאָג־בוך)

שוין דריי מעת־לעת אַז כ׳האָב ניט געראויכערט... דריי טעג און דריי נעכט... און, אפשר, זיינען שוין גאָר דריי יאָר אָדער דריי צענדליקע יאָרן פאַריבער, זינט כ׳האָב דאָס לעצטע מאָל אויסגעליידיקט מיין שניי־ווייס, פאַרצעלייען אָפּיום־שיסעלע און עס שוין מער ניט אָנגעפילט.

איזמאאיל־סעפי — דער קליינער, דארער פערסיאַנער, וועל־כער פלעגט מיר רעגלמעסיק, אַלע מאָנאַט, שטענדיק אין דעמ־זעלבן טאָג, ברענגען דאָס קליינע פעקעלע אָפּיום, — איז מיט אַמאָל פאַרשוואונדן און פאַר מיר האָבן זיך געעפנט די טויערן פונ׳ם גיהנום...

וואוהין איז ער אַהינגעקומען, דער רואיקער, שטענדיק שווייגנ־דיקער איזמאאיל־סעפי? אפשר האָט מען אים געכאַפּט מיט זיין סחורה ביים גרעניץ און פאַרשפּאַרט אין געפענגניש? ווי לעבט ער עס אַליין אָן אָפּיום? זיינע טעג און נעכט מוזן זיין פּונקט אַזוי שרעקלאך ווי מיינע... וואָלט איך אָפּגעגעבן די רעשט פון מיינע יאָרן פאַר א פעקל אָפּיום? יאָ... זיכער. אָבער עס וואָלט געמוזט זיין זייער א גרויס; איך זאָל קענען רויכערן, רויכערן אַזוי לאַנג ביז כ׳וועל זיך אַליין אין א געדיכטן, שוואַרץ־זיידענעם וואָלקן אָפּיום־רויך פאַרוואַנדלען — — —

און אפשר זיינען אים גאָר רויבער אויפ׳ן וועג באַפאַלן און צוזאַמען מיט זיין לעבן אויך אַוועקגענומען פון אים די קליינע

וואונדער־פעקלאך? צווישן זיי איז אויך איינס מיינס געווען, מיינס, וואס האט אין זיך געהאט באהאלטן אזוי פיל וואונדערלאכע חלומות, וואס פלעגט אזוי לייכט עפענען פאר מיר די פארזיגלטע טויערן פון דער אמת'ער וועלט, וואו אלץ איז בלויז שיינקייט, לייכטקייט, ערהאבנקייט — — —

איזמאאיל־סעפי איז ניט געקומען מער און איך פארליר מיין פארשטאנד!

דעם ערשטן מעת־לעת איז נאך געווען צו דערליידן: כ'האב יעדע מינוט געהאפט, אז באלד באווייזט ער זיך אויפ'ן שוועל. כ'האב אויסגעטראכט טויזנטער קליינינקייטן, וועלכע האבן אים געקענט פארהאלטן, געפונען הונדערטע תרוצים פאר זיין פאר־שפעטיקן זיך און דער סוף פון יעדן תירוץ איז גע־ווען, אז אט, אט קומט ער אריין און דערלאנגט מיר דאס פע־קעלע — — —

די ערשטע נאכט בין איך נאך איינגעשלאפן א פאר מאל אויף קורצע ווײלעס און אויך אין שלאף (און אפשר האט זיך מיר געדאכט, אז איך שלאף) האב איך אלץ געוואַרט, אלע מאל געזען מיין פערסיאנער שטיל אריינקומען צו מיר אין צימער מיט זיין טרויעריק־מעלאנכאלישן געזיכט און מיט'ן קליינעם פעקעלע אין דער טיפער קעשענע פון זיין ראק — — —

כ'האב יעדעס מאל געעפנט די אויגן, זיך האסטיק אויפגע־זעצט, געזוכט ארום מיט פארביינקטע בליקן, דערנאך געכאפט די ליולקע, זשעדנע געצויגן אין זיך דעם שוואכן, וויטן ריח און נאך מער געפילט דערביי מיין פיין, בענקשאפט און איינזאמ־קייט — — —

* * *

איך שלאף שוין ניט מער. די נאכט איז פאר מיר אן אייי־ביקייט געווארן, א קאשמאר מיט הונדערטע שפיציקע, נעגלדיקע פינגער און יעדער גראבט זיך איין אין א באזונדערן אבר, רייסט, שטעכט, פארשאפט א באזונדערן מין ווייטאג, — — ווי האט עס נאר א מענטש אזוי פיל גלידער און ווי קען גאר פיין זיין אזוי

אונערטרעגלאך? און דאָס שרעקלאכסטע דערביי איז, וואָס מיינע צעריסענע אברים און צעשמעטערטע ביינער ווערן יעדעס מאָל ווידער גאַנץ, דאָס טריפנדיקע בלוט לויפט צוריק אין די אָדערן אריין, כדי ביים צווייטן אָנפאַל זאָלן די שאַרפע נעגל ווידער האָבן וואָס צו רייסן, וואָס צו שמעטערן?

מיט מיין מאָגן קומט עפּעס פאָר אויסערגעוויינלאכעס: אַלע דריי־פערטל שעה אָדער אַלע שטונדע פאַנגט ער זיך אָן פּיינלאך צו רייסן, פּונקט ווי ער וואָלט פון פּאַפּיר באַשטאַנען. עטלאכע מינוטן (איך פיל עס קלאָר) הענגען די שטיקער אין דער פּוסט־קייט, דערנאָך פאַנגען זיי אָן פאַלן איינער שווער אויפ'ן צווייטן, נעמען זיך צונויפּציען ביז דער מאָגן ווערט ווידער גאַנץ. דאָן באַפאַלט מיך אַ שטאַרקער ניסן. איך נים צוואַנציק, דרייסיק, פערציק מאָל אָן אויפהער ביז די געהירן ווערן ווי געשוואָלן און דאָס האַרץ פאַרלירט דעם טאַקט פון זיין אייגענעם גאַנג און בלייבט הענגען פלאַרנדיק, ווי אַ ליידיקער זאַק אונטער'ן ווינט. איך פאַל צו דער ערד, אַ באַגאָסענער מיט קאַלטן שוויים און וואַרט, אַז אָט יעדע מינוט קומט דער סוף — — —

און אַזוי אַ גאַנצע נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט — —

אָבער דאָס איז נאָך ניט דאָס ערגסטע. דאָס שוידערלאכסטע זיינען די שווערע שוואַרצע שאָטנס פון די ווינקלען, וועלכע האַלטן אין איין אָנקומען און קומען ניט אָן, האַלטן אין איין פאַלן אויף מיין ברוסט און די ברוסט איז ליידיק, פּילן אָן מיין מוח מיט אַ טויט־שרעק און דער מוח בלייבט דאָך פּוסט און זיין שוואַרצע לערקייט שרעקט און דריקט — — —

דאָס איז דאָס שרעקלאכסטע וואָס קען נאָר געבן! ס'איז אַפילו ניט קיין אומענדלאכער פאַלן, ס'איז אַ מין אָפּרייסן זיך אָן אַ סוף פון עפּעס, וואָס איז אַליין גאָרניט, וואָס האָט אונטער זיך קיין באָדן ניט און האַלט אַליין אין פאַלן — — —

און אַזוי אַ גאַנצע נאַכט.

איך לויף אַראָפּ פון בעט, וואַרף זיך אין אַנגסט אופי'ן דיל, קייקל זיך פון איין עק צימער צום צווייטן, דריק זיך צו צו די קאַל־

טע ווענט, ווײל זיך אײנפּרעסן אין זײער פעסטקײט און רואיקײט און קען ניט.

זינט דער אַלמעכטיקער גאָט פון אַפּיום האָט זיך פון מיר אָפּגעקערט, איז אַלץ ארום צו מיר מיט אַמאָל ווילד פרעמד געװאָרן. דער דיל איז געוואָרן הארט און שטויביק, די ווענט פאַרשלאָסן, שמוציג און קאַלט און מײן בעט האָט זיך אָנגעפילט מיט שרעקנדיקע גײסטער און שאַרפע שלאַנגען־צײנער...

ערשט ניט לאַנג צוריק, ווען איזמאַאיל־סעפּי פלעגט נאָך רעגעלמעסיק, יעדן מאָנאַט, קומען מיט זײן פּעקעלע, האָט דער זעלביקער דיל אימער געשמעקט מיט די טײערסטע ריחות, די בעסטע און װײכסטע טעפּיכער זײנען אויף אים געווען אויסגעשפרײט; די אצינד גראָע, קאַלטע און שמוציקע ווענט, זײנען געווען פונ׳ם דינסטן קרישטאָל און געדיכט באַצויגן מיט שוואַרצע פּערל; מײן בעט איז מיט די צאַרטסטע זײדענס געווען באַפּוצט און די ווײכקײט פון די טעפּיכער האָט זיך געקענט פאַרגלײכן מיט דער ווײכקײט פון די ווײסע וואָלקנדלאַך...

אונטער מײן בליק פלעגן זיך די ווענט צעגײן, ווי אײז אונטער די זונען־שטראַלן, און וועלטן צװיבערדיקע, ניט געזעענע, וועלטן איבערגעפילטע מיט טרוימען, וואס קײן מענש קען זיך עס אפילו ניט פאָרשטעלן, פלעגן זיך וועבן און שוועבן ארום מיר — — —

און ווען כ׳האָב געוואָלט, האָב איך זיך אין דער לופט געהײבן און נאָך זײ זיך געטראָגן... ס׳איז ניט געווען קײן גרעניץ צו מײנע װאונשן, און זײער ערפילונג איז אָפּגעהאנגען פון דער לײכטסטער באַוועגונג פון מײן ווילן — — —

דער גאָט פון אַפּיום האָט מיך אויך פאַר אַן אַלמעכטיקן גאָט געמאַכט, מיך דערנענטערט צו זיך און הויך אויפגעהויבן איבער׳ן מענטשנ׳ס לעבן מיט אַלע זײנע קלײנע און גרויסע שוואַכקײטן, איבער דער גאַנצער גרויקײט און צוועקלאָזיקײט פון דער ערדישער עקזיסטענץ.

* * *

ווען אין דרויסן נעמט טאָגן, וואַרף איך שנעל ארויף אויף זיך

מיינע מלבושים און לויף אין גאַס אריין. איך ווייס ניט וואוהין צו לויפן, צו ווען נאָך הילף זיך ווענדן, איך קען אָבער אין הויז ניט בלייבן: איך מוז גיין זוכן אָפּיום...

איך גיי האַסטיק איבער די האַלב־טונקעלע, שטילע גאַסן און טראַכט: אפשר וועל איך איזמאַאיל־סעפּי'ן באַגעגענען? מעג־לאָך מען האָט אים שוין באַפרייט און ער איילט זיך צו מיר? אָדער, אפשר, וועט אזוי אַ נס געשען און כ'וועל אויסגעפינען אַן אַנדער פּלאַץ, וואו מען קען אַזאַ פּעקעלע קריגן? דער אַלמעכ־טיקער האָט ניט פאַר וואָס מיך אזוי גרויזאַם צו שטראָפן. — —

איך בלאָנדזשע אַרום אַ גאַנצן טאָג איבער די גאַסן, שטופּ זיך אין מאַרק, קויף פאַרשידענע פרוכטן און קען זיי ניט עסן, גיי פון איין „טשאַי־כאַנע" (טיי־הויז) אין דעם צווייטן, קוק זיך צו אַלעמען צו, הער זיך איין אין יעדנס געשפּרעך, נישטער, זוך, — אָבער אַלץ אַרום איז קאַלט, פרעמד, באַהאַלט עפּעס פון מיר.

ווען דער פּיין ווערט שוין אומערטרעגלאך, גיי איך צו צום בעל־הבית פונ'ם „טשאַי־כאַנע", אָדער רוף צו דעם דינער, וואָס דערלאַנגט די טיי, און בעט שטיל, אים קוקנדיק גלייך אין פּנים אריין, מיר צו פאַרקויפן, אויב ער האָט, אָדער כאָטש אָנווייזן, וואו כ'קען קריגן דאָס קלענסטע שטיקעלע אָפּיום... עס מעג זיין אפילו בלויז אויף איין ליולקע. איך וועל אים גוט באַצאָלן דערפאַר.

דער בעל־הבית אָדער דער דינער קוקן מיך געוויינלאָך דער־שראָקן אָן, מאַכן אומשולדיקע פּנים'ער און שאָקלען מיט די קעפּ אויף ניין. ניין, זיי ווייסן לחלוטין גאָרניט וועגן אַזעלכע הייזער, זיי צווייפלען אפילו צי עס זיינען אין שטאָט אַזעלכע פּלעצער פאַראַן: ס'איז דאָך אַזוי שטרענג פאַרבאָטן און די פּאָליציי זוכט שטענדיק אַרום. ניין, זיי ווייסן גאָרניט — —

איך פיל און בין זיכער, אַז ס'איז ניט אמת. איך ווייס, עס זיינען פאַראַן אין שטאָט פיל אָפּיום־הייזער. מעגלאָך איינע פון זיי איז ערגעץ־וואו דאָ אין הויז ניט ווייט פון מיר — זיי האָבן אָבער מורא, טאָמער בין איך אַ שפּיאָן און וועל זיי אַרויסגעבן.

איך פּרואוו נאָך אַמאָל בעטן, בין גרייט מיט אַלץ מעגלאַכעס זיי צו איבערצייגן, אַז איך בין ניט קיין שונא פונ׳ם אַלמעכטיקן, אַז איך בין איינער פון זיינע איבערגעגעבנסטע שקלאַפן. זיי גלויבן מיר אָבער ניט, מאַכן נאַאיווע אויגן, גייען אַפּ אַן א זייט און קוקן זיך שוין פאַרדעכטיק צו צו מיר די גאַנצע צייט, וואָס איך געפין זיך דאָרטן.

איך גיי אין א צווייטן פּלאַץ, שטעל עטלאַכע מאָל אָפּ אויפ׳ן וועג פּערסיאַנער אָדער סאָרטן, ביי וועמען, מיר דאַכט זיך, איך קען געפינען הילף, און פרעג און בעט — — אַלע אָבער קוקן זיי מיך פאַרוואונדערט, ניט גלויבנדיק אַן, שאָקלען מיט די געגאָלטע קעפּ אויף ניין, צונעמען ברייט די הענט און שמייכלען דערביי אַזוי אומשולדיק, באַהאַלטן, סאַרקאַסטיש — — —

איך בין איינער אַליין אויף דער גאַנצער וועלט. קיינער גלויבט מיר ניט, קיינער וויל מיר ניט העלפן. דער אַלמעכטיקער האָט זיך אָפּגעקערט און אַלע טירן האָבן זיך פאַר מיר מיט אַמאָל פאַרשלאָסן — —

* * *

איך קום אָפּט אַריין אין שאָטן פון א וועלדל, לייג זיך אַוועק אויפ׳ן גראָז, פאַרגראָב דעם קאָפּ צווישן די הענט און פּרואוו איינשלאָפן, אָדער אַסווייניקסטן זיך אָפּרוען אַביסל. ס׳איז אָבער אוממעגלאַך: די מידקייט גייט ניט אַרויס פון די ביינער און באַוועגט זיך אינווייניק לאַנגזאַם און שווער מיט א טעמפּן ווייטאָג. די צונג קלעפּט זיך צום גומען, אין מויל און האַלז איז טרוקן און וואונדיק. דאָס געהיר איז אָנגעשטרענגט און כאַפּט דורשטיק אויף דעם קלענסטן שאָרך, דעם צאַרטסטן קלאַנג פון ווייט אַרום.

אַך, ווען מען קען ערגעץ־וואו איין טראָפּן אָפּיום קריגן, כאָטש איין צי, א לעצטן צי פון אַן אויסגערויכערטער ליולקע!

פאַרוואָס האָבן אייגנטלאַך מענטשן אַזוי מורא פאַר׳ן אָפּיום? פאַרוואָס באַדויערן זיי אַזוי די אָפּיום־רויכערער, פאַרפאָלגן זיי, היילן זיי? וואָס גייט זיי אַשטייגער אָן, אַז איך רויכער?... איך

צאָל דאָך דעם אַלמעכטיקן מיט מיין אייגענעם געזונט, מיט די פאַר־קירצטע טעג פון מיין אייגענעם לעבן. וואָס גייט עס זיי אָן? צאָלן זיי דען ניט פונקט אזוי טייער פאר אלע זייערע פלאַכע, מיטל־מעסיקע ליידנשאַפטן? די נאַטור מיט אירע געזעצן איז דאָך די פלאַכסטע מיטלמעסיקייט אַליין און איר הערשנדיקע שאַפונג — דער מענטש — דאָס זעלביקע.

אַלץ איז ביי דער קלוגער נאַטור אויסגערעכנט, געמאָסטן און געוואויגן. און וואָס קריגט מען דען, אז מען היט שוין יאָ אָפּ אַלע אירע פלאַכע געזעצן?.. אַ גרוי, אָרים לעבן, פלאַכע טרוימען, באַגרענעצטע וואונשן און נאָך קלענערע מעגלאַכקייטן זיי צו דער־גרייכן... דער אַלמעכטיקער גאָט פון אָפּיום איז טויזנטער מאָל רייכער און ברייטהאַרציקער: בלויז פאַר דער איינציקער ליידנ־שאַפט צו אים, באַפרייט ער פון אַלע אַנדערע מענטשלאַכע ליידנ־שאַפטן, נעמט אַראָפּ די קייטן פונ׳ם געשלעכט, הויבט אויף הויך איבער׳ן לעבן און עפנט ברייט די טויערן פון דער אייביקייט — — ער מאַכט זיינע שקלאַפן פאַר געטער, שאַפט אָפּ די גרעניצן פון אוממעגלאַכקייטן און פאַראייניגט די רייכסטע פאַנטאַזיע מיט איר דערגרייכבאַרקייט. — — — — — — — —

לאַנג ליגן אין וועלדל קען איך ניט: דאָס ווייכע גראָז שניידט זיך שאַרף איין אין מיין הויט, וואָס נעמט ווי טריקענען, דער מאָ־נאָטאָנער רויש פון די בוימער דריקט שווער מיין מאַרך.

איך שלייך זיך שוין ווידער איבער׳ן מאַרק, זיץ אין די „טשאַי־כאַנע״, קוק זיך צו צו יעדן אריינגייער, הער זיך איין אין יעדן קלאַנג און וואַרט אויף אַ נס. איך ווייס, איך פיל, אז פונ׳ם מאַרק טאָר איך ניט אוועקגיין, אז אויב עס קען יאָ ערגעץ־וואו אַ וואונדער געשען, און מיך פונ׳ם לאַנגזאַמען טויט ראַטעווען, איז עס בלויז דאָ, דאָ, צווישן די קלייטן, טיי־הייזער און רווישנדיקן עולם פון צענדליקע האַלב־ווילדע אזיאַטישע שבטים — — ניין, פונ׳ם מאַרק וועל איך ניט אַוועקגיין. אפילו אויף ביינאַכט וועל איך זיך אַ פּלאַץ צווישן די ביימער אויסזוכן און דאָרטן איבער־ליגן ביז גאַנץ פרי. מיין צימער איז אַצינד פוסט און שרעקלאַך.

ניין, אָן קיין אָפּיום וועל איך אהיים שוין מער ניט קומען...

מינוטנווייז פארליר איך כמעט דעם פארשטאנד: איך ווייס ניט ווער איך בין, וואו איך געפין זיך, וועמען איך זוך. מיין מוח איז אויסגעטריקנט און יעדער געדאנק ווערט געבוירן און באוועגט זיך מיט וויי.

גאָט מיינער, איך ווער משוגע!...

* * *

א גאנצע נאכט זיך צווישן בוימער געוואלגערט, איבער די שלאָפנדיקע גאסן געשפּאנט און דריי מאָל ביי זיך אין צימער גע־ווען. אָבער די ווענט האָבן אויף מיר אזוי בייז געקוקט, דאָס גע־לעגער האָט זיך אזוי דראָענדיק געהויבן און די צענדליקער שאָטנס פון די ווינקלען האָבן מיך באגעגנט מיט א הילכיקן גע־לעכטער — — שאָטנס קענען לאכן. ניט יעדערער ווייסט עס...

און איך בין יעדעס מאָל צוריק צום וועלדל אין מארק געלאָפן און, אויסגייענדיק נאָך איין ווײַלע שלאָף, ניט געקענט זיך אפילו אויף א רגע פארגעסן. ניט געקענט...

איך פיל קלאָר, ווי עמיצער שטייט איבער מיין קאָפּ און האלט אָנגעגרייט צוויי דינע הענט מיט שארפע, שטאָלענע נעגל. ער שטייט און וואַרט אויף עפּעס. און ווען דאָס „עפּעס" וועט געשען, וועלן די הענט אונטערהויבן דאָס דעקל פון מיין מוח און די נעגל וועלן זיך איינגראָבן מיר אין מארך. און דאָס וועט זיין דער סוף.

— — — — — — — — — — —

* * *

שוין דריי מעת־לעת. דריי טעג און דריי נעכט, אז כ'האָב ניט געדרוימלט. איך בין ווי פארברענט און דער משוגעת שלייכט זיך ארום מיר, קומט צו אלץ נעענטער — — מיר דאכט זיך, ער קוקט שוין ארויס פון מיינע אויגן, קרימט זיך פון מיינע ליפּן, און לאכט הילכיק אין מוח — —

אין דרויסן טונקלט שוין. די פערטע נאכט קומט אָן. איך פיל, זי וועט שוין אויך זיין די לעצטע...

איך זיץ אין „טשאַי־כאַנע". פאַר מיר שטייט אַ גלאָז טיי. זי איז קאַלט: מיין האַלז איז צוזאַמענגעדריקט און עס איז מיר שווער צו טרינקען. מיין קאָפּ איז צום טיש געבויגן און איך פיל ווי אַלע מיינע כוחות רינען לאַנגזאַם אַרויס דורך די עפענונגען פון מיין הויט — — ס'איז מיר שוין אַלץ איינס, איך קוק שוין אפילו ניט אויף די אַריינקומענדיקע געסט, הער זיך שוין צו קיי־נעם ניט צו, בעט שוין אפילו ניט ביי קיינעם. שוין דריי מעת־לעת... דריי מעת־לעת. מיין ליולקע מוז דאָרטן, ביי מיר אין צימער, זיין איינגעדאַרט פונקט ווי איך דאָ — — — — — — —

פּלוצלונג האָט עפּעס שאַרף אַ שניט געטאָן אין מוח און אַ קילנדיקער, אָפּפרישנדיקער ווינטל האָט זיך דורכגעטראָגן דורך מיין גאַנצן קערפּער. כ'האָב דערפילט אַ שוואַכן ריח פון אָפּיום. איך האָב שנעל אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

נעבן מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען צוויי הויכע, יונגע מענער, ווי ס'ווייזט אויס, פּערסיאַנער, און זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ נידריק טישעלע לעבן דער וואַנט. איינער האָט אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ קליין ביכעלע, עפּעס געוויזן דעם צווייטן און ביידע האָבן שטיל גענומען ריידן צווישן זיך.

איך האָב געפילט ווי דער פייער, וועלכער האָט אין מיר שוין אַלץ ווי אויסגעברענט, און זיך גענומען אויסלעשן, האָט מיט אַמאָל ווידער אַ פלאַקער געטאָן, און אין מאַרך האָט גענומען שטעכן ווי מיט צענדליקע נאָדלען. אַ פּאָר מינוט האָב איך געצויגן אין זיך זשעדנע די לופט, דערנאָך ווי אַ שלאָפוואַנדערער, מאַכטלאָז זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו די צוויי מענער, אָן כח זיך אַוועקגע־זעצט לעבן זייער טישעל און שטיל, ציטערנדיק מיט יעדן אבר, זיי גענומען בעטן:

— אין נאָמען פון דעם אַלמעכטיקן אַללאַ און זיין נביא מאַ־האָמעט, בעט איך אייך, גלויבט מיר, איך בין ניט קיין שפּיאָן און וויל אייך קיין שלעכטס ניט טאָן... דער טויט איז גאָרניט, אָבער ראַטעוועט מיך פון משוגעת!...

זיי האָבן מיך פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— איך בעט אייך, גיט מיר אָדער ווייזט מיר וואו כ'וועל קענען קריגן אביסל אָפּיום... כ'האָב שוין דריי מעת־לעת ניט גע־רויכערט... גלויבט מיר איך בין ניט קיין שפּיאָן. — טרערען האָבן אין מיין קול גענומען קלינגען.

זיי האָבן זיך שנעל איבערגעקוקט און איינער האָט געפרעגט:

— אָבער וואָס מאַכט אייך צו דענקען, אַז מיר ווייסן פון אַזעלכע זאַכן? אָפּיום איז שטרענג פאַרבאָטן.

— איך האָב עס דערפילט פון אייערע קליידער, גלייך ווי איר זייט פאַרבייגעגאַנגען. איך בעט אייך, האָט קיין מורא ניט. איך וועל אייך באַצאָלן וויפיל נאָר איר וועט וועלן, נאָר העלפט מיר...

— מיר קענען פאַר אייך גאָרניט טאָן: ס'איז שטרענג פאַר־באָטן! — האָט איינער געזאָגט און דער צווייטער האָט אַ פרעג געטאָן: — ווי לאַנג רויכערט איר שוין?

— דריי יאָר.

— וואו האָט איר די גאַנצע צייט געקראָגן אייער אָפּיום?

— איינער אַ פערסיאַנער פלעגט עס מיר אַלע חודש ברענגען.

— נו, און אַצינד וואו איז ער?

— כ'ווייס ניט... שוין דריי טעג, אַז ער קומט ניט.

— ווייסט איר, אפשר, זיין נאָמען?

— יאָ. איזמאַאיל סעפּי.

ביידע האָבן זיך איבערגעקוקט און לייכט אָנגעבויגן די קעפּ.

— איך בעט אייך, איר ווייסט דאָך וואָס עס הייסט ניט האָבן וואָס צו רויכערן. כ'וועל אָפּגעבן אַלץ וואָס איך פאַרמאָג, אַלץ, אַבי גיט מיר אַ פּעקעלע אָפּיום — — —

די יונגע לייט האָבן געשוויגן אַ ווייַלע, עפּעס שטיל אַ רעד גע־טאָן צווישן זיך און דער ערשטער האָט געזאָגט:

— מיר גלויבן אייך און וועלן אייך געבן וואָס איר ווילט.

עפּעס האָט אין מיר אַ געשריי געטאָן, דאָס ברענען האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט און אין מח אונטער'ן שאַרבן האָט אַ קאַלט שפּיציק רעדל גענומען געשווינד זיך דרייען הין און צוריק.

— האָט איר געלט מיט זיך? — האָט דער צווייטער מאַן געפרעגט.

— וויפיל פלעגט איר איזמאַאיל־סעפי'ן צאָלן?

— פינף רובל פאַר אַ קליין פּעקעלע.

— ריכטיק! — האָט דער פּערס צוגעשאָקלט מיט'ן קאָפּ און זיך צובוויגנדיק נעענטער געזאָגט: — איזמאַאיל־סעפי'ן האָט מען אַרעסטירט. איר וועט אַצינד קריגן איין פּעקעלע: מער האָבן מיר מיט זיך ניט. זאָגט וואו איר וואוינט און מאָרגן אין דער פרי וועל איך אייך ברענגען וויפיל איר ווילט.

כ'האָב ניט געקענט ענטפערן: ספּאַזמען האָבן מיר דעם האַלז צוזאַמענגעדריקט און מיין גאַנצער קערפּער האָט זיך גענומען טרייסלען ווי אין קדחת. כ'האָב זיי געגעבן 30 קערבלאַך.

דער צווייטער פּערס האָט אַרויסגענומען פון קעשענע און מיר איבערגעגעבן איבער'ן טיש אַ קליין, אַזאַ גוט באַקאַנט פּעקעלע. ביז איך האָב עס גענומען האָט ער געהאַלטן זיין האַנט אויף דעם, פאַרשטעלנדיק עס.

עפּעס האָט זיך אין מיר מיט אַמאָל ווי אָפּגעריסן, מיך ווי פאַרפלייצט, און אַליין ניט־וויסנדיק וואָס איך טו, בין איך צוגע־פאַלן מיט די ליפּן צום פּערסיאַנער'ס האַנט און זי באַגאָסן מיט טרערן.

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און אַ זיפץ געטאָן.

כ'האָב צוגענומען דאָס פּעקעלע, זיי געזאָגט וואו איך וואוין און מיט אַ האַרץ פול מיט טרערן פון גליק און בושה בין איך אַרויס פון טיי־הויז, האַלטנדיק דאָס טייערע פּעקעלע אין קעשענע פעסט צוגעדריקט צו זיך.

ווי אין אַ חלום זיינען פאַר מיר געשוואומען גאַסן, איבער־פּילטע מיט מענטשן, וועגן, קעמלען, גאַסן ווי ניי באַקאַנטע, ליב־לאַך שמייכלענדיקע. כ'האָב זיך געאיילט, געלאַכט צו וועמען, עפּעס געמורמעלט צו זיך אַליין און געדריקט דאָס פּעקעלע צום לייב אום עס בעסער צו פילן.

* * *

מיט פופצן מינוט שפעטער בין איך שוין געזעסן אויפ'ן בעטל ביי זיך אין צימער. אויף א קליינעם טישל נעבן מיר האָט גע־ברענט א קליין לעמפּל, די ליולקע האָט גליקלאך געשמייכלט מיט די איינגעפּאסטע, שוין געשניצטע שטיקלאך פּערלמוטער, צוקוקנ־דיק ווי מיינע ציטערנדיקע הענט צובינדן דאָס פּעקעלע, רייסן נערוועז די פּאַפּירלאך. אָט פיל איך שוין פּאָרזיכטיק אָן מיין קליין, ווייס שיסעלע מיט דער טונקל־ברוינער, געדיכטער מאַסע. און באַלד הענגט שוין א גרויסע טונקעלע פּיל, אויפ'ן שפּיץ פון א לאַנגער נאָדל, איבער'ן לאָמפּ, זי נעמט זיך ווארימען, קאָרטשן, און ווען זי ווערט ווי מיט גאָלד באַגאָסן, לעג איך זי געשיקט אריין אין ווייסן קעפּל פון דער ליולקע, וואָס איך האַלט שוין איבער'ן פייער פונ'ם לאָמפּ. נאָך א מינוט און א געדיכטער, שווארץ־זייד־דענער רויך גיט א שלאָג פון דער פּיפּקע און הויבט זיך לאַנגזאַם צום סופיט.

איך ציִ שנעל און טיף אין זיך דעם רויך, פיל ווי דאָס שניידן אין קאָפּ ווערט פאַרשוואונדן, ווי יעדער אבר פילט זיך אָן מיט קראַפט, זאַפט און בויגיקייט, אין מוח ווערט ליכטיק און די אויגן פאַנגען אָן צו זען וואָס עס טוט זיך ערגעץ־וואו ווייט, ווייט — —

איך מאַך גלייך די צווייטע ליולקע און זע ווי דער דיל פון מיין צימער באַדעקט זיך מיט טייערע פּערסישע טעפּיכער, פאַנג אָן שפּירן דעם צויבער־ריח פון פאַרשידענע טרוקענע גראָזן, וואָס רויכערן זיך אין הויכע וואַזעס אין די ווינקלען פון מיין צימער, פיל ווי דאָס געלעגער אונטער מיר ווערט פאַרשפּרייט מיט זייד און סאַמעט, ווייכע ווי יונגע מיידעלשע טרוימען, און די ווענט אַרום ווערן אין קרישטאַל פאַרוואַנדלט, אין דינעם קרישטאַל מיט שווארצע פּערל איינגעפּאַסט.

איך מאַך די דריטע ליולקע. די ווענט צעגעען זיך, איך הויב זיך לאַנגזאַם אויף אין דער לופטן, קופּעס צאַרט־קלינגענדיקע שטראַלן רייסן זיך אריין אין מיין באַוואוסטזיין, כאַפּן מיך אונ־

טער, וויקלען מיך איינגאַנצן איין אין פאַרביקע זונען־פּאַסן און איך טראָג זיך ארויס, פאַרביי דער שמייכלענדיקער, קרישטאָלענער וואַנט פון מיין צימער...

איך טראָג זיך שנעל ארויף אין דער בלויקייט, און יעדער ווינקל פון מיין נשמה איז באַזונדער פול מיט גליק, מיט אַ מין רואיקן עקסטאַז, מיט אַ דערוואַרטונג פון עטוואָס גרויסעס, כשופ׳־דיקס, אַזעלכעס וואָס לאָזט זיך קיינמאָל ניט אויס און ווערט קיינמאָל ניט דערעסן...

— — — — — — — — — — —

געבענטשט זאָלסטו זיין, דו אַלמעכטיקער גאָט פון אָפּיום! זייט געבענטשט, איר אַלע, וועלכע העלפן אים קענען, העלפן אים צו דינען — — — — — דאָס לעבן איז דאָך ניט מער ווי אַ טרוים, וואָס ווערט אַממערסטן אין אַ גרויען, קאָשמאַרעדיקן חלום פאַרוואַנדלט און דער גליקלאַכער היינט ווערט גרויזאַם שנעל דער־טרונקען אין קאַלטן, איראָניש־שמייכלענדיקן, נעכטן. זיי געבענשט, דו אַלמעכטיקער באַשיינער פונ׳ם אָרימען מענטשנ׳ס לעבן!...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך מאַך די פֿינפֿטע ליולקע — —

אויפ'ן אלטן טיאַן־שאַן

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָב איך זיך אויפגעאַכפּט אין אַ סאַרטישן דאָרף אויף אַ שטרעקע פון 4400 ווערסט פון מיין היים.

אַ יונג־בלויער טאָג האָט מיך ביים שוועל באַגעגנט און שיינענדיק אין פּנים אַריינגעלאַכט. פון די אַרומיקע געדיכטע פרוכט־גערטנער האָבן זיך מויזנטער פויגל־שטימען געטראָגן, און די לופט איז פול געווען מיט דעם שטילן גערויש פון די קריש־טאָל־ריינע בערג־טייכלאַך. רעכטס האָבן געגרויט די הויכע ווענט פון דער רוסישער, מאַרגעלאַנער פעסטונג מיט די שוואַרצע שווערע האַרמאַטן אויף זיי, און לינקס, אונטער די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון, האָבן „געשפּילט" די שניי־בערג טיאַן־שאַן.

איך בין געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער און מיינע אויגן ניט גע־גלויבט. די בערג האָבן געשפּילט אַ סימפאָני. איך האָב זי קלאָר געהערט, זי געפילט מיט יעדן אָטאָם פון מיין קערפּער. אַ סימפאָניע פון פאַרבן, וואו ראָז און בלוי האָבן ווי פידלען געקלונגען, זונען־שטראַהלען — ווי האַרפע־קלאַנגען, וואו צונטער־רויט האָט געשאַלט און געוועקט מיט טרומייטן און טאַצן, פּיאַ־ניסימאָ־שאָטנס זיינען די וויאָלאָנטשעלן געווען, בלוי־גרינלאַכע — די פלייטן, גרוי־ברוינע — די באַסן, און איבער אַלעמען האָבן זיך געלבלאַכע פּאַסן געטראָגן — ווי קלאַנגען פון מעשענע כלים. דער הויפּט־מאָטיוו, אַרום וועלכן די פאַרבן־סימפאָניע האָט זיך געפלאָכטן, איז געווען דער בלענדנדיק־ווייסער שניי.

איך האָב געטראַכט: עס וועט נאָך ווען קומען אויף דער וועלט אַ געניאַלער פאַרבן־קאָמפּאָזיטאָר. ער וועט אויפבויען אַ קונסט־טעמפּל, וואו קאָלירטע, שטראָמען עלעקטרישע ליכט וועלן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון שווישפּילער, זינגער און מוזיקער. ער וועט שאַפן נייע סימפאָניעס, פאַרבן־סימפאָניעס, וועלכע ער וועט פון די שפּיצן פון די שניי־בערג אויף דער בינע איבערטראָגן. און ער וועט געפינען אַ נייעם וועג, דעם צאַרטסטן, צו די מענש־לאַכע נשמות און די וועלט וועט אים אַנערקענען.

די בערג האָבן מיך געפאַנגען. איך האָב זיך געגומען רוקן פון איין סאַרטישן דאָרף אין צווייטן, אַלץ נענטער צו זיי, און אַלע פרימאָרגן און פאַרנאַכט תפילה געטאָן, זיך איינקוקנדיק אָן ווערטער אין זייער פאַרביקן שפּיל.

און די שפּיצן פון די בערג האָבן זיך אין מיין פאָרשטעלונגס־קראַפט ביםלאַכוויים אָנגעפילט מיט לעבעדיקע, צאַרטע באַשע־פעניש, מיט וואונדער־שיינע, באָרוועסע בערג־מיידלאַך, וועלכע ווערן אַלע פרימאָרגן פון די קושן פון דער זון און דעם שניי געבאָרן און פאַרשווינדן צוזאַמען מיט די לעצטע זונען־שטראַלן.

פון גאַנץ פרי ביז צוועלף אַזייגער פירן זיי זייער געבורטס־טאַנץ. זייערע באַוועגונגען זיינען שנעל, זאָרגלאָז, די קעפּ צו דער זון פאַריסן, קראַנצן אין די הענט, רויזן־קראַנצן מיט זונען־שטראַלן געפלאָכטן. פון צוועלף ביז דריי אַזייגער רוען זיי. זיי הייגנען אויף די צווייגן פון די טונקל־גרינע סאָסנעס, ליגן אויסגעשטרעקט אויפ'ן שניי, דערציילן זיך מעשיות, אָדער רייצן זיך גאָר מיט די טונקעלע פיאָלעט־שאָטנס, וועלכע קוקן אויף זיי זשעדנע ארוים פון זייערע היילן.

ווען די זון הויבט אָן צו פאַרגיין, פאַנגען די בערג־מיידלאַך אָן זייער אָפּשייד־טאַנץ. זייערע באַוועגונגען ווערן לאַנגזאַמער, ריטמישער. אַ לייכטע מרה־שחורה פילט זיך אין זייערע טריט, די קעפּ עטוואָס שוין צו דער ערד געבויגן.

פון די טאָלן הויבט זיך לאַנגזאַם אַ לייכטער נעבל. און מיט אַמאָל, דערפילנדיק ווי ווייניק ס'איז זיי נאָך געבליבן צו

לעבן, נעמען די מיידלאך זיך האַסטיקער צום טאַנצן, ליינדשאַפטלאַכער זיך צו דרייען. זייערע פאַרביקע קליידער ווערן פיינליך העל, די שלאַנקע קערפּערס כאַפּט ארום אַ וואַנזין און וואַרפט זיי איבער אָפּגרונטן, קייקלט זיי פון די באַרג־שפּיצן.

ווייסע קינדער־וואָלקנדלאַך אין גאָלדיג־גרויע העמדלאַך טוליען זיך צו די בערג־רוקנס, קריכן לאַנגזאַם העכער, רוען זיך אָפּ אַ ביסל און טראָגן זיך צו אַ צווייטן באַרג־שפּיץ. און די שטראַלנדיקע באַרג־מיידלאַך פירן האַסטיקער זייער טאַנץ, קענען זיך ניט אָנזעטיקן מיט זייער קורצער יוגנט. און וואָס נידעריקער די זון לאָזט זיך אַרונטער, אַלץ בלייכער און שוואַכער ווערען זיי, אַלץ געדיכטער, לענגער און געוואַגטער ווערן די פּיאָלעט־שאָטנס. באַלד וועלן זיי ארויס פון זייערע היילן, פאַרכאַפּן די לוסטיקע זונען־קינדער, זיי טויטן מיט זייער קעלט און פייכטקייט און מיט אַ געלעכטער זיי אויף די באַרג־שפּיצן ארויפטראָגן. — —

„יאַוואַי־קישלאַק“ (דאָס ווילדע דאָרף) איז געווען דער נאָענטסטער ישוב צו די בערג. „יאַוואַי־קישלאַק“ — אזוי האָבן די אַרומיקע פרידלאַכע סאַרטן — סוחרים און ערד־אַרבעטער — גערופן דאָס דאָרף, ווייל די איינוואוינער זיינען געווען יעגערס און פלעגן דינען אַלס וועג־ווייזער אין די בערג.

און נאָך דעמזעלבן טאָג, וואָס איך בין אין דאָרף געקומען, ־האָב איך זיך באַקענט מיט אַבאָ־מאַמאַד׳ן.

דאָס איז געווען אַ געזונטער, הויכער סאַרט מיט אַ ברוינעם געזיכט, אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, אַ שאַרפער נאָז און שוואַרצע, עטוואָס ארויסשטאַרצנדיקע אויגן. אויף זיין ריין־געגאָלטן קאָפּ איז פעסט געזעסן אַ ווייסע, מיט גאָלד אויסגענייטע יאַרמעלקע און פון אונטער דעם באַקווייטעטן, אויבערשטן כאַלאַט האָט ארויסגעקוקט אַ צווייטער, אַ זיידענער, מיט קאָלירטע שטרייפן.

אריינקומנדיק צו מיר אין צימער, האָט ער זיך טיף פאַרנייגט און מיך באַגריסט:

—סאלעם־אלעיקום, מיין האר! — און איז שטיין געבליבן ביי דער טיר, רואיק גלעטנדיק זיין שווארצע באָרד.

— אלעיקאָם אסאלאָם, — האָב איך געענטפערט און גע־ווארט וואָס ער וועט זאָגן.

ער האָט געשוויגן, געמיטלאך געקוקט אויף מיר און געגלעט די באָרד.

— קען איך אפשר וויסן נאָך וואָס דו ביזט געקומען? — האָב איך ענדליך ניט אויסגעהאלטן.

ער האָט א צופרידענעם שמייכל געטאָן, ווי איינער וועל־כער האָט אויסגעפירט זיינס, און איז צוגעגאנגען אביסל נענטער.

— דער באלעבאָס פון הויז האָט מיר געזאָגט, אז דו זוכסט א וועג־ווייזער אין די בערג.

איך האָב זיך דערפרייט און אויף מיין שלעכטן סארטיש, זיך באנוצנדיק אָפט מיט א ווערטער־בוך, אים גענומען איבער־געבן מיינע פלענער. ערשטענס, וויל איך ניט, ווי אנדערע, זיך דורכשפאצירן אויף די בערג בלויז אויף עטלאכע שעה. ניין, איך וויל זיך דאָרטן באזעצן אמווייניקסטן אויף א וואָך צייט. צי וויים ער נישט א פלאץ, וואו מ'קען זיך אויפהאלטן אזוי לאנג? צווייטנס, האָב איך געהערט, אז אין די וועלדער אויף די בערג געפינען זיך ווילדע חיות...

מיט א האלבער שעה שפעטער איז שוין אלץ געווען אָפּ־גערעדט, און אויפ'ן צווייטן פרימאָרגן האָבן מיר שוין געקלע־טערט אויפ'ן ערשטן שניי־בארג, יעדערער מיט א היבש פעקל עסנוואַרג אויף די פלייצעס און מיט גוטע, ענגלישע ווינטשעס־טער־ביקסן אויף רימענס איבער די אַקסלן. אין די הענט האָבן מיר געהאלטן לאנגע, שטארקע שטעקנס.

מיין הארץ האָט האסטיק געקלאפּט. איך האָב זיך גע־פילט ווי שיכור און עס האָט זיך מיר געוואָלט ארויפשרייען צו די גאָלדענע זונען־מיידלאך, וואָס רוען אצינד נאָכ'ן פרימאָרגן־טאנץ, אז איך גיי צו זיי, וועל אנטייל נעמען אין זייערע כאָ־ראָיאָרן, וועל זיי מעשיות פון די וויַיטע טאָלן דערציילן און ניט

דערלאָזן די פיאַלעט־שאָטנס זיי פאַרנאַכט צו זיך אין די הייל־ן פאַרשלעפּן.

אבאָ־מאַמאַד איז געגאַנגען פאָראויס און מאָנאָטאָן געצויגן אן ענדלאָזן מזרח־ניגון.

— אבאָ, ווי אַלט ביזטו ?

— זיבן און דרייסיק יאָר.

— האָסט א ווייב ?

— ניין. האָב געהאַט איינע, איז זי געשטאָרבן.

— פאַרוואָס־זשע האָסטו נאָך אַמאָל ניט חתונה ?

— קיין געלט ניטאָ.

— וויפיל אַשטייגער קאָסט ביי אייך א שיינע ווייב ?

— פאַרשידן. ווי וואָס פאַר א שיינקייט. פאַר פיר־פינף הונדערט קערבלאָך קען מען קריגן.

— טייער ביי אייך ווייבער, פריינט. ביי אונז קאָסטן זיי ביליגער. זיי צאָלן אָפט נאָך אַליין צו מען זאָל זיי נעמען.

ער ענטפערט ניט, גיט א טיפן זיפץ און פאַנגט ווידער אָן ציען זיין ענדלאָזן, טרויעריקן ניגון. — — —

צוויי טעג זיינען מיר אויפ׳ן בארג געקראָכן. צוערשט איז אונזער וועג געגאַנגען דורך גריבער און שטיינער, דערנאָך האָבן זיך גענומען ציען שיטערע סאָסנע־וועלדלאך, וועלכע האָבן זיך גיך פאַרביטן מיט שניי און אייז. דער וועג איז געווען שווער, צייטנווייז געפערלאך. אבאָ־מאַמאַד האָט אָבער אויסגעצייכנט געקענט יעדע סטעזשקע, יעדן דורכגאַנג און זיכער געשפּאַנט פאָראויס.

אויפ׳ן דריטן טאָג, מיטאָג־צייט, האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו א קליין אויסגעקרימט שטיבל, וועלכעס איז ווי איינגעוואַקסן געווען אין א גרויסן פעלז. דאָ האָבן מיר געדאַרפט פאַר־ברייננגען עטלאַכע טעג.

מיר האָבן זיך געפונען אויף א ברייטן, שנייאיקן פעלד, כמעט אן ארומגעצאַמטן: פון הינטן האָבן זיך געהויבן גלייכע, אייזיקע ווענט; לינקס, בארג־אַראָפּ, האָט געשוואַרצט א געדיכ־

טער וואלד, דורך וועלכן מיר זיינען געקומען, און רעכטס האט געשראקן אן אפגרונט. פונ׳ם בארג, איבער׳ן אפגרונט, האט מען געקענט זען דעם גאנצן פערגאנער טאל מיט זיינע הונדער־טער גרינע פלעקן — גערטנער, זילבער־שנירלאך — טייכלאך און ברוין־געלע קופעס — שטעט.

קיין שענערן פלאץ האט מען זיך גאר ניט געקענט ווינשן.

אויפ׳ן פערטן טאג פון אונזער בארג־לעבן האט אויסגעבראכן א שניי־שטורם. ער האט געדויערט פונקט א מעת־לעת. 24 שעה האבען די בערג איינפאך געציטערט און דער ווינט האט אזוי מורא׳דיק געוואיעט, אז כ׳האב געפילט כ׳גיי איינפאך פון זינען אראפ. כ׳האב זיך פארשטעקט די אויערן מיט וואטע, איינגעוויקלט דעם קאפ אין א קאלדרע, און בין זיכער געווען, אז באלד רייסט דער שטורם אפ אונזער שטיבל פונ׳ם פעלז און שליידערט עס אריין אין אפגרונט.

אין דער פרי איז שטיל געווארן — אזוי שטיל און רואיק, אז ס׳האט זיך ניט געגלויבט אז ס׳איז ווען אנדערש געווען. די בערג זיינען נאך ווייסער געווארן און די גרינע נאדל־בוימער האבן זיך מיט די צארטסטע שטיקרייען באצירט. קיין זון איז ניט געווען און אלץ ארום האט זיך ווי איינגעטונקען אין א מילך־וויסן, מעלאנכאלישן שיין.

באלד ווי עס איז ליכטיק געווארן זיינען מיר ארויס פון שטיבל מיט די ביקסן אויף די פלייצעס און באשלאסן זיך אהיים ניט צוריקקערן ביז מיר וועלן ניט דערשיסן א פאר „דאנגאזן“ (ווילדע חזרים).

אבא־מאמאד איז געגאנגען אן אנגעכמורעטער פאראויס. איך בין אים נאכגעגאנגען און געשוויגן. איך האב זיך געפילט שולדיק געגן אים: א דאנק מיר האט ער נאך ביז איצט קיין איין „דאנגאז“ ניט דערשאסן און אויב עס וועט ווייטער אזוי גיין, וועט ער ניט האבן, צוריקקערנדיק זיך, וואס זיינע דארפס־לייט צו ווייזן, וואס זיי צו דערציילן. אבא־מאמאד איז נאך קיין מאל פון די בערג מיט ליידיקע הענט ניט צוריקגעקומען.

איך האָב אים פאַרשטאַנען. מיר האָבן זיך יעדן טאָג גע־קליבן צו פאַרלאָזן די פרייע שניי־פעלדער און זיך אין וואַלד אַראָפּגעלאָזן ווילדע חזרים זוכן. אָבער די לוסטיקע בערג־מייד־לאַך האָבן מיך געפאַנגען. זייערע פאַרביקע קאַראַוואַדען אויף די גאָר ווייטע אונערגרייכבאַרע שפּיצן האָבן פאַרניכטעט אפילו דעם מינדסטן געדאַנק וועגן ווילדע חזרים. און פלעג איך אַמאָל יאַ אויסשיסן, איז דאָס געווען בלויז צוליב׳ן ווידער־קול, צוליב דעם פאַרגייענדיקן געלעכטער, מיט וועלכן די בערג און טאָלן אַרום האָבן מיר אָפּגעענטפערט.

און אַבאָ־מאַמאַד האָט די גאַנצע צייט בלויז געטראַכט פון גרויסע „דאַנגאָזן", וואָס וואַרטן אויף אים אין וואַלד. ער האָט געליטן, האָט אָבער קיין וואָרט ניט געזאָגט. ער פלעגט בלויז אַ כאַפּ טאָן אַלע מאָל זיין ביקס און דורכקוקן צי זי איז אין אָרדנונג. אַליין גיין אויף דער יאַגד און מיך לאָזן אָן אַ באַ־שיצער האָט ער ניט געוואָלט.

מיטאָג־צייט האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף די טריט פון זעקס גרויסע און צוויי קליינע חזרים. אַבאָ־מאַמאַד האָט זיך צוגעקוקט צו די טריט און נאָך זיי גענומען גענוי באַשרייבן יעדן חזיר באַזונדער. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן און ער האָט שנעל געאָטעמט.

מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך די טריט. נאָך אַ האַלבער שעה גיין האָבן זיי אונדז צוגעפירט צו אַ שאַרפן אַראָפּהאַנג פון אַ באַרג.

מיר זיינען שטיין געבליבן. די טריט האָבן זיך געצויגן באַרג־אַראָפּ. אַבאַ־מאַמאַד האָט זיך דאָס האַרץ לייכטער גע־מאַכט מיט אַ זאַפטיקער קללה, פון וועלכער איך האָב איין וואָרט בלויז פאַרשטאַנען — „שאַיטאַן". ער האָט זיך אויפמערקזאַם אַרומגעקוקט, מיר געהייסן צוואַרטן און גענומען פאָרזיכטיק פון באַרג זיך אַראָפּלאָזן.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן שניי, זיך פאַרקוקט אין נאַענטן טאָל. וואו אַ טייכל האָט שוואַך געזילבערט. און אַ

טראכט געטאָן פון מיינע פריינט און אייגענע, וועלכע געפינען זיך פאר טויזנטער מיילן ווייט און ווייסן ניט, אז איך האָב זיך ארויפגעדראפּעט אויפ׳ן רוקן פון א ריזיגן טיאַן־שאַן באַרג, ווי א פליג אויף א פענסטער פון א גרויסן הויז, וואו איך זיץ זיך גאנץ געמיטליך און פילאָזאָפיר.

אבאָ־מאמאָד האָט זיך דערוויילי פאַרזיכטיק גערוקט אַלץ נידעריקער, זיך איינגעקוקט אין שניי און אונצופרידען געשאָקלט מיט׳ן קאָפּ.

פּלוצלונג האָט עפּעס א הילכיקן קנאַק געטאָן ערגעץ־וואו אונטער מיר. כ׳האָב שנעל אויסגעדרייט דעם קאָפּ און באַמערקט, אז דער גאַנצער פלאַך שניי, אויף וועלכן איך זיץ, פאַנגט זיך אָן רוקן רעכטס, צום אָפּגרונט. אינסטינקטיוו האָב איך אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אבאָ־מאמאָד׳ן און באמערקט ווי ער לויפט לינקס און כאַפּט זיך אָן פאר׳ן שטאָם פון א סאָסנע.

— אבאָ! — האָט זיך ביי מיר ארויסגעריסן א געשריי און איך האָב זיך גענומען ראַנגלען מיט׳ן גליטשענדיקן שטראָם.

— כאַפּ זיך אָן פאר עפּעס! — האָט זיך דערטראָגן צו מיר אבאָ־מאמאָד׳ס קול. — כאַפּ זיך אָן פאר עפּעס! כאַפּ זיך אָן!...

איך האָב געוואָרפן מיט די הענט אין דער לופטן, זיך געגראָבן מיט די פיס אין שניי און דורכ׳ן מח האָבן זיך מיט אַן אונגעהייערער שנעלקייט געטראָגן שטיקלאַך עראינערונגען וועגן פאַרפרוירענע און אומגעקומענע אין די אָפּגרונטען, וועגן וועלכע איך האָב ווען עס איז געהערט אָדער געלייענט.

דער שניי־שטראָם האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב זיך מורא געהאַט א ריר צו טאָן. פאַרזיכטיק האָב איך די הענט און פיס טיף איינגעגראָבן אין שניי, דערנאָך פּאַוואָליע אויסגעדרייט דעם קאָפּ: אבאָ־מאמאָד האָט זיך נאָך אַלץ ביים בוים געהאַלטן, אָבער דער בוים האָט זיך שוין אַצינד געפונען העכער פון מיר און זיך ווי אָפּגערוקט לינקס.

„וואָס טוט מען? אפנים, איך בין שוין ניט זייער ווייט פון'ם אָפּגרונט. איז עס מעגלאך? אַ שטיק וועלט אויסגע־שפּאַנט, צענדליקע טויט־געפאַרן אויסגעמידן, אַלץ צוליב דעם איך זאָל אויף די שאַרפע שטיינער פון אָט די וואונדער־בערג שטאַרבן? קיינער וועט אפילו ניט וויסן וואו מיין געביין איז אהינגעקומען...“

כ'האָב אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפ'ן שניי, און ס'האָט מיר שמערצלאך געגומען באַנג טאָן, וואָס כ'האָב די גאַנצע צייט אזוי זעלטן בריף אהיים געשיקט. זיי מיינען, אַז איך געפין זיך נאָך אַלץ ביים קאַספּישן ים... ווי וואונדערלאך־שיין קאַווקאַז איז... מען וועט אפילו ניט וויסן וועמען צו לאָזן וויסן וועגן מיין טויט...

אבאַ־מאַמאַד האָט עפּעס גענומען שרייען. זיי קול האָט שטאַרק געהילכט און ווי מיט אַ פּויק געקלאַפּט פאַר מיינע אויערן. כ'האָב אָבער קלאָר געהערט זיין יעדן וואָרט. ער הייסט זיך מיר ניט רירן; ער וועט באַלד ברייגגען שטריק. איך זע ווי ער טיילט זיך אָפּ פון'ם בוים, קריכט שנעל אויף אַלע פיר אַרויף אהין, פון וואַנען מיר זיינען געקומען דאָ ניט לאַנג, און ווערט פאַרשוואונדן.

איך בלייב אַליין, אַליין אויף די ווייסע בערג אין קעניגרייך פון רו, שניי און טויט. — — —

„דאָס ווייכטיקסטע איז זיך ניט צו פאַרלירען. מען מוז אַלעם געלאַסן באַטראַכטן. אבאַ וועט באַלד צוריקקומען מיט שטריק און מיך ראַטעווען. אָדער זאָל איך אפשר גאָר אַליין פּרואוון פּאַוואָליטשקע אַרויפקריכן? אפשר וועט מיר געלינגען פון דעם אָפּגעריסענעם פלאַך שניי זיך אַרויסצוגראָבן? נאָר זיך ניט פאַרלירן — דאָס איז דאָס ווייכטיקסטע, אַניט...“

איך האָב פאַרזיכטיק אַרויסגענומען די הענט פון'ם שניי, זיך צוזאַמענגעדריקט ווי אַ וואָרים און גענומען פּאַוואָליע קריכן אַרויף. צווישן יעדן אויפהויבן און אַראָפּלאָזן די הענט און די פיס האָבן זיך אייביגקייטן געצויגן. טריט ביי טריט — אַלץ

העכער, העכער. דאָס האַרץ פאַרגייט פון מורא און האָפנונג. נאָך אַ צען, פופצען אַרשין און איך בין ביים גרויסן שטיין, בין געראַטעוועט. נאָר דאַ גיט זיך אַלעס אַרום מיר ווידער אַ רוק און איך גליטש זיך שוין ווידער צוזאַמען מיט׳ן שניי־שטראָם, צום אָפּגרונט.

— העלפט! העלפט! — איך האָב זיך נאָך אַמאָל געגומען ראַנגלען מיט׳ן שניי, פאַר דער לופט און פאַר מיטפאַלענדיקע שטיינער זיך כאַפּען און זיך אַלץ נענטער צום אָפּגרונט גערוקט.

— העלפט!... — איך האָב אַ שווארצן שטיין ביי דער זייט באַמערקט. איך האָב זיך אַ צי געטאָן מיט אַלע כחות און זיך אָנגעכאַפּט אָן זיין קליינעם, קיילעכדיקן קעפּל. דער שניי אַרום מיר האָט פאַרגעזעצט זיין וועג און זיך רוקענדיק מיר פאַרקלעבט דאָס מויל, די נאָז און די אויערן. באַלד האָט זיך צו מיר דער־טראָגן אַ געדיכטער, טעמפּער בראָך: דאָס איז דער שניי פון באַרג אַראָפּגעפאַלן.

זיך לאַנג ביים שטיין האַלטן איז געווען אונמעגליך: ער איז געווען באַדעקט מיט אייז, ווי מיט גלאָז, און מיינע פאַר־פרוירענע, געשוואָלענע פינגער האָב זיך קוים פאַר אים געהאַלטן. כ׳האָב דאָס מויל צום שטיין צוגעלייגט, זיך אין אים געוואָלט איינבייסן מיט די ציין און, ניט קענענדיק דאָס טאָן, האָב איך מיט׳ן אָטעם גענומען וואַרימען מיינע פינגער.

„נאָר ניט פאַרלירן זיך, נאָר רואיק, רואיק — — דער שטיין איז אַ גאַנץ פעסטער. אַבאַ־מאַמאַד וועט באַלד קומען צולויפן מיט אַ שטריק און מיך אַרויפשלעפּן — — ווי לעבער־לאַך... אַ יועלט אויסגעשפּאַנט, כדי דאַ צושמעטערט צו ווערן... נאָר רואיק, רואיק... — דאָס איז דאָס וויכטיקסטע...״

כ׳האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און פּלוצלונג באַמערקט, אַז פון מיינע פינגער לויפן דינע פּאַסיקלאַך בלוט. דער שניי ציט זיי זשעדנע איין אין זיך און פאַנגט גלייך אָן צו לאַכן מיט פאַר־בלוטיקטע אויגן. כ׳האָב ווידער צוגעבויגן דעם קאָפּ צום שטיין און מיט׳ן אָטעם גענומען וואַרימען די פינגער.

א טויטלאכע מידקייט האָט מיך ארומגעכאפּט. דער שארפער קאמף פאר׳ן לעבן האָט גענומען שוואכער ווערן און אָפּטרעטן זיין פּלאַץ א טומפּער גלייכגילטיקייט. כ׳בין צוגעפאלן מיט די קאַלטע, ציטערנדיקע ליפּן צו די קאָנוואולסיוו־צוזאמענגעדריקטע, פארשטארטע הענט און עפּעס ווייס־גרויעס האָט טופּענדיק זיך גענומען טראָגן אין מח. דערנאָך האָט פון דער גרויקייט ווער ניט זיכער און צושוואומען געפרעגט, צי ס׳קען ניט פּאסירן, אז די גאנצע געשיכטע זאָל זיין א חלום? גאַנץ מעגלאך, איך שלאָף אצינד ביי זיך אין בעט און חלום וועגן די שניי־בערג, וועגן אבאַ־מאמאָד׳ן מיט זיינע ווילדע חזרים, וועגן דער געפאר, אין וועלכער כ׳געפין זיך. באלד וועל איך זיך אויפכאפּן און דערזען דאָס פענסטער מיט די בלומען־טעפּ, מיין שרייב־טיש, דעם שראַנק מיט ביכער?...

איך שטרענג זיך אָן, הויב עטוואָס אויף דעם קאָפּ, קוק זיך שלעפעריק ארום. ווייסע בערג, מאַט־פינקלענדיקער שניי, ווייסע, באוועגלאָזע לופט, און עס בליצט דורך א דערשראָקענער גע־דאַנק:

„וואו איז אבאַ־מאמאָד אהינגעקומען? אפשר האָט ער פארבלאָנדזשעט, אָדער ווילדע חזרים זיינען אויף אים אָנגע־פאַלן? מעגליך, אז ער ליגט שוין ערגעץ־וואו א טויטער מיט אַן אויפגעריסענעם בויך אָדער א צושמעטערטער אויף שטיינער און איך ווארט דאָ אויף זיין הילף?!“...

דער שניי ארום מיינע הענט איז שוין רויט פון בלוט. איך קוק אויף די פרישע, העל־רויטע פלעקן און א רחמנות, ניט קיין שרעק פאר׳ן טויט, נאָר א טיפער רחמנות צו זיך אליין כאפּט מיך ארום. אָט האָט געלעבט א מענש, א יונגער, א געזונטער, פול מיט די שענסטע שטרעבונגען; און אָט וועט ער זיך באלד אָפּרייסן פונ׳ם שווארצן שטיין, ארונטערפליען אין אָפּגרונט, און גאָרניט — פונקט ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען...

ס'האָט זיך מיר שטאַרק פאַרוואָלט שלאָפן. די אויגן האָבן זיך גענומען קלעפּן, דער קאָפּ איז שווער געפאַלן אַראָפּ. כ'האָב טיפער איינגעגראָבן די שפּיץ פון די שיך אין שניי, געפּרואווט פעסטער דעם שטיין מיט די הענט אַרומנעמען און אַראָפּגעלאָזט אויף זיי דעם קאָפּ.

ווידער האָבן זיך ווייס־גרויע פּאַסן טופּענדיק גענומען ציען פאַר מיר און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז כ'שוועב מיט זיי מיט, ווער אינגאַנצן פאַרשוואונדן אין זייער ליכטיקער גרויקייט. און מיט אַמאָל האָב איך זיך דערזען אין אַ גרויסן, העל־באַלויכטענעם צימער. אין קאַמין האָט געברענט אַ פייער און אַ סך יונגע, פריילאַכע פּאָרלעך זיינען איבער'ן צימער אַרומגעגאַנגען, גע־רעדט צווישן זיך און הויך געלאַכט. איך בין געזעסן פאַר'ן קאַמין אין אַ טיפן שטול און געציטערט פון קעלט. די קעלט איז געוועזן אַן אינווייניגסטע און האָט זיך ניט געקענט צעגיין, ווי נאָענט כ'האָב זיך ניט גערוקט צום פייער. אַלע ווײַלע זיינען אַנדערע מענטשן צו מיר צוגעקומען, מיר פריינדליך אין די אויגן אַריינגעקוקט, מיר עפּעס פריילאַך דערציילט. איך האָב פאַרשטאַנען זייערע ווערטער, זיי געוואָלט ענטפערן, זיך אויך צולאַכן, אָבער מיינע רייד און געלעכטער זיינען געלעגן אין מיר, ווי שטיקער אייז — שווערע, קאַלטע, באַוועגלאָזע. כ'בין גע־וועזן שטום. איך האָב זיך נאָך נענטער צוגערוקט צום קאַמין, דערזען ווי מיינע קליידער נעמען טליען, אָבער אַלץ ניט געפילט קיין וואַרימקייט. „זאָל ברענען", האָב איך אַ טראַכט געטאָן, זיך צונויפגעדריקט אויפ'ן שטול און פאַרמאַכט די אויגן.

מיט אַמאָל האָט עפּעס אַ קלאַפּ געטאָן איבער מיין קאָפּ און די לופט אַרום האָט גענומען הילכן. אימיצער רופט מיך. דער זאַל, די אַרומיקע מענטשן, דער ברענענדיקער קאַמין פאַר־שווינדן ביסלאַכווייז. איך פאַל ווי אַרויס פון עפּעס. ווידער ציען זיך טופּענדיק פאַר מיר גרוי־ווייסע פּאַסן. באַלד הילכט נאָך אַ מאָל אָפּ אימיצענס קול. מיין נאָמען קייקלט זיך שווער

איבער מיר, צוטרייבנדיק דעם ווייס־גרויען נעפּל. איך דערקען די שטימע — דאָס איז אַבאַ־מאַמאַד.

איך וויל עפענען די אויגן, אויפהויבן דעם קאָפּ און קען ניט. איך פיל אָבער, אַז כ'מוז עס טאָן, אַנדערש בין איך אין געפאַר, און איך פאַנג אָן אַ קאַמף. איך רייס זיך פון אימיצענס קאַלטע הענט, וואַרף מיט יעדן אבר, שריי מיט באַנומענע קולות, דאָס האַרץ ווערט אין מיר ממש צוריסן פון אויפרעגונג.

איך זיג. איך עפן אויף די אויגן, הויב עטוואָס אויף דעם קאָפּ. הויך, אויפ'ן באַרג, שטייט אַבאַ־מאַמאַד. ער רופט מיך. אין די הענט האַלט ער אַ שטריק, דער צווייטער עק פון וועלכן שפּרינגט און שלענגלט זיך ניט ווייט פון מיין קאָפּ. אַלץ ווערט פאַר מיר מיט אַמאָל קלאָר. איך גיב זיך מיט אַלע כחות אַ ריס צום שטריק.

איך קען זיך אָבער פונ'ם אָרט ניט רירן: מיין גאַנצער קערפּער איז ווי צוגעוואַקסן צום אייז. בלויז דער גראָבער פינ־גער פון דער לינקער האַנט באַוועגט זיך שוואַך. און אַרום דרייט זיך דער גראָבער עק פונ'ם שטריק, וועלכן אַבאַ־מאַמאַד וואַרפט יעדעס מאָל פון דאָס ניי, רירט אָפּט אָן מיין פּנים, גליטשט זיך איבער די הענט. איך קוק אַרויף צו מאַמאַד'ן, שריי צו אים מיט אַלע כחות, בעט אים ער זאָל מיך ראַטעווען. מיין קול איז אָבער שוואַך און רייסט זיך דורך קוים הערענדיג דורך די פעסט צוזאַמענגעדריקטע ציינער. אַבאַ הערט זיך איין, וואַרפט ווידער דעם שטריק און שרייט איך זאָל אים אָנכאַפּן און אַרום די אָרימס אַרומבינדן.

לאַנג אַרויפקוקן קען איך ניט: דער נאַקן ברעכט זיך איין. איך לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ אויף די הענט און הער זיך איין צו אַבאַ־מאַמאַד'ס קול. די קלאַנגען פון זיין שטימע שפּייזן מיין באַוואוסטזיין, בינדן מיך צו צום לעבן.

נאָר מיט אַמאָל ווערט ער אַנשווייגן. ער רופט מיך שוין ניט מער און אפילו דער שטריק האָט אויפגעהערט צו טאַנצן אַרום מיר איבער דער טרוקענער אויבערפלאַך פונ'ם שניי. איך

עפן דערשראָקן די אויגן און הויב אויף דעם קאָפּ. אבאַ־מאַמאַד קריכט לאַנגזאַם צו מיר אויף אַלע פיר, זיך האַלטנדיק אַן שטריק, וועלכער ציט זיך ווי אַ לאַנגע שלאַנג פון אונטער אַ גרויסן שטיין. ער קומט אַלץ נענטער.

איך פיל ווי אַלץ אין מיר נעמט שרייען מיט ווילדע קולות פון פרייד און וואַנזיניקן שרעק. מיין קאָפּ פּאַלט מאַכטלאָז אויפ'ן שניי, און אַ געדאַנק ברענט דעם מח: „ער וועט מיך ראַטעווען!... ער וועט מיך ראַטעווען!... ראַטעווען!..."

ווידער האָבן זיך ווייס־גרויע פּאַסן אַ טראָג געטאָן. אַצינד איז אָבער זייער קלאַפּן פאַרשוואונדן און אַ ווייסע שטילקייט, עפּעס אַן דערוואַרטנדיקע, האָט געדיכט געהאַנגען אין דער לופטן. מינוטן, שעה'ן, טעג זיינען געפאַלן איינער אויפ'ן צווייטן און זיך צוגאַנגען אין דער ווייס־גרויסער שטילקייט. מיט אמאָל האָט זיך איבער מיר דערהערט אַ הילכיקער קלאַפּ. כ'האָב דער־פילט ווי אימיצער נעמט מיך אַן פּאַר'ן קאָפּ, טרייסלט מיך, רופט מיך ביים נאָמען. איך האָב אויפגעעפנט די אויגן, אַ שמייכל געטאָן צו אבאַ־מאַמאַד'ן און זיי ווידער פאַרמאַכט.

באַלד האָב איך דערפילט ווי ער בינדט אַרום אַ שטריק אונטער מיינע אָרימס, רייסט מיט מי אָפּ מיינע צוגעפראָרענע קליידער פונ'ם אייז, שלעפּט מיך באַרג־אַרויף און שיט אויף וועמען מיט אַ שטראָם קללות.

„געראַטעוועט!" — פינקלט אַ געדאַנק — „איך בין געראַטעוועט... ער טראָגט מיך צום שטיבל..." און ס'האָט זיך געוואָלט זינגען, לאַכן, אַרומכאַפּן דעם טייערן אבאַ־מאַמאַד'ן און אים צודריקן צו זיך. מיינע הענט און פיס זיינען אָבער ווי שווערע קלעצער געהאַנגען און אין ברוסט אַריין האָט זיך אַ שטיק שניי־באַרג פאַרקליבן.

גיך איז אַרום מיר געוואָרן פינסטער און איך האָב דער־פילט דעם ריח פונ'ם שטרוי, אויף וועלכען מיר זיינען אין אונזער שטיבל געשלאָפן. אָט רייסט אבאַ־מאַמאַד אַראָפּ פון מיר די דורכגעאייזטע קליידער, רייבט מיר מיט עפּעס די הענט און פיס,

דעקט מיך איין, גיסט מיר עפּעס הייסעס אין מויל אריין און רעדט צו מיר. איך עפן די אויגן, גיב אַ שמייכל, ענטפער אים עפּעס, צי זיך אויס און איינשלאָפנדיק פיל איך ווי ער רייבט מיינע הענט און שילט דעם „שייטאַן" (ניט־גוטן).

— —

דאָס מאָל איז אבאַ־מאַמאַד געקומען צוריק צו זיך אין דאָרף אריין אָן דערשאָסענע דאָנגאָזן, אָבער מיט ניט ווייניקער שטאָלץ. זיין טריאומף בין איך געווען. אויף די הענט און וואו מעגליך אויף אַ קליינעם שליטן, וועלכן ער האָט נאָך אין בארג־שטיבל צונויפגעקלאפּט, האָט ער מיך פון די בערג אראָפּגעבראכט און צו זיך אין שטיבל אריינגעטראָגן.

מען האָט גלייך געבראכט אַן אַלטע סאַרטישע מכשפה, וועלכע האָט, ניט אָפּדעקענדיג איר פּנים, באטאַפּט מיינע הענט און פיס און געשיקט גענומען קאָכן עפּעס אַ רפואה. דער גערוך פון דעם קאָכעכץ איז געווען זייער אַ שלעכטער און אזאַ שאַר־פער, אַז כ׳האָב געמיינט כ׳וועל דערשטיקט. דערנאָך האָט מיר אבאַ־מאַמאַד מיט זיינעם אַ שכן גענומען מיט אזאַ קראַפט איינ־רייבן די רפואה אין ליב, אַז כ׳באַגרייף נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט, ווי זיי האָבן עס מיר ניט אָפּגעריסן די הויט פון די ביינער.

ס׳האָט גענומען צוויי וואָכן צייט ביז כ׳בין צו זיך געקומען, ביז מיין בלוט האָט ווידער אָנגעפאַנגען ווי געהעריק צו לויפן דורך מיינע אָדערן.

אָפט, אין אָוונט, ווען איך בין געזעסן פאַר דער טיר און פאַרטראַכט זיך איינגעקוקט, ווי די בערג „שפּילן" זייער אָוונט־סימפאָניע, פלעגט פון גאַס אָנקומען אבאַ־מאַמאַד, געוועהנלאַך, מיט עטליכע שכנים. זיי פלעגן מיר אָפּגעבן א פריינדלאכן „אסאַלעם־אַלעקום", זיך אויסזעצן ארום מיר אויפ׳ן גראָז מיט די פיס אונ־טער זיך, און גאָט ווייסט, צום וויפילטן מאָל אויפמערקזאַם אויס־הערן אבאַ־מאַמאַד׳ס געשיכטע מיט פיל איבערטריבענע איינצל־הייטן וועגן מיין געפאַר און זיין העלדישקייט. און ענדיקן פלעגט

ער יעדן מאָל, אַז שפּעטער, זיך גוט צוקוקנדיק צו די דאָנגאָרישע טריט, האָט ער אויף זיכער אויסגעפונען, אַז דאָס זײַנען גאָר קײן ווילדע חזירים ניט געווען, נאָר „שײטאַנען" (שדים), וועלכע האָבן צוערשט אויף אונז אַ נאַכט־שטורם אָנגעשיקט, זיך שפּעטער אין דאָנגדאָן פֿאַרוואַנדלט און אונז אויפֿ׳ן געפֿערלאַכן שנײ־פּלאַך פֿאַרנאַרט...

דאָס רויטע פּעלד

דניאל גרינ׳ס פריינטשאַפט מיט׳ן פּערסיאַנער קסערקסעז, האָט זיך פאַרשטאַרקט נאָך זייער צווייטער באַגעגניש. דאָס ערשטע מאָל האָט גרין זיך מיט אים געטראָפן אין מאַרק, וואו אַ שיכור׳ער סאָלדאַט האָט ביי אים געוואָלט צונעמען אַ זעקל ניס, וועלכעס ער האָט געהאַט צום פאַרקויפן. ביידע: דער סאָלדאַט מיט׳ן פּערסיאַנער, זיינען געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט אַ פריילאַכן מאַרק־עולם, וועלכער האָט מיט פאַרגעניגן צוגעקוקט, ווי זיי רייסן זיך איבער׳ן זעקל ניס.

צוערשט האָט דער פּערסיאַנער זיך מיט גוטן ביים סאָלדאַט געבעטן, דערנאָך גענומען שרייען, אַז ער גייט גלייך צום גענעראַל־גובערנאַטאָר זיך קלאָגן, און ענדלאַך זיך געווענדעט צום אַרומיגן עולם נאָך הילף.

דער סאָלדאַט האָט אָבער פון קיין זאַך ניט געוואָלט וויסן און, שווער דרייענדיק מיט׳ן צונג, איינגע׳עקשנ׳ט גע׳טענה׳ט, אַז די ניס זיינען זיינע, ער דאַרף זיי, ווייל מאָרגן איז זונטאָג און ער מוז גיין צו פּאַשקען צו גאַסט... צו דער גראָבער פּאַשקען, וועלכע דינט ביים ראָטנע קאָמאַנדיר...

דער רוסישער טייל פונ׳ם אַרומיקן עולם, צווישן אים אויך פיל סאָלדאַטן, האָבן זיך פאַר די זייטן געהאַלטן פון געלעכטער, אָבער די פּערסיאַנער און סאַרטען האָבן צוגעקוקט די סצענע מיט באַהאַלטענע, בייזע בליקן. זיי האָבן אָבער מורא געהאַט זיך אריינ־צומישן, ווייסנדיק, אַז נאָך זיי וועלן זיך אויך אריינמישן די סאָלדאַטן און זיי וועלן כאַפּן קלעפּ.

אין שיכור'ן סאָלדאַט האָט גרין גלייך דערקענט דעם שוסטער פּעדראָסענקאָ, טאַקע פון דער זעלבער ראָטע, וואו ער אַליין איז געווען דער „שרייבער".

אין אַ געוויינלאכער צייט איז פּעדראָסענקאָ געווען איינער פון די שטילסטע און געהאָרכזאַמסטע סאָלדאַטן. ער פלעגט פאַלגן ניט נאָר די עלטסטע, נאָר אויך די „פּראָסטע" סאָלדאַטן. ער פלעגט פאַרריכטן שיך און קיינמאָל פאַר זיין אַרבעט ניט קריגן באַצאָלט, איז געלאָפן פאַר יעדן איינעם נאָך טיי אָדער ביר און אין דער פרייער צייט פלעגט מען זיך איבער אים פריילאַך מאַכן.

שוויינדיק האָט ער איבערגעטראָגן אַלע באַליידיגונגען, גע־קוקט צו דער פאָדלאָגע אָדער אין אַ ווינקל און שוואַך, שולדיק, געשמייכלט.

גאָר אַנדערש איז ער אָבער געווען, ווען ער פלעגט זיך אָנ־שיכור'ן. דאַן איז יעדעם מאָל פלוצלונג דערשינען גאָר אַ נייער פּעדראָסענקאָ. אַן אויפגערעגטער פלעגט ער אַרומשפּאַנען איבער דער קאַזאַרמע, האָט איטלאַכן בייז גלייך אין פּנים אַריינגעקוקט, אויף יעדן וואָרט מיט אַ שטראָם קללות געענטפערט און פאַר יעדער קלייניקייט זיך געריסן שלאָגן.

דערקענענדיק פּעדראָסענקאָ'ן, איז גרין גלייך צוגעגאַנגען, אים שטייף אַ נעם געטאָן פאַר'ן אַקסל און שטיל, אָבער פעסט, דערמאָנט וועגן נייעם באַפעל, אַז פאַר צונעמען עפּעס ביי די איינוואוינער וועט מען געבן „דיסציפּלינאַרנע באַטאַליאָן" (מילי־טערישע געפענגנים).

— איך שפּיי אויף זייער באַפעל! — האָט פּעדראָסענקאָ איינגע'עקשנ'ט געדרייט מיט'ן קאָפּ, פעסטער דריקנדיק דעם זאַק צו זיך. — דו, גרין, ביזט אַ היגטישער זון, און דיך האָב איך ליב... דו שרייבסט מיר שטענדיק בריוו אהיים און... נעמסט קיין געלט ניט... אָבער די ניס דאַרף איך האָבן: מאָרגן גיי איך צו פאַשקען... דו קענסט זי דאָך, די פעל... זי דינט ביים ראָטנע... און אָן קיין ניס, האָט זי געזאָגט, די סטערווע, זאָל איך זיך איר

אין די אויגן ניט ווייזן... פארשטייסט?... אָן נים איז ניט... קריג איך גאָרניט...

גרין איז געפאלן אויף א פלאן: ער האָט אומבאמערקט אריינגערוקט דעם פערסיאנער צען קאָפּיקעס אין האנט, שנעל אראָפּגענומען פון פעדאָסענקאָ'ם קאָפּ דאָס היטל, עם אָנגעלייגט פול מיט נים און אים אויך די קעשענעס אָנגעפילט.

— נו, אצינד נעם דאָס היטל און גיי געשווינט פון דאנען. וועסט שוין מאָרגן קאָנען קנאקן נים מיט פּאשקען א גאנצן טאָג.

דער עולם ארום האָט זיך צולאכט.

פעדאָסענקאָ איז ווי צוטומלט געוואָרן. ער האָט זיך ארומגעקוקט, א נארישן שמייכל געטאָן, ניט זיכער אָפּגעלאָזט דעם זאק און גענומען דאָס היטל.

גרין האָט א וואונק געטאָן צום פערסיאנער, ער זאָל זיך גלייך אָפּטראָגן. יענער האָט פארשטאנען און דאנקבאר א שאָקל טוענדיק מיט'ן קאָפּ, איז ער פארשוואונדן צווישן עולם. — — —

מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט זיך גרין מיט'ן פערסיאנער ווידער געטראָפן, אָבער שוין ביי גאָר אנדערע אומשטענדן.

אויך אין א שבת פארנאכט, אָן איבערגעטאָנענער אין ציווילע קליידער, איז גרין שטיל אריין אין א געהיימען אַפּיום הויז און זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן דיל אין א טונקעלן ווינקל. א מידער פונ'ם צוועקלאָזן כאראָוואָד, וואָס רופט זיך „לעבן", און וועלכעס האָט זיך אים אויך דערצו ניט איינגעגעבן, א פארביטערטער פונ'ם זינלאָזן דרייען און פּלאָנטערן זיך צווישן די לויפנדע טעג, וואָכן און מאָנאטן, — פלעגט ער א פּאָר מאָל אין וואָך קומען אין דעם פארבאָרגענעם פּלאץ און זיך אינגאנצן איבערגעבן אין דער טויט־לאָך־צויבערנדיקער מאכט פון אָפּיום.

אין יענעם אָוונט האָט גרין באזונדערס שלעכט געפילט. א טיף פארטראכטער איז ער באוועגלאָז געזעסן אין זיין טונקעלן ווינקל און זשעדנע געצויגן אין זיך די לופט, וועלכע איז געווען אָנגעזאָפּט מיט'ן ריח פון דעם נאָך נעכטן געריוכערטן אָפּיום. און ביסלאכווייז האָט ער גענומען פילן, ווי די שאָטנס פון אומרו

און אומצופרינדנהייט, וועלכע האָבן זיך פון יענער זייט הויז אַזוי געדיכט אָנגעזאַמלט אין זיין ברוסט, ווערן לאַנגזאַם פאַר־שוואונדן איינער נאָכ׳ן צווייטן. דערנאָך האָט ער זיך אויס־געצויגן אויף די שטרויענע קולימלאַך און צוגעמאַכט די אויגן. זיין ברוסט האָט זיך הויך און לייכט געהויבן און די קנייטשן אויף זיין געזיכט האָבן זיך גענומען אויסגלייכן... אַך, ווי גוט!...

דער רויכער־צימער איז געווען ליידיק. בלויז נעבן דער וואַנט לינקס האָט שוואַך, אַזוי ביינקענדיק, געצאַנקט אַ לעמפּעל אויפ׳ן דיל און אימיצנס אַ שאָטן, מיט אַ ליולקע אין האַנט, האָט זיך אַלע ווײַלע טיף געבויגן צו דעם.

אַרום איז געווען שטיל מיט יענער אויסערגעוויינלאַכער שטילקייט, וועלכע איז שוין ניט צושטערט געוואָרן פון חדשים און יאָרן. אַזאַ שטילקייט קאָן מען הערן אין טיפע, אונטערערדישע היילן, אין אַלטע טעמפּלען אָדער אין געהיימע אָפּיום הייזער.

ווי יעדע שטילקייט איז זי שרעקנד, איר שרעק איז אָבער אַ פאַרבאָרגענער, אַ צוצוקנדיקער, אַזעלכער וועלכער היט דעם אריינ־גאַנג צו געהיימניספולע פּאַלאַצן, איבערפילטע מיט טויטלאַכע גע־פאַרן און אויסערגעוויינלאַכע מעגלאַכקייטן.

אַבאַ־נאַסיף, דער בעל־הבית פונ׳ם הויז, האָט שטיל דורכ־געשוועבט די האַלב־פינסטערניש, געוואָרפן אַ זייטיקן בליק צו גרינ׳ען, אים קוים הערנדיק אַ זאָג געטאָן: „סאַלאַם אַלעיקעם" (אַ באַגריסונג) און ניט קריגנדיק קיין ענטפער אָדער באַשטעלונג אויף אַ ליולקע, איז ער באַלד פאַרשוואונדן.

אַבאַ־נאַסיף איז געווען אַ קלוגער סאָרט: ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ווען אַ מענטש קומט צו אים פון יענער, נאָך זיין מיינונג, נאַרישער, זייט וועלט, און ציט זיך שווייגנדיק אויס אויף זיינע שטרויענע קולימלאַך — טאָר מען אים ניט שטערן מיט קיינע פראַגעס און דאָס בעסטע איז, אינגאַנצן ניט צוגיין ביז ער גיט אַליין ניט קיין רוף. ווייל דאָס שטילע ליגן מיינט, אַז דאָס לעבן אויף „יענער זייט" האָט זיך שוין צו שווער אויף אים אָנגעלייגט

און שלעכטע צופעלע האָבן זיך שוין צו פיינלאך און אין א צו גרויסער מאָס אין זיין הארצן איינגעביסן. דאָס בעסטע, וואָס מען קאָן פאר אים טאָן, איז צו היטן זיין ערשטן רוף און דערנאָך וואָס אָפטער אים מאכן און דערלאַנגען די פּיפּקע. — — —

גרין איז געלעגן אויסגעצויגן אין זיין פולער לייגג, אָנגעשטריינגט געקוקט צום נידעריקן, פאררויכערטן סופיט, געפילט ווי די מידקייט ווערט ביסלאכווייז פארשוואונדן פון זיין מוח, ווי דאָס אָנגעשטריינגטע הארץ לאָזט זיך נאָך, די צוזאמענגעדריקטע מוסקולן פון יעדן אבר ווערן ווייכער און עפּעס צאַרטעס, אומבאַגרייפלאכעס, אָבער אויסערגעוויינלאך גוטעס, צוזאַגנדעס און וויכטיקעס פילט לאַנגזאַם איבער זיין גאַנצן וועזן... ווי אַלע מאָל, האָט זיך אים אויך איצט געגומען דאכטן, אז ער ליגט שוין אַזוי חדשים און אפשר גאָר יאָרן און נאָכפאָלגנדיק די פארביקע געדאַנקען, האָט ער געפילט פון וואַנען זיי קומען, ווי אַזוי זיי ווערן געבוירן אין די טיפעניש פון זיין מארך און קלאָר געשפּירט די וועגן, איבער וועלכע זיי טראָגן זיך: צוערשט דורכ'ן מוח, דערנאָך דורכ'ן מארך פון זיין רוקנביין. — — —

פּלוצלונג האָט ווער פון רעכטס, הארט נעבן אים, א שטילן הוסט געגעבן.

די שטילקייט ארום האָט זיך א וויג געטאָן צו די ווינקלען און אָנגעשטריינגט זיך גענומען צוהערן.

באַלד האָט ווער ווידער א שטילן הוסט געטאָן און קוים הערנד געזאָגט:

— מיין פריינט, כ'האָב דיך דערקענט גלייך ווי דו ביזט אריינגעקומען.

גרין האָט זיך צוגעהערט א ווייַלע, לאַנגזאַם אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף רעכטס און דערזען נעבן זיך וועמענס א זיצנדיקע פיגור.

— ווער ביזטו?

— דו האָסט מיך מיט צוויי וואָכן צוריק באפרייט פון א שיכור'ן סאָלדאט, וועלכער האָט געוואָלט מיין זעקל נים צונעמען.

— האַ... דו ביזט עס יענער פּערסיאַנער ?
— יאָ... דו ביזט אַ גוטער מענש...
— קלייניקייטן !... פּיל אָן דיין ליולקע און שווייג.
— פאַרוואָס רויכערסטו ניט ?
— מיין האַרץ אַרבעט היינט ניט איבעריק גוט.

דער פּערסיאַנער האָט שנעל אַריבערגעטראָגן זיין רויכער־געצייג פון׳ם ווינקל, זיך אָוועקגעזעצט און פאַררויכערט.

גרין האָט ווידער געקוקט אויפ׳ן סופיט און מיט פאַרגעניגן געצויגן אין זיך די לופט, וועלכע איז אַלץ געדיכטער געוואָרן פון׳ם פּערסיאַנערס פּיפּקע.

עס זיינען אַריבער ביי אַ צען מינוטן. ביידע האָבן געשוויגן.

— דער אָפּיום איז זייער שלעכט — האָט זיך דער פּער־סיאַנער שטיל אָפּגערופן. — הפּנים, אבאָ־נאַסיף מישט עפּעס צו אים צו...

גרין האָט ניט געפילט ווי דאָס מויל צו עפענען, דאָך אין געדאַנק האָט ער אים געענטפערט, אַז ס׳איז אמת, אַז אבאָ־נאַסיף איז אַ זשעדנער קערל און מען וואָלט געדאַרפט געפינען עפּעס אַ ניי פּלאַץ וואו צו רויכערן.

דער שכן האָט אים ווי פאַרשטאַנען און געזאָגט:

— מאָרגן אין דער צייט וועל איך שוין זיין ביי זיך אין דער היים און וועל רויכערן ריינעם טערקישן.

גרין האָט שנעל אויסגעדרייט דעם קאָפּ:

— ריינעם טערקישן ?

— יאָ... מיינער אַ ברודער איז דאָ ניט לאַנג פון טערקיי געקומען און מיר עטלאַכע פונטן געבראַכט.

— וואו וואוינסטו ? — האָט גרין נאָך אַ פּאַוזע געפרעגט.

— אַ שטונדע גאַנג איבער׳ן גרענעץ, אויף מיין אָפּיום פּלאַנ־טאַציע, — און ער האָט באַלד צוגעגעבען: — אויב דו האָסט מאָרגן אַ ביסל פרייע צייט, זיי מיין גאַסט.

אַ שאַרפע פרייד האָט מיט אַמאָל אַ פינקל געטאָן אין גרינ׳ס מאַרך און ווי באַלויכטן יעדן ווינקל פון זיין גאַנצן קערפּער.

— גוט, איך וועל גיין מיט דיר.

— מיר וועלן זיך מוזן אריבער'גנב.'ענען דעם גרענעץ.

— דאָס איז גאָרניט.

— מאָרגן צען אזייגער אין דער פרי וועל איך וואַרטן אויף דיר אונטער'ן שטאָט, אויפ'ן וועג צו דער פעסטונג, וואו דאָס טייכל צוטיילט זיך אויף צווייען.

— גוט... איך וועל קומען אין א ווייסן סאַרטישן כאַלאַט מיט ברוינע פּאַסן און אין א ווייסער יאַרמולקע.

— איך וועל דיך שוין דערקענען.

אבאַ־נאַסיף האָט זיך באַוויזן אין טיר און געוואָרפן צו זיי א פרעגנדיקן בליק.

גרין האָט א שאָקל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

יענער האָט פאַרשטאַנען און מיט א פּאָר מינוט שפּעטער איז ער שוין געשטאַנען פאַר גרינ'ען אויף די קני און כישופ'נדיק מיט די הענט, געמאַכט פאַר אים די ערשטע ליולקע.

גרין האָט גענומען די פּיפּקע, א טיפן ציי געטאָן אין זיך דעם געדיכטן, שוואַרצן רויך און גלייך דערפילט ווי עפּעס אין אים האָט זיך מיט אמאָל א פּיינלאַכן ריס געטאָן פאַראויס, צועפּנט צוויי שוואַרצע, ברייטע טויערן, פון וואַנען ס'האָט א בלענד געטאָן א דורכזיכטיק ווייסע, מיט געלע שטראַלן דורכגעוועבטע, ליכטיקייט. און איידער ער האָט זי אהין א וואָרף געטאָן, האָט ער דערהערט א פראַגע פון רעכטס:

— ווי אזוי רופט מען דיך, פריינט?

— דניאל... און דיך ווי אזוי?

— קסערקס.

„קסערקס", האָט גרין געטראַכט, „וואָס פאַר א מאָנע נעמען מענטשן זוכן זיך אויס... קסערקס גאָר". און ער האָט טיף אריינגעצויגן אין זיך נאָך א שטראָם שוואַרצן רויך. — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אויפ'ן צווייטן פרימאָרגן, נאָך מיט צען מינוט פריער פאַר

דער באַשטימטער צייט, האָט זיך דניאל געטראָפן מיט קסערקסן ביים טייכל אויסערן שטאָדט.

— דו זעסט אויס ווי אַן אמת׳ער סאָרט — האָט אים דער פּערסיאַנער געמאַכט אַ קאָמפּלימענט. — איך האָב דיך פון ווייטנס ניט גלייך דערקענט.

— האָסט נאָך לאַנג נעכטן אין רויבער־הויז פאַרבראַכט נאָך מיין אַוועקגיין? — האָט אים גרין אַ פרעג געטאָן.

— איך קום אַצינד גלייך פון דאָרטן.

זיי האָבן גענומען גיין אין ריכטונג צו די אָפענע, שטיינערנע סטעפּעס, וועלכע האָבן זיך אויף טויזענטער מיילן ווייט געצויגן צו מזרח צו פון דער שטאָט.

— מיר וועלן זיך מוזן אַ ביסל צואיילן, — האָט קסערקס געזאָגט. — עלף אזייגער בייט מען די וועכטער. מיר מוזן דורכ־גיין ביים אַלטן, וועלכער איז שוין מיד פון די צוויי שעה אַרומ־גיין און איז שטענדיק ווייניקער אויפמערקזאַם פון אַ פרישן אַ נאַכט־וואַך.

זיי האָבן זיך שנעל אויסגעדרייט און גענומען לאַנגזאַם גיין

גיך האָט זיך אויפ׳ן וועג, פון ווייטנס, באַוויזן אַ רייטער, אין וועלכן גרין האָט גלייך דערקענט איינעם פון זיינע אָפיצערן, וועלכער איז, ווי ס׳ווייזט אויס, געפאָרן פון דער פעסטונג נאָך אַ נאַכט וואַכט.

זיי האָבן זיך אויסגעקערעוועט און גענומען לאַנגזאַם גיין צוריק, צו דער שטאָט, פּונקט ווי זיי וואָלטן שפּאַצירט.

ווען דער אָפיצער איז אָנגעפאָרן, האָבן זיי אים באַגריסט, אָנבויגנדיק די קעפּ. ער האָט זיי געענטפערט, צולייגנדיק די האַנט צום דאַשיק, און אַ טרייב געטאָן דאָס פערד.

ווען ער איז שוין אַוועק גענוג ווייט, האָבן זיי זיך פאַרנומען צוריק אויפ׳ן פריערדיקן וועג און גענומען כמעט ווי לויפן.

— גיכער, גיכער!... נאָך צען מינוטן פאַרבליבען, — האָט קסערקס געאיילט, וואַרפנדיק אַלע מאָל אַ בליק אויף די שאָטנס אויפ׳ן זאַמד.

נאָך פינף מינוטן האסטיקן געלויף, זיינען זיי שוין געלעגן צווישן שטיינער און שטעכיקע קוסטן אויפ'ן נויטיקן פּלאַץ און געוואַרט.

דער גרענעץ איז געווען ניט מער ווי אַ פּלאַכער, לאַנגער און שמאָלער גראָבן, וועלכער פלעגט אין צייט פון רעגן זיך אָנפילן מיט וואַסער און איז אין אַ געוויינלאַכער צייט כמעט ווי אינ־גאַנצן פאַרשאָטן געווען מיט זאַמד. דאָס פּלאַץ, וואו זיי זיינען געלעגן, איז פון ביידע זייטן גרענעץ, געווען פאַרוואָרפן מיט קופּעס שטיינער, בערגלאַך געלע זאַמד, ווילדע סטעפּ־קוסטן און איז ווי אַבזיכטלאַך פאַרפאַרטיקט געוואָרן מען זאָל דאָ קאָנען לייכט זיך אַריבערכאַפּן פון איין זייט אויף דער צווייטער.

— דער וועכטער וועט זיך באַלד באַווייזן פון אָט אונטער יענעם בערגל רעכטס, — האָט קסערקס שטיל געזאָגט. — ער מאַכט עס אַצינד זיין לעצטן גאַנג פאַר'ן בייטן זיך... קריך גלייך נאָך מיר און לאָז פון אים קיין אויג ניט אַראָפּ... אויב ער וועט זיך אומקוקן, ווער פאַרגליווערט אין וואָס פאַר אַ פּאָזע זאָלסט זיך ניט געפינען... ריר זיך ניט!...

— גוט, גוט... זיי רואיק...

עס זיינען איבערגעלאָפן עטלאַכע לאַנגע מינוטן.

— ש־ש־ש — ער גייט!

פון אונטער אַ הויכן בערגל רעכטס האָט זיך צוערשט באַ־וויזן אַ היטל און באַלד נאָך דעם איז אויך אויסקעוואַקסן אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס אין האַנט, און ס'האָט זיך דערהערט אַ שטילער פייפן.

זיי האָבן פאַרהאַלטן דעם אָטעם.

די צייט האָט זיך פּלוצלונג ווי אָפּגעשטעלט און איז אַרויס־געפאַלן אויף זיי מיט איר גאַנצער שווערקייט.

דער סאָלדאַט איז דורכגעגאַנגען גאָר נאָענט, געוואָרפן אַ בליק אין זייער זייט, זיך אַרומגעקוקט און רואיק פאָרטגעזעצט זיין וועג, ניט אויפהערנדיק אונטערצופייפן.

גרין האָט זיך דערמאָנט וועגן זיין אייגענעם שפּאַנען מיט'ן ביקס אין האַנט אויף דער וואַך, אַ פּאָר מאָל אפילו אָט איבער דעם זעלבן וועג. ס'איז געווען אין אָנפאַנג פון זיין דינסט, ווען ער איז נאָך קיין „שרייבער" ניט געווען. און ווער ווייסט וויפיל מאָל צענדליקע, פּונקט ווי ער אַצינד, צוזאַמענגעדריקטע מענטשן זיינען געלעגן באַהאַלטן פון ביידע זייטן און געהיט זיין יעדע באַוועגונג.

— נאָך מיר! — האָט קסערקס אַ שעפּטשע געטאָן און שלאַנגיש שטיל און געשווינט גענומען פויזן פון איין שטיין צום צווייטן, פון איין בערגל אונטער'ן צווייטן. אַלע ווײַלע איז ער צו געפאַלן צו דער ערד, געכאַפּט אַ קוק צום אַלץ ווייטער אוועק־גייענדיקן וועכטער און ווייטער געקראָכן.

דניאל האָט אים נאָכגעפאָלגט אויפ'ן זעלבן שטייגער.

מיט פּופּצן מינוטן שפּעטער זיינען זיי שוין רואיק געגאַנגען איבער אַ האַלב צושטערטן וועג, שוין אויף דער פּערסישער זייט גרענעץ, און קסערקס האָט דערציילט:

— אָט אַזוי קום איך אין שטאָט אריין צוויי־דריי מאָל אַ וואָך. ווען כ'טראָג מיט זיך גאָרניט, כאַפּ איך זיך געוויינלאָך אַריבער די גרענעץ ווי היינט. טאָמער אָבער האָב איך מיט זיך אַ זעקל מיט נים אָדער פּרוכטן — גיב איך אַ רוף דעם וועכטער, ער גייט צו, באַטראַכט וואָס כ'טראָג, נעמט זיך אַראָפּ אַ ביסל אין די קעשענעס, קריגט פּופּצן אָדער צוואַנציק קאָפּיקעס און העלפט מיר נאָך אַמאָל אויך אַריבערטראָגן דאָס זעקל איבער'ן גראָב.

די זון האָט זיך דערווייל אַלץ העכער געהויבן, די לופט — זיך אַלץ שטאַרקער אָנגעגליט, ביז זי האָט ענדלאָך אינגאַנצן ווי אויפגעהערט צו בריען, האָט אָבער ווי מיט צענדליקע קלײניגקע האַמערלאַך גענומען קלאַפּן איבער'ן קאָפּ. דער אָטעם האָט זיך געשפּאַרט פונ'ם מויל שווער און געדיכט, די פיס זיינען שוואַך געוואָרן און זיך גענומען אונטערבויגן.

נאָך אַ האַלבע שטונדע גאַנג האָט זיך פון ווייטנס באַוויזן

אַ טונקל ברוינער פּאַס, וועלכער איז גיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רויטן. און וואָס נעענטער זיי זיינען צוגעקומען, אַלץ רויטער און ברייטער איז ער געוואָרן. און עס האָט אויסגעזען, פּונקט ווי ס'וואָלט ווער ריזיג ברייטע, רויט־פּלאַטערנדיקע טעפּיכער אויף מיילן ווייט צואוואָרפן.

— וואָס פאַר אַ רויטע פעלדער זיינען עס דאָרטן? — האָט דניאל אַ פרעג געטאָן.

— דאָס זיינען די אָפּיום פעלדער, — האָט קסערקס געענט־פערט. — אָט דאָס ערשטע רעכטס איז מיינס.

ביידע האָבן אינסטינקטיוו גענומען שפּאַנען אַ ביסל שנעלער.

גיך זיינען זיי שוין געגאַנגען איבער קסערקס'עס פעלד, אַרומ־גערינגלטע, אויף וויפיל נאָר דאָס אויג האָט געקאָנט כאַפּן, מיט שלאַנקע אָפּיום געוויירצן, וועמענס בלומען מיט זייערע פינף דין־זיידענע, בלוט־רויטע בלעטלאַך און שווארצע פינטלען אין דער מיט, האָבן אי געצויגן צו זיך, אי געשראָקן. די הייסע לופט איז געווען אָנגעפילט מיט אַ מין מאָדנעם, בלויז פאַר אָפּיום רויכערער פילבאַרן ריח און די געלע זונען שטראַמען האָבן צוזאַמען מיט די רויטע בלומען שאַטנס געפלאָכטן אַן אויסטערלישע נעץ.

קסערקס האָט לאַסטשענד אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנט אין דער לופטן, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט דאָס גאַנצע פעלד אַ גלעט טאָן, און אַ זיפץ געגעבן:

— זעסט, פריינט, דאָס איז מיין היים... דאָס איינציקע פּלאַץ, וואָס לאַנגווייליגט מיך ניט, וואָס גיט מיר רו און גליק.

קסערקס'עס ליימענע הייזקע איז געשטאַנען אין עק פון זיין פעלד. פון מזרח זייט זיינען די אָפּיום געוויירצן געדיכט צו־געקומען צו דער סאַמע וואַנט און פון די אַנדערע דריי זייטן האָט זי מעכטיג אַרומגענומען אַן אַלטער פרוכטן סאַד. צו מערב צו איז אַרויסגעקומען אַ הילצערנער באַלקאָן, איינגאַנצן אַ פאַרשטעל־טער און פאַרהאַנגענער מיט טעפּ מיט פּראַכטפולע בלומען. אין די ווינקלען פונ'ם באַלקאָן האָבן זיך גענעסט שוואַלבן און מצרים־טויבן האָבן צאַרט־מורמלענדיק זיך געקושט אויף די סלופּעס.

אינוויינינג איז די הייזקע באַשטאַנען פון צוויי צימערלאַך, באַלויכטענע מיט דריי רוסישע פענסטער. די שויבן זיינען געווען אין מיטן ווייס און אַרום די זייטן קינסטלעריש צונויפגעקלעפּט פון קאָלירטע שטיקלאַך גלאָז. די ווענט און טירן — פאַרהאַנגען מיט סאַמעטענע קולימעס און די דילען אויסגעשפּרייט מיט ווייכע שטאָפן. אין יעדן צימער איז געשטאַנען א ווייך־אויסגעבעטע סאָפע און אין די ווינקלען זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן פאַרשידענע פעק און זעק מיט נים און מיט „אריוק" (געטריקנטע אבריקאסן).

דניאל האָט פון זיך אראפּגעווארפן דעם כאַלאַט מיט דער יאַרמולקע, זיך אַרומגעוואַשן און בעת קסערקס האָט אויפגעקאָכט טיי אויפ'ן קעראָסין מאַשינדל, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן באַלקאַן און זיך פאַרטראַכט, קוקנדיק אויפ'ן רויטן פעלד פאַר זיך.

אים האָט זיך גענומען דאכטן, אז דאָס זיינען ניט קיין בלומען פאַר אים, נאָר זיינע אייגענע געדאַנקען זיינען עס אזוי גלוטיקרויט, אז דאָ אויפ'ן רויט־שימערנדיקן פעלד, מעגלאַך טאַקע אויפ'ן זעלבן באַלקאַן, איז ער געבוירן געוואָרן. ווער ווייסט, אפשר איז זיין פריערדיקער לעבן אינגאַנצן א חלום געווען און ער האָט ערשט אצינד זיך אויפגעכאַפּט... וואָס פאַר א פיינלאַכער חלום! הייסט עס, אז קיין זאַך עקזיסטירט ניט? ניט זיינע גרויע, אויסגעמוטשעטע טאַטע־מאַמע, פון וועמענס בליקן עס קוקן ארויס די טויזנט יאָריקע ליידן פונ'ם גאַנצן אידישן פאָלק, ניט זיינע פאַרפייניקטע אין די פּאַגראָמען צוויי שוועסטער, ניט דער גע'הרג'עטער ברודער, אפילו ניט זיינע פערזענלאַכע פריינד און געליבטע?! אַלעס איז א חלום געווען, אָדער גאָר אַן עראינערונג פון א פריערדיקער עקזיסטענץ? ... מעגלאַך, גאַנץ מעגלאַך — — —

און מיט אמאָל האָט ער דערזען, אַז פון די טויזנטער, זיך לייכט באַוועגנדיקע רויטע בלומען פאַנגען אָן זיך ארויסצורוקן דינינקע, צאַרטע פרויען הענט, וועלכע ווערן וואָס אמאָל אַלץ לענגער, רוקן זיך אַלץ נענטער אין דער ריכטונג צו אים. נאָך אַ רגע און זיי שניידן זיך אָן שום ווי איין אין זיין ברוסט, כאַפּן

ווייך אַרום מיט זייערע זיידענע פינגער זיין האַרץ און דריקן עס מיט אַ זיסן ווי צונויף. ער פאַרמאַכט אויף אַ ווײַלע די אויגן און ווען ער עפנט זיי אויף, באַמערקט ער, אַז איבער די לאַנגע, צאַרטע הענטלאַך, אין ריכטונג צוריק צו די בלומען, רינען פון זיין האַרצן דינינקע ריטשקעלאַך בלוט... צוערשט האָט ער זיך דערשראָקן, אָבער באַלד דערקענט, אַז אָט די אַלע הענט באַלאַנגען צו יענער פרוי, וועמען ער האָט אַמאָל אַזוי שטאַרק געליבט און ביי וועמעס נאָמען עס פאַרגייט נאָך אויך איצט אַלע מאָל זיין האַרץ...

„זאָל זיין ווי עס וויל זיך" — טראַכט דנאיל מיד און שליסט ווידער צו די אויגן. אָבער אפילו דורך די פאַרמאַכטע אויגן־דעקלאַך פילט ער די באַוועגונגען און די רויטקייט פון די בלומען, שפּירט די דינע ריטשקעלאַך בלוט, וועלכע לויפן פון זיין ברוסט איבער „אירע" הונדערטע ווייכע הענטלאַך און טראַכט גלייכגילטיק: „זאָל זיין ווי עס וויל זיך... שוין אַלץ איינס..."

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט צוויי יאָר צוריק האָט דנאיל גרין געוואוסט וועגן אַפּיום פונקט אַזוי פיל ווי טויזנדער אַנדערע אינטעליגענטע יונגע־לייט. דאָס מיינט, כמעט ווי גאָרניט. ער האָט געהערט ס'זיינען פאַראַנען אָפּיום רויכערער, אַזעלכע מיאוס'ע, פאַרלאָרענע באַשעפענישן, וועלכע וואַלגערן זיך אַממערסטן שכור'ע אין די גרעסטע זומפּן פון שמוץ און אויסגעלאַסנקייט. און ווען ס'איז אים אַמאָל אויסגעקומען צו לעזן אין די צייטונגען וועגן אַן איבערפאַל פון דער פּאָליציי אויף אַזאַ מין פּלאַץ און וועגן די אַרעסטירטע דאַרטן — פלעגט ער זיך שטענדיק פאָרשטעלן אָדער שמוציגע, אָפּגעריסענע גנבים און אבשייליכע גאַסן פרויען אָדער רייכע, אויסגעלאַסענע חברה לייט, וועלכע ווייסן שוין איינפאַך פון וואוילטאָג ניט וואָס מיט זיך צו טאָן.

און קיין איינציק מאָל איז אים אפילו קיין געדאַנק ניט

איינגעפאלן, אז אַפילו רויכערן איז פונקט אזא אומגליק ווי האלב־צודריקט ווערן פון אַ שווערן וואָגן און זיך נאָכהער דעם גאַנצן לעבן מאַטערן, אז ס'איז פונקט דאָסזעלבע, וואָס זיך צו פּאַרקילן די לונגען אין אַ שיינעם, הייסן זומער טאָג און דערנאָך, אין בעסטן פאַל, די רעשט יאָרן זיך אַרומשלעפּן צווישן לעבעדיקע אַ האלב־טויטער, פון אַלעמען, און וואָס נאָך ערגער איז, פון זיך אַליין, אַ פאַרשטויסענער, און שטיקלאַכוויים אויסשפּייען דאָס לעבן.

א זיכערער אין זיין אייגענער לייטישקייט, גוטסקייט און אויסגעהאַלטנקייט, האָט דנאיל שטענדיק געטראַכט און גערעדט וועגן „יענע מענטשן" ווי וועגן נידריקערע, שוואַכערע פון אים, זיי געהאַלטן בלויז פאַר „מענטשאַלאַך", וועלכע האָבן קיין רעכט ניט צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אויף גאָט'ס שיינער וועלט.

ווען ער איז איין־און־צוואַנציק יאָר אַלט געוואָרן האָט מען אים אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט און דינען איז אים אויסגעקומען אין אַ וווייטער שטאָט אין רוסישן טייל פון מיטעל־אַזיע, נעבן פּערסישן גרעניץ. די באַשטימונג צו דינען אין אַזא ווייטן, פאַר־וואָרפענעם ווינקל האָט אים גראָדע דאָן געפרייט. ער האָט נאָר וואָס געהאַט דורכגעמאַכט אַ שווערע ליבעס־אַנטוישונג און זיך געגנויטיקט אין צעשטרייאונג. דאָס אומבאַקאַנטע אַזיאַ־טישע לעבן, די פאַרשידענע פעלקער מיט זייערע געננג און זיטן האָבן געררייצט זיין נייגעריגקייט און ער האָט זיך מיט פאַרגע־ניגען געקליבן אין וועג אַריין.

און דער לאַנגער דריי־וואָכנדיקער וועג אין די רוסישע „קעלבערנע" באַנען, די נייע פּלעצער, דורך וועלכע ס'איז אים אויסגעקומען דורכצופאָרן, די פיל־פאַרביקע אַזיאַטישע רייכקייט — אַלץ האָט אים באַרואיקט, אָפּגעשטויסן אין אַ ווייטן ווינקעל, דאָס געפיל פון באַליידיקונג און וויי, וועלכעס האָט אים פריער אזוי איינגעשפּאַרט געגאָגט. און דער לעבן אין קאַזאַרמע גופא, אפילו אַ צו שטרענגער, אַ צו שקלאַפישער די ערשטע צייט, איז אויך געווען אינטערעסאַנט פון אָנהייב, און ווען מען האָט אים נאָך די ערשטע זעקס חדשים געמאַכט פאַר'ן „שרייבער" איז

די מיליטערישע דינסט פאר אים איינגאנצן גרינג געווארן.

איין מאָל, דורכגייענדיק מיט זיינעם א לאנדסמאן, באר־מאנעו, אויך א סאָלדאַט, א זייטיק געסל ניט ווייט פונ׳ם מארק, האָט יענער אים אָנגעוויזן אויף א קליינער טירל אין א געלן, ליימענעם פּלויט און א זאָג געטאָן:

— זעסט, גרין, אָט אָ דאָ איז א געהיימער פּריטאַן פון אָפּיום רויכערער...

דניאל איז שטיין געבליבן און מיט מיסטעריעזן באטראכט דעם ליימענעם פּלויט און דעם פלאכן דאך פונ׳ם הויז פון דער צווייטער זייט.

— קוק ניט וואָס אויסערלאך זעט די הייזקע אויס אזוי אָרעם — האָט באומאן א שמייכל געטאָן — אינווייניק איז זי גאנץ רייך איינגעאָרדנט.

— פון וואנען ווייסטו עס?

— דער אָפּיצער פּאפּין האָט מיך א פּאָר מאָל געשיקט אהער.

— ער רויכערט אויך?

— עס ווייזט אויס אזוי...

— קען יעדער איינער אריינקומען אהער?

— ניין... מען מוז טראָגן ציווילנע קליידער און מען דארף אויך וויסן ווי אזוי אָנצוקלאפּן. אנדערש וועט זיך דאָס טירל קיינמאָל ניט עפענען... פּאפּין האָט מיך אויסגעלערנט און כ׳האָב אים צוגעזאָגט עס פאר קיינעם ניט צו דערציילן.

גרין האָט א שפּאָטישן שמייכל געטאָן.

— אויף וועמען ניט איז, אָבער אויף פּאפּינ׳ען האָב איך זיך אזא זאך ניט געריכט — אזא גוטער, שטילער מענטש... דער פיינסטער צווישן אלע אָפּיצערן.

— רויכערן אָפּיום האָט גאָרניט וואָס צו טאָן מיט פיינ־קייט — האָט זיך באומאן אָפּגערופן — דאָס איז ווי א מין קלעפּיקע קראנקייט, ווי א קליפּע... אז עס טשעפּעט זיך אָן, קען מען שוין נאכער זיך קיינמאָל פון דעם ניט באפרייען.

— דומהייטן! א מענטש מיט א ווילנס־קראפט קען מיט

זיך אַלעם טאָן! בלויז אויסגעלאַסענע אָדער פאַרברעכערישע און שוואַכינקע נשמה'לאַך מאַכן גוואַלדן וועגן אומבאַזיגבאַרקייט פון אָפּיום, וועגן קלעפּיקע קראַנקייטן און קליפּעס!...

— ריידן רעדסטו, ברודער, גאַנץ פיין — האָט זיך באומאַן צעלאַכט — אָבער כ'וויים ניט ווי דו אַליין וואָלסט געהאַנדלט, זייענדיק אין אַזאַ לאַגע.

— און איך וויים גראָדע יאָ! — איז דניאל שוין בייז געוואָרן — ערשטנס, וואָלט איך זיך אינגאַנצן צו דעם ניט צוגעוואוינט און ווען עס געשעט יאָ, וואָלט איך עס פּונקט אַזוי אָפּגעהאַקט ווי מיין טאַבאַק רויכערן. די ערשטע פּאָר וואָכן איז, זעלבסט-פאַרשטענדלאַך, שווער, דערנאָך גייט עס איבער.

— ווער ווייסט אָבער מיט וויפיל די קראַפט פון אָפּיום איז שטאַרקער פון טאַבאַק?

— מאַטערט מען זיך מיט אַ וואָך צוויי לענגער. גלויב מיר, אויב מען איז נאָר אַ מענטש ניט קיין שמאַטע, קען מען מיט זיך אַלעם טאָן!

— מעגלאַך — האָט באומאַן צוגעגעבן — איך האָב עס נאָך ניט געפּרוּווט, און וויל עס אויך קיינמאָל ניט קענען!

זיי האָבן פאָרטגעזעצט זייער וועג און שוין פאַר'ן מאַרק האָט גרין פלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר נאָר, ווי אַזוי קלאַפּט מען עס אָן כדי אריינצוגיין אין... יענעם הויז?

באומאַן האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— צו וואָס דאַרפסטו עס וויסן?

— גלאַט אַזוי... כ'וואָלט אַמאָל אַ בעלן געווען אריינצוקומען אַהין און באַטראַכטן ווי ס'גייט דאָרטן צו...

— עס פעלן דיר, אַפּנים, צרות? דאַכט זיך, די קליפּע פאַנגט דיך שוין אָן מוטשען...

— ניין, ניט דאָס... איך האָב שוין פשוט אַזוי פיל געהערט און געלעזן וועגן דעם פאַרשאָלטענעם אָפּיום, אַז כ'מוז ענד-

לאַך מיט מיינע אייגענע אויגן זען וואָס פאַר אַ פּאַסקודסטווע דאָס איז!

— זע, גרין, ס'זאָל דיר נאָר שפּעטער ניט באַנג טאָן: איך האָב געהערט, די טויערן וואָס פירן צום רויכערן זיינען גאַנץ ברייטע, אָבער דער אַרויסגאַנג איז זייער, זייער אַ שמאָלער...

— אָט פון דעם וויל איך זיך טאַקע אויסלאַכן!

— האָסטו ניט באַמערקט ווי געדריקט און בלייך דער אָפּי־צער פּאַפּין איז שטענדיק?

— ווערסט מיך ניט איבערשרעקן — האָט זיך דניאל צעלאַכט — זאָג מיר בעסער די סמנים און זייער מעגלאַך כ'וועל אינגאַנצן ניט גיין אַהין.

— איך קען דיר עס זאָגן, אָבער כ'ראָט דיך זיך ניט צו רוקן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין דער היץ אַריין.

— גוט. איך נעם אָן דיין עצה. אַצינד לאָמיך הערן.

— אַז מען קומט צו צום טירל, גיט מען צוערשט צוויי קלעפּ, דערנאָך דריי, נאָכהער ווידער צוויי און צום לעצט צוויי באַזונדערע קלעפּ. דאָס טירל עפנט זיך דאַן, אַן אַלטער כינעזער באַגעגנט דיך און בויגט אָן דעם קאָפּ. דו בויגסט אויך אָן דיין קאָפּ און זאָגסט שטיל: „אַלעם רואיק". דאַן פירט ער דיך ערגעץ־וואו... מן הסתם אין רויכער־צימער. איך בין שטיין געבליבן אין פאָר־דערשטן צימער, ווייל כ'האָב דעם אַלטן געדאַרפט איבערגעבן אַ צעטל פון פּאַפּין'ען.

— הייסט עס, — האָט דניאל געשמייכלט, — צוויי קלעפּ, דערנאָך דריי, נאָכהער צוויי און צו ענדע צוויי איינציקע?... דער־נאָך קומט: „אַלעם רואיק"?

ביידע האָבן זיך צעלאַכט און זיך צוזאַמענגעמישט מיט'ן רווישנדיקן מאַרק־עולם.

אַ גאַנצן טאָג איז גרין געווען עטוואָס אומרואיק. ער האָט ווי געוואַרט אויף עפּעס, צי אויף ווען, און ווען ער האָט זיך עטלאַכע מאָל פאַרטראַכט, האָט אימיצער אין אים איבערגע־חזר'ט:

„צוויי, דריי, צוויי און צוויי איינציקע... דערנאָך — אַלעס רואיק... נו, און ווייטער וואָס קומט?" — האָט ער זיך אַליין געפרעגט און קיין ענטפער ניט געקראָגן. ווייטער האָט זיך פאַר אים געשפרייט עטוואָס טונקעלעס, אומפאַרשטענדלאַכעס און צו־ציענדיקעס.

— אך, דער ניט־גוטער זאָל עס נעמען! — איז ער אַ פּאָר מאָל בייז געוואָרן — עס לאָזט אין אַן אמת'ן ניט אָפּ... ווי אַ קליפּע... מען דאַרף זען וואָס גיכער צוגיין אהין, באַטראַכטן דאָס שמוציקע געשעפטל און אַ סוף.

צוערשט האָט ער באַשלאָסן צו זיין אין אָפּיום־הייזל ער־שטן זונטאָג. שפּעטער אָבער, ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט צוגעזאָגט זיינעם אַ באַקאַנטן אין שטאָט צו זיין היינט ביי אים. דערביי איז אויך אַ זייטיקער געדאַנק געבוירן געוואָרן, אַז ס'וואָלט ניט שלעכט געווען פאַר איין מאָל אויך „אהין" זיך אַריינצוכאַפּן, אַ קוק טאָן און זיך באַרואיקן... ער וועט טאַקע אויך ביים באַקאַנטן קענען נעמען אַ ציווילן אנצוג.

עפּעס אַ שטימע אין אים האָט אַ פּאָר מאָל געפּרואווט אים וואָרענען געגן עפּעס אַ געפאַר, אים געוואָלט ווי איינריידן, אַז ס'איז ניטאָ צוליב וואָס זיך אַריינצורייסן אין פרעמדע וועלטן, וואו ווער ווייסט וואָס עס קען אים באַגעגענען, וואָס עס קען דאָרטן מיט אים טרעפן.

ער האָט אָבער געלאַכט, אויף יעדן צווייפל געגעבן עטלאַכע באַרואיגענדיקע תרוצים, אַלץ צוגעשריבן צו דער איינגעבוירענער נייגעריקייט פון דער מענטשלאַכער נאַטור נאָך נייע אויספאָר־שונגען און איבערלעבונגען. אָט די נייגעריגקייט האָט ער אונטערגע־שטראָכן אַלס הויפּט־חלוק צווישן מענטשן און חיה, פאַרזיכערט וועמען אין זיין שטאַרקער ווילנס־קראַפט און געבראַכט פילע ביישפּילן פון זיין גאַנצן לעבן — — —

ווען די זון האָט שוין אינגאַנצן געהאַלטן ביים פאַרשווינדן אונטער אַ געדיכטן גרוי־בלויען וואָלקן, און אוונט־שאָטנס האָבן

שוין גאַנץ געדיכט גענומען שפּרייטן זייערע לאַנגע, דורכזיכטיקע הענט מיט די ציטערנדיקע פינגער איבער די גאַסן און הייזער, איז גרין שטיל צוגעקומען צום קליינעם טירל אין דער ליימענער וואַנט, מיט אַ ציטערנדיקער האַנט שטיל אָנגעקלאַפּט און געציילט דער־ביי: — צוויי... דריי... צוויי... איינס... איינס... — ער האָט צו־געוואַרט אַביסל.

„דניאל, וואָס טוסטו?! גיי אוועק פון דאַנען!" — האָט אַ שטימע אין אים אויסגעשריען.

„ס'איז גאָרניט" — האָט אַ צווייטע שטימע געענטפערט, — „עס וועט מיט אים קיין שלעכטעס ניט פּאַסירן... ער איז אַ שטאַרקער מאַן און אַ באַלעבאָס איבער זיינע געפילן".

דאָס טירל האָט ווי פון זיך אליין, מיט אַ שטילן קרעכץ

ער איז אַריין אין אַ האַלב־טונקעלן צימער, דערזען פאַר זיך אַן אַלטע, איינגעבויגענע פיגור און אין ווינקל רעכטס באַמערקט אַ שוואַך ברענענדיק לעמפּל.

דאָס טירל האָט ווי פון זיך אליין, מיט אַ שטילן קרעכץ זיך צוגעמאַכט, און דניאל'ן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פון יענער זייט האָט ווער אַ הילכיקן לאַך געטאָן.

אַ גרויל האָט זיך איבער זיין לייב דורכגעטראָגן. אויף עט־לאַכע סעקונדן האָט ער זיך פאַרלאָרן און פאַרגעסן וואָס ער דאַרף ווייטער זאָגן. ער איז אָבער באַלד צו זיך געקומען און, איינ־האַלטנדיק דעם לייכטן ציטער, שטיל געזאָגט:

— אַלעם רואיק!

די איינגעבויגענע פיגור האָט עפּעס אָפּגעענטפערט און זיך געלאָזט גיין אויף פאָראויס.

גרין איז איר נאָכגעגאַנגען.

באַלד איז ער שוין געשטאַנען אין אַ האַלב־טונקעלן גרויסן צימער. דער ברוינער סופיט איז כמעט ווי געהאַנגען איבער זיין קאָפּ. דער דיל איז געווען אויסגעשפּרייט מיט קליינע, שטרוי־ענע קולימלאַך, די ווענט — אויסגעצירט מיט צייכנונגען פון גרויסע, רויטע, אויסטערלישע בלומען און געלע פליענדיקע דראַ־

קאַנען (שלענג אַזעלכע). עפּעס אַ לייכטער, אָבער שאַרפער שטיקנ־דער, נודנע־זיסלאַכער ריח האָט זיך געשפּירט אין דער לופטן.

אויפ'ן דיל, מיט די פיס אונטער זיך, זיינען אין עטלאַכע פלעצער געזעסן יונגע און אַלטע מענטשן און האָבן גערויכערט. פאַר יעדן פון זיי איז געשטאַנען אַ קליין, שוואַך ברענענדיק, לעמפּל, איבער וועלכן זיי האָבן געוואַרמט די צווייטע עקן פון זייערע ליולקעס און ביי די זייטן האָבן זיך געזען ווייסע שיסלאַך מיט עפּעס אַ טונקעלער מאַסע אין זיי.

שטיל, אָן דעם מינדסטן רויש, האָט איבער'ן צימער גע־שוועבט אַ איידעלע, כמעט ווי אינגעלשע פיגור פון אַן אַלטן כי־נעזער, וועלכער איז אַלע ווײַלע צוגעפאַלן אויף די קני פאַר אַן אַנדער רויכערער און געשיקט, באַוועגנדיק געהיימניספול מיט די הענט, פאַרפערטיקט פאַר אים אַ נייע פּיפקע.

די ערשטע מינוט האָט זיך דניאל'ן דער קאָפּ פאַרדרייט און אויפ'ן גומען האָט גענומען צופּן. באַלד איז עס אָבער אַריבער. ער האָט זיך אײַנגעגלאַנצט בארואיקט און זיך אויפמערקזאַם גענומען אַרומקוקן.

ער איז געווען פאַרוואונדערט און אַביסל אַנטוישט: נאָך די באַשרייבונגען פון די צייטונגען, האָט ער דערוואַרטעט צו זען רייען בעטלאַך איינס איבער'ן צווייטן, איז געווען פּאַרטיק צו הערן פאַרשטיקטע קרעכצן און אויסגעשרייען פון באַוואוסטלאָזע מענער און האַלב־נאַקעטע פרויען, וועלכע וואַרפן זיך אין קאַנ־ווולסיעס.

און אויפ'ן אָרט פון אָט די אַלע שרעקן, האָט ער גאָר דער־זען אַ שטילן, האַלב־טונקעלן צימער, מענטשן רואיק זיצנדיק מיט די ליולקעס אין די הענט און דערהערט ווי צוויי אַלטע סאַרטן, וועלכע זיינען געזעסן אין רעכטן ווינקל, האָבן עפּעס שטיל גערעדט צווישן זיך, ניט אויפהערנדיק צו רויכערן.

ס'איז אים מיט אַמאָל אַזוי גרינג און רואיק געוואָרן אויפ'ן האַרצן.

„דער רוח איז קיינמאָל ניט אַזוי שרעקלאַך ווי מען מאָלט אים", — האָט ער צו זיך זעלבסט אַ שמייכל געטאָן. „איך וועל שוין מאָרגן אָפּגעבן באומאַנ'ען אַ פולן „ראַפּאָרט" (רעכענונג). ער וועט ניט גלויבן, אַז כ'האָב זיך געפילט דאָ אַזוי רואיק און זיכער און זיך אויסגעלאַכט פון אַלע זיינע שרעקן. נו, און אַצינד דאַרף מען זען וואָס ס'וועט ווייטער זיין...

ליכט שפּאַנענדיק איבער די שטרויענע קולימלאַך, האָט ער פאַרנומען אַ פּלאַץ אין נאָענטסטן ווינקל און, קוים איינהאַלטנדיק דעם שמייכל, מיט'ן פינגער אַ רוף געטאָן צו זיך דעם אַלטן כינעזער.

„איין אַקט פון דער קאָמעדיע איז שוין אַריבער ,איצט קומט דער צווייטער... ביזט אַ מאַלאָדטשינאַ, דניאל, אויפ'ן ערן וואָרט אַ מאַלאָדטשינאַ !" — האָט ער זיך זעלבסט געפילט ווי אין אַ באַק אַ קניפּ צו טאָן.

גיך איז שוין פאַר אים געשטאַנען אַ קליין ברענענדיק לעמ־פּעלע און דער אַלטער, מיט'ן אינגעלשן אויסזען, האָט געשווינד גע'כשופ'ט מיט די הענט, מאַכנדיק פאַר אים די ליולקע.

ווען דער אַלטער איז אַוועק, האָט דניאל אויפמערקזאַם באַ־טראַכט די פּיפּקע, זיך איינגעקוקט אין טראָפּן אָפּיום, וועלכער איז אין שיסעלע פריער שוואַרץ געוועזן, און זיך נאָכהער ווי מיט בור־שטין אָנגעפילט, הענגנדיק איבער'ן לעמפּל אויפ'ן שפּיץ פון אַ לאַנגער נאָדל, וועלכע דער אַלטער האָט צווישן צוויי פינגער געשווינד געדרייט. דער טראָפּן איז רואיק געלעגן אין עפענונג פונ'ם צווייטן עק ליולקע און ווי אויף עפּעס געדולדיק געוואַרט. דערנאָך האָט דניאל זיך צוגעקוקט ווי אַנדערע רויכערן, זיך אַליין גע'חדוש'ט צו דער אויסערגעוויינלאַכער לייכטקייט אין זיין גאַנצן קערפּער, צו דער לויטערקייט פון זיינע געדאַנקען.

„נו, קיין שרעקלאַכעס, ברודערקע, איז נאָך דערוויל ביז איצט מיט דיר ניט געשען און איך האָף ס'וועט אויך ווייטער אַזוי זיין".

ער האָט גאַנץ רואיק צוגעטראָגן דעם צווייטן עק פון זיין

ליולקע צו דער אויבערפלאך פונ'ם ברענענדיקן לעמפל. עס האט זיך באלד דערהערט א שטילער זידן און א שווארצער רויך האט זיך גענומען הויבן פונ'ם עפענונג.

„וואס פאר א גערוכטער, זיידענער רויך", האט גרין א טראכט געטאן און אים א ציגעגעבן אין זיך.

און ס'האט אים ווער פלוצלונג ווי מיט אן אייזערנעם רינג דעם האלז צוזאמענגעדריקט און טויזנטער נעגל האבן זיך איינגעגראבן אין זיין מארך. ווי א פארשטיקטער, האט ער זיך גענומען צאפלען מיט'ן גאנצן קערפער. דער צושטאנד האט אבער אנגעהאלטן ניט מער ווי עטלאכע רגע'ס און באלד האט ער מיט אמאל דערפילט פונקט אזוי לייכט און רואיק ווי פריער. בלויז ערגעץ-וואו טיף אין מח האט זיך ווי א לייכטער שטן אוועקגעלייגט און זיך עטוואס באוועגט.

„אפנים דער אפיום איז פארט ניט קיין לייכטע מעשקה... שטארקער פון טאבאק געווים... ווי ער האט זיך עס אויף מיר אווארף געטאן".

און פלוצלונג האט זיך אים אויסגעדאכט, אז ער איז נאקעט און לאזט זיך ביסלאכווייז ארונטער אין ווארימע וואסער. ער האט געווארפן א פארוואונדערטן בליק אויף זיינע מלבושים.

„וואס פאר א רוח?... צי איז דא אין צימער אזוי היים געווארן צי מיך אליין האט עס דער שווארצער רויך אזוי דורכגענומען?... אלנפאלס, אצינד דארף מען נאך א פאר צי טאן פון דער ליולקע און זיך ארויסרוקן פון דאנען... שוין דאכט זיך, אלץ צוגעזען און דורכגעמאכט... און ,אפשר, בעסער איינגאנצן די ליולקע ניט דעררויכערן?... די ווירקונג פילט זיך שוין אפילו אויף מיר אביסל"...

עס האט אבער ווער, ווי אן זיין וויסן, זיין האנט געהויבן, זיין פיפקע איבער'ן לעמפל געווארמט און ער האט נאך עטלאכע מאל אין זיך דעם שווארצן, זיידענעם רויך ארייגעצויגן.

„נו, איצט גיי איך שוין!" — האט ער ענדלאך באשלאסן, פילנדיק ווי זיין גאנצער קערפער נעמט זיך לייכט באוועגן, פילט

זיך אָן ווי מיט ליכטיקייט און פארלירט אינגאנצן זיין וואָג.

„מען דארף גיין!" — האָט ער א טראכט געטאָן — „אמת, מיין מח און ווילן זיינען קלאָר און שטארק, אָבער דער זינדיקער קערפּער איז אביסל שוואך... מען דארף גלייך גיין!"

ער האָט זיך שוין געוואָלט א הויב טאָן פונ'ם פּלאַץ, ווי ער האָט פּלוצלונג אין ווינקל באמערקט א ניט־קלאָרע, אָבער דאָך אזא באקאנטע געשטאַלט.

זיין הארץ האָט זיך א צאַפּל געטאָן.

„ווער קען עס זיין?!" — ער האָט אָנגעשטרענגט געגומען זיך איינקוקן.

פון די שווארץ־זיידענע וואָלקענדלאך רויך אין ווינקל אנט־קעגן אים, האָט זיך לאנגזאַם אויסגעפאָרמירט א געשטאַלט פון א יונגער פרוי און, זיך וואקלענדיק אין דער לופטן, גענומען דערנענטערן צו אים. ביי זיין רעכטער זייט איז דאָס געשטאַלט שטיין געבליבן.

דניאל האָט ניט אָפּגעווענדט דעם בליק פון איר, נאָך אלץ פארנעפּלטן, פּנים און זיין הארץ איז פארגאנגען אין איין לאנגען פלאַטערנדן קלאַפּ.

איר געזיכט איז פּלוצלונג ווי פון אינוויינק באלויכטן געוואָרן און די שאָטנס ארום זיינען פארשוואונדן.

— סאָניא! — האָט דניאל דערשראָקן אויסגעשריען, — דו ביזט עס, סאָניא?!

זי האָט טרויעריק אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— ווי קומסטו אהער? אזוי ווייט פון דער היים?

— איך האָב געפילט ווי שווער דיר איז... בין איך צו דיר געקומען.

— צו מיר?!...

זי האָט א שאָקל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

— צו וואָס? האָסט דאָך מיך אזוי הארצלאָז פארלאָזן אזא קורצע צייט פאר אונזער חתונה... מיט אים ביזטו אוועק, מיט מיין נידערטרעכטיקן פריינט!

איר קאָפּ איז נאָך נידעריקער אַראָפּגעפאַלן.

— נאָך וואָס ביזטו געקומען, סאָניאַ?

— דיך בעטן זאָלסט מיר מוחל זיין. כ'האָב אַזוי געבענקט נאָך דיר!...

— דו... דו ליבסט אים ניט?!

— ניין, כ'האָב געהאַט אַ טעות. כ'האָב זיך גיך געכאַפּט. דו ביזט שוין אָבער דאַן געווען אַוועק...

— און דו ביזט אַזוי ווייט געפאָרן מיך צו געפינען?

— יאַ, איך ליב דיך.

— סאָניאַ טייערע! — טרערן האָבן אים גענומען שטיקן. — איך האָב אַזוי געבענקט נאָך דיר!

זי ווישט די אויגן און לאָזט זיך אַראָפּ צו זיינע פיס.

ווי דורך אַ חלום מערקט דניאל ווי דער אַלטער, מיט'ן אינגלישן אויסזען דערלאַנגט אים שוין די דריטע אָדער די פערטע ליולקע, פאַרשטעלנדיק אויף אַ רגע סאָניאַ'ס געשטאַלט.

„וואָס איז געשען? וואָס טוט זיך עס דאָ מיט מיר?" וויל זיין געדאַנק זיך דורך עפּעס דורכברעכן, וויל אָנגעשטריינגט עפּעס באַגרייפן, אָבער דער געדיכט-שוואַרצער רויך קייטלט זיך שוין ווידער פון זיין פּיפּקע, זיידענע שטראָמען שפּאַרן זיך ענג און לאַס־טשענד אין זיין ברוסט אַריין, און סאָניאַ דריקט זיך צו אים און חזר'ט איבער דורך טרערן.

— ווען דו ווייסט, דניאל!... ווען דו ווייסט...

— ביזטו זיכער, אַז ס'איז אַ טעות געווען? — ער נעמט אירע הענט אין זיינע — ביזטו זיכער אַז די ליבסט אים ניט?!

— יאַ, ליבער... בלויז דיך...

ער קושט אירע הענט און שטיקט אין זיך די טרערן.

— וועסט מיט מיר איצט דאָ פאַרבלייבן?

— יאַ, אויב דו וועסט ערלויבן. איך בין צוליב דעם דאָך געקומען.

— און ווען כ'וועל מיין דינסט ענדיקן, וועלן מיר צוזאַמען אַהיים צו מיינע אַלטע טאַטע־מאַמע פאָרן? ...

— יא, יא, צוזאַמען... וואוהין נאָר דו ווילסט...

ער כאַפּט זי ארום און דריקט צו זיין קאָפּ צו איר ברוסט.

— אך, ווי גוט, ווי ליכט ס׳איז מיר איצט! — ער הויבט אויף דעם קאָפּ, דערזעט איבער זיך אירע, אזעלכע ליבע, פאַר־ווינטע אויגן, און גאָר, גאָר נאָנט די רויטע, לייכט-געשוואָלענע ליפּן. ער דריקט זי שטאַרקער צו זיך, גיט זיך אַ צי מיט׳ן גאַנצן קערפּער אויף ארויף, געפינט אירע ליפּן און בייסט זיך איין אין זיי מיט די ציין.

און גלייך דערפילט ער, ווי זייערע קערפּערס גיסן זיך צוזאַ־מען, דערזעט ווי טויזנטער פילפאַרביקע רינגען נעמען זיך שנעל דרייען ארום זיי, און אַ ליכטיקייט, אַ וועלט מיט העלער ליכטיקייט כאַפּט זיי ארום, דרינגט אין זיי אריין און לייכטע, דורכזיכטיקע, געלייטערטע, הויבן זיי זיך אויף אין דער הויך. זיי פליען אלץ העכער און ארום זיי טראָגן זיך בלויע לופט־שטראָמען און טויזענטער פיל־פאַרביקע רינגען קייטלען זיך ארום זיי, און יעדער איינער באגריסט זיי הילכיק: „געבענשט זאָל זיין אייער קומען! —דניאל—סאָניא! געבענשט — געבענשט!... און די טונקל־בלויע, אומענדלאכע ווייטקייטן לאַכן, הילכן אָפּ: „געבענשט, געבענשט!”...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער אַלמעכטיקער גאָט פון אָפּיום האָט אפילו קיין שמייכל ניט געטאָן, ווען דניאל גרין איז אויפ׳ן צווייטן פרימאָרגן, אַ מידער, אַ בלייכער, ארויס פונ׳ם קליינעם טירל און געבליבן שטיין אַ פאַר־בלענדעטער פון דער העלער זונען־שיין. ער איז באַוועגלאָז גע־שטאַנען אַ פּאָר מינוט, עטלאכע מאָל דורכגעריבן די אויגן, טיף אין זיך ארייגעצויגן די פרישע, פרימאָרגן־לופט, און מיט ניט זיכערע טריט זיך געלאָזט גיין איבער דער גאַס.

דער אַלמעכטיקער גאָט פון אָפּיום האָט ניט געהאַט וואָס צו לאַכן: זיין געלעכטער, די פרייד איבער זיין נייעם זיג וואָלט דאָך אייגנטלאך אים אַליין געדאַרפט באַליידיקן, אָפּשוואַכן זיין שווי־דערלאַכע גרויסקייט, זיין אומגעהייערע קראַפט. וואָס פאַר אַ באַ־דייטונג האָט, אין אַן אמת׳ן, פאַר אים, וועמעס שקלאַפן בלאָנדזשען

אין די צענדליקע טויזנטער בלייכע, פארביינקטע, אין אלע ווינקע־לאך פונ׳ם ערד־קוגל, וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט פאַר אים נאָך אַ שקלאַף? ניט מער ווי אַ זעמדעלע ביים ברעג פונ׳ם ים, אָדער אַ טראָפּן אין די לויפנדיקע וואַלן.

דניאל איז לאַנגזאַם געגאַנגען איבער די אַזוי גוט באַקאַנטע גאַסן, אָבער אַלעס ארום האָט אים אַצינד אויסגעזען, אויב ניט אינגאַנצן פרעמד, איז אַלנפאַלס אַזוי מאָדנע, אַזוי אויסערגעוויינ־לאַך. זיין געדאַנק האָט פיבעריש געאַרבעט, אָבער ער האָט בשום אופן ניט געקענט קלאָר באַגרייפן פון וואָס ער טראַכט. געפילט האָט ער אָבער, פונקט ווי ער וואָלט צודריקט געווען, פונקט ווי זיין גאַנצער קערפּער וואָלט פלאַך געוואָרן. און אַ געפיל פון שאַרפער אומרו האָט ערגעץ־וואו אין אַ ווינקל פון זיין נשמה גע־פלאַטערט, אַ געפיל, אַז עפּעס שרעקלאַכעס איז געשען, און אַז עס איז ניט נאָר ניט פאַראיבער, נאָר עס שטייט דראָענד פון אַלע פיר זייטן ארום אים און שרעקט און פּרעסט.

אַ ביסל שפּעטער האָט אַ געדאַנק זיין מידן באַוואוסטזיין דורכגעשניטן, אַ געדאַנק, אַז וואָס ס׳איז שוין דאָרטן ניט געשען איז פאַרפאַלן, אָבער מער אַהין וועט ער שוין קיין מאָל ניט גיין, סיידן... סיידן... אָבער טיף אין אים האָט גלייך אַ ניט־גלויביקער, שפּאָטישער געלעכטער אָפּגעקלונגען. דער זעלבער וועמען ער האָט נעבעכן פאַרנאַכט דערהערט אַריבערשפּאַנענדיק די שוועל פון יענעם פאַרשאָלטענעם הויז. און ס׳האָט אויך ווער אים גלייך וועגן סאָניע׳ן דערמאָנט, וועגן אירע רייד און נאָענטקייט און ער האָט געפילט, ווי זיין אַמאָליקע ביינקשאַפט ערוואַכט און ציט אים מיט אַן אומגעהייערער קראַפט צוריק אַהין, אין יענעם הויז, וואו זי איז פאַרבליבן, וואו זי וואַרט אויף אים, וואו עס געפינט זיך די טיר צו יענער בלויער אומענדלאַכקייט, וועלכע האָט זיי מיט אַזוי פיל העלער פרייד און ליכטיקן שיין עמפּפאַנגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס האָסטו זיך אַזוי טיף פאַרטראַכט? — האָט דניאל דער־הערט נעבן זיך קסערקסעס שטימע.

ער האָט אויפגעציטערט און איז צו זיך געקומען.

אויפ'ן טיש זיינען געשטאַנען צוויי טאַסעס טיי און אין עט-לאַכע קליינע טעלערלאַך זיינען געלעגן געלע און גרינע ראָזשינקעס און צוקערקעס. א שיסל מיט „אַריוק" (געטריקנטע אבריקאָסן) האָט אויסגעזען פונקט ווי מען וואָלט זי אָנגעפילט מיט שטיקער בורשטין.

— אפנים ניט קיין לייכטע געדאַנקען האָבן דיין מח אָנגע-פילט, — האָט קסערקס א זיפץ געטאָן. — טרינק טיי... ווייסט, שווערע געדאַנקען זיינען פונקט ווי שיינע פרויען: וואָס מער מען גיט זיך זיי איבער, אַלץ שווערער ווערט אויפ'ן הארצן און אַלץ ווייניקער האָט מען פון זיי.

דניאל האָט אָפגעזיפצט.

קסערקס האָט צוגערוקט צו אים זיין טאַסע טיי, געקוקט פאַר זיך א פאָר מינוט און געזאָגט:

— דאָ ביי זיך אויפ'ן רויטן פעלד באזוכן מיר קיין מאָל קיינע שלעכטע געדאַנקען... בלויז אין שטאָט איז מיר שווער.

— יא, — האָט דניאל א זיפץ געטאָן. — דיין פעלד איז זאָנדערבאַר.

— שוין צוואַנציק יאָר אז די רויטע בלומען וואַקסן ארום מיין הויז, אָבער מיר דאַכט זיך, אז אַלע יאָר דערציילן זיי מיר גאָר א נייע, אַלץ א מער שפּאַנענדיק, מער געהיימניספול מעשה'לע...

ביידע האָבן געשוויגן עטלאַכע מינוטן קוקנדיק פאַר זיך פאַר-טראַכט.

— דערצייל מיר, ווי אזוי וואַקסט דיין אָפּיום, — האָט דניאל א בעט געטאָן, אויסטרינקנדיק זיין טאַסע טיי.

— ניטאָ קיין סך צו דערציילן, — האָט קסערקס א שמייכל געגעבן. — אָבער אַרבעט איז פאַראַן גענוג... ענדע מאַי זעצט מען שוין אין צוגראָבענעם פעלד די קוים אָנזעענדיקע פלאַנצונגען, וועלכע ווערן נאָך מיט א חודש פריער אויסגעוואַרמט אין ווינטער-נעסטן, באדעקטע מיט גלאָז. אויב עס גייען לייכטע, ווייכע רעגנס, נעמען זיי שנעל וואַקסן און די בלומען ווערן גרויס און ברייט.

שפּעטער פאַרוואַנדלען זיי זיך אין מאָן־קעפּלאַך. עטלאַכע טעג אײדער די קעפּלאַך ווערן פאַרטיק, באַדעקן זיי זיך מיט אַ געדיכטן, ווייסן מאָך. דאַן מאַכט מען איינשניטן אין דער ברייט אָדער לענג פון די דינע שטרויסן, פון וועלכע דער רויער אָפּיום־סאָק רינט אַרויס.

— און מען קען אים שוין גלייך רויכערן?

— ניין. כדי אים צו קענען רויכערן מוז מען אים פריער עטלאַכע מאָל קאָכן און קילן מיט וואַסער.

זיי האָבן לאַנג געשוויגן. דערנאָך האָט גרין געזאָגט:

— איך טראַכט, פון וואַנען נעמען אָט דיזע בלוט-רויטע, אַזוי צאַרט אויסזייענדיקע בלומען זייער שווידערלאַכע קראַפט? פון וואַנען האָט זיך דער אָפּיום איינגאַנצן אויף דער וועלט גענומען?

— ווער ווייסט, — האָט קסערקס אַ שמייכל געטאָן. — מענשן טראַכטן אימער אויס מעשה׳לאַך, כדי פאַר זיך אַליין צו פאַרענטפערן דאָס, וואָס זיי ווילן און קענען ניט פאַרשטיין. פאַר־איאָרן האָט מיר אַ כינעזער אַ מעשה׳לע וועגן אורשפּרונג פון אָפּיום דערציילט... אויב דו ווילסט וועל איך עס דיר איבערדער־ציילן...

דערצייל! איך וועל דיך זייער דאַנקבאַר זיין.

קסערקס האָט געטראַכט אַ פּאָר מינוט, געקנייטשט דעם שטערן און שטיל, ריטמיש אָנגעפאַנגען:

— איין מאָל, נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק, האָט אין איינעם פון די שטעט אין דרום־כינאַ געוואוינט אַ וואונדער־שיינע מיידל מיט׳ן נאָמען יאַ־פיאַן. די גאַנצע שטאָט האָט באַוואונדערט איר שיינקייט, גערעט וועגן איר, און אירע עלטערן זיינען זיכער געווען, אַז זי וועט זיין אַ פרוי פון אַ רייכן מאַנדאַרין (אַדעליקן). צו אַכצען יאָר האָט זי זיך איין מאָל באַגעגנט מיט וואַנען, וועלכער איז געווען דער שענסטער בחור אין דער גאַנצער געגנט, און זיי האָבן זיך פונ׳ם ערשטן בליק פאַרליבט איינער אין צווייטן. זיי־ערעביידנס עלטערן זיינען געווען דאַגעגן דעם שידוך, ווייל זיי זיינען געווען אָרעם און האָבן געהאָפט אַרויסצוקריגן פערזענ־

לאַבע נוצען פון דער שיינקייט פון זייערע קינדער. די יונגע געליבטע האָבן זיך גענומען טרעפן שטילערהייט, האָבן אַלץ גע־בויט פּלענער פון זייער צוקינפטיגען גליק און געזוכט די בעסטע וועגן ווי אזוי עס צו ערגרייכן... עס האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז צו יענער צייט איז די שיינע יאַ־פיאַן פלוצלונג קראַנק גע־וואָרן. מעגליך זי האָט זיך שטאַרק פאַרקילט, ווי די דאָקטוירים האָבן עס דערקלערט, און מעגליך עפּעס אַ שלעכטער גייסט, וועל־כער האָט זיי זייער גליק ניט פאַרגונען, אָדער איז גאָר, אפשר אַליין אין איר פאַרליבט געווען, האָט אויף איר דעם אומגליק אָנגעשיקט. ווער ווייסט? מיט איין וואָרט, זי איז קראַנק גע־וואָרן און איז גיך געשטאָרבן. די גאַנצע שטאָדט האָט זי באַ־וויינט, איז נאָך איר טויטן קערפּער נאָכגעגאַנגען, אָבער ערגער פון אַלעמען איז געווען דעם שיינעם וואַנען. זיין ברוסט איז צו קליין געווען פאַר'ן גרויסן וויי און דער מח איז ווי צומישט געוואָרן פון אומערטרעגלאַכן פּיין. ווי אַ וואַנזיניקער איז ער טאָג און נאַכט אַרומגעלאָפן איבער די אַרומיגע פעלדער און וועל־דער, זיך געוואָרפן מיט זיין קליינעם שיפל אין די מיילער פון די ריזיגסטע וואַסער־בערג, ווען דער ים האָט געברויזט אַן אויפ־געריגטער. קיין זאַך האָט אָבער ניט געקענט באַרואיקן זיין בענקענדיק האַרץ... ענדלאַך איז ער אויך קראַנק געוואָרן און מיט האָפנונג דערוואַרט דעם טויט. איין מאָל, ווען ער האָט זיך אין אַ שווערן שלאָף פאַרגעסן איז יאַ־פיאַן צו אים געקומען און געזאָגט: — הער, געליבטער, דיין ליבע איז אזוי גרויס און הייליג, אַז זי איז אימשטאַנד מיך צוריק לעבעדיק צו מאַכן. ווייס, אַז איך בין טויט, אָבער מיין האַרץ לעבט אין מיין ברוסט. שפּעט ביינאַכט, ווען די גאַנצע שטאָט וועט שלאָפן, גנב'ע זיך אריין אויפ'ן בית עולם, נעם פאָרזיכטיק ארויס מיין האַרץ און באַהאַלט עס גלייך אין קליינעם, סאַמעטענעם קעסטעלע, וועלכעס איך האָב דיר פאַר מיין טויט געשענקט. באַהאַלט דאָס קעס־טעלע ביי זיך אויפ'ן געלעגער און הונדערט טעג און נעכט נאָכ־אַנאַנד בעט גאָט ער זאָל אונז צוריק דאָס אַלטע גליק שענקען...

ווען וואָן האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער גלייך ווי אַ געזונטער פון׳ם געלעגער אַראָפּ און אין דער זעלבער נאַכט האָט ער געטאָן אַלץ וואָס זי האָט אים געהייסן. הונדערט טעג און נעכט האָט ער נאָכהער גאָט געבעטן אים זיין געליבטע צוריק צו שענקען און מיט אַ געדיכטן וואָלקן פון טרערן, גלויבן און הייסע וואונשן אַרומגערינגלט דאָס קליינע קעסטעלע. ווען די צייט איז אַריבער, האָט ער געעפנט דאָס קעסטעלע און דערזען, אַז פון׳ם האַרץ איז אויסגעוואַקסן אַ קלייניניקע יאַ־פּיאַן, גאָר, גאָר אַ קלייניניקע יאַ־פּיאַן, אָבער שכל און ליבע האָט זי געהאַט פּונקט ווי אַ גרויסע. זי האָט גענומען וואַקסן פון טאָג צו טאָג מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט. אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז זי געוועזן כמעט פּונקט אַזוי גרויס ווי ווען זי איז געשטאָרבן. וואָן האָט זי געהאַלטן באַהאַלטן ביי זיך אין צימער, האָט קיינעם קיין וואָרט וועגן גרויסן נס ניט דערציילט און זיך געקליבן ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַוועקצופאָרן מיט איר אין אַנאַנדער טייל לאַנד און זיך דאָרטן באַזעצן.

איינמאָל האָט אָבער וואָן׳ס אַ שלעכטער אָנקל אונטערגעהערט אַ שטילן געשפּרעך צווישן וואַנען און יאַ־פּיאַן. ער האָט געמיינט, אַז זיין שוועסטער־קינד לעבט באַהאַלטענערהייט מיט אַ גאַסן מיידל, און איין מאָל, ווען וואָן איז אין דער היים ניט געוועזן, איז ער מיט דער הילף פון אַ נאָכגעמאַכטן שליסל אַריין צו אים אין צימער און דערזעענדיק דאָרטן יאַ־פּיאַנען, איז ער שטאַרק דערשראָקן געוואָרן, מיינענדיק אַז דאָס איז דער גייסט פון דער פאַרשטאָרבענער. אַליין ניט ווויסנדיק וואָס ער טוט, האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף איר און זי דערשטיקט... ס׳איז אוממעגלאַך צו באַשרייבן וואָנ׳ס פאַרצווייפלונג, ווען ער איז אַהיים געקומען און געטראָפן זיין געליבטע אַ טויטע. ער האָט ניט געוואוסט ווער עס האָט עס געטאָן, ס׳איז אים שוין אָבער אַלץ איינס געוועזן. ער איז אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד און פעסט באַשלאָסן, אַז אַזוי וועט ער ליגן ביז זיינע כוחות וועלן אים אויסגיין...

ביינאַכט איז יאַ־פּיאַן צו אים ווידער געקומען און געזאָגט:

— אצינד איז שוין אַלץ פאַרפאַלן: קיין קראַפט אין דער וועלט קען מיך שוין צוריק לעבעדיק ניט מאַכן. איך פיל אָבער דיין גרויסן פּיין און איך קען בלויז דיר לייכטער מאַכן דעם ווייטאָג איבערצוטראָגן. הער... אויף מיין קבר וועט זיך מאָרגן פרי צו־לאָזן אַ העל־רויטע, צאַרטע בלום. גיי אַהין, רייס זי אָפּ, טריקן זי אויס און קאָך עס אָפּ אין אַ קליין טעפּעלע. נאָכהער לאָז עס זיך אָפּשטיין, גים אויס די וואַסער פון אויבן און דאָס אונטערשטע, דאָס געדיכטע, קנעט אויס ווי אַ שטיקל טייג. קויף זיך אַ רויִ־בער־ליולקע און אַ קליין לעמפּעלע. און ווען ס'וועט דיר שוין גאָר שווער ווערן, לייג אריין אַ שטיקל פון דער מאַסע אין דער ליולקע, האַלט זי איבער'ן ברענענדיקן לעמפּעלע און ציִ אין זיך דעם רויך. דאַמאָלסט וועט דיר גלייך גרינג ווערן: איך וועל צו דיר קומען און מיר וועלן זיין גליקלאַך ווי פריער — — —

קסערסק האָט געשוויגן אַ ווײַלע און טרויעריק פאַרענדיקט:

— און אַט אַזוי איז געקומען אָפּיום אויף דער וועלט... און דער פאַרליבטער, ליידנדער וואַן איז געוועזן דער ערשטער רויכערער...

און די בלום פון וועלכער אָפּיום איז דערשינען טראָגט פון דאַן אָן דעם נאָמען „יאַ־פיאַן" אין אנדענקען פון יענער שיינער אומ־גליקלאַכער מיידל — — —

זיי האָבן ביידע געשוויגן. די זון האָט זיך לאַנגזאַם געזעצט. די שטראַלן האָבן זיך צוערשט פּאַוואָלי אַראָפּגעלאָזט פונ'ם דאַך אויפ'ן טיש און אויפמערקזאַם דורכגעקוקט די צוויי ליידיקע טאַ־סעם און די טעלער מיט די ראָזשינקעס. פון דאָרטן זיינען זיי אַריין אין דער שיסל און גאָלדיק זיך אַ שפּיל געטאָן מיט'ן „אָריוק", אָנפילנדיק מיט לעבעדיקן גאָלד זיין בורשטיניקייט. דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגעצויגן אויפ'ן דיל, זיך אַ רוק געטאָן איבער די צוויי טרעפּלאַך פונ'ם באַלקאָן און שוין גאַנץ געשווינד זיך גענומען יאָגן איבער'ן רויטן פעלד, שפּרינגענדיק פון איין בלומען־קעפּל אויפ'ן צווייטן, אין ריכטונג צו דער פאַרגייענדיקער זון.

פון דעם צווייטן עק פעלד און פון אונטער'ן הויז האָבן זיך לאַנגזאַם גענומען אַרויסרוקן לייכטע אוונט־שאָטנס. זיי האָבן

פּאַרזיכטיק אַריבערגעקוקט איבער'ן פלויטל פונ'ם באַלקאָן, האָבן צוזאַמענגעדריקטע זיך געשלייכט צווישן די שטרויסן פון די אַפּיום געווירצן, זיך מורא'דיק געצויגן אַרויף צו די קעפּלאַך און נאָכער, זיכערע, אַז די זונען־שטראַלן זיינען שוין ווייט, האָבן זיי שנעל און געשיקט גענומען שפּינען זייער נאַכט־געוועב אַרום די רויטע בלומען.

גאָר נידריק, אין מערב־זייט, וואו דער הימל איז האַרט צו־געפאַלן צו דער ערד, האָט זיך אַ טונקל־בלויער וואָלקן־פּאַס אויס־געשפּרייט און האָט ביסלאַכווייז אַריינגעצויגן אין זיך די זון. און ווען בלויז איין קליין קיילעכיק געל־פלאַמנדיק רייפעלע האָט נאָך פון דאָרטן אַרויסגעקוקט, באַגיסנדיק מיט'ן לעצטן גאָלד די עטלאַכע גרוי־ווייסע וואָלקנדלאַך האָט דניאל שטיל אַ פרעג געטאָן:

— פילסטו שוין ניט, פּריינט, ווי אַ ליולקע אויסצורויכערן?

קסערקס האָט צוויי מאָל פּאַוואָלי אָנגעבויגן דעם קאָפּ, איז נאָך געזעסן פאַרטראַכט אַ פּאָר מינוטן, ווי וואַרטנדיק אויף עפּעס, דערנאָך זיך מיט אַמאָל אויפגעהויבן.

— קום! — און זיך געלאָזט גיין אין הויז אַריין.

דניאל האָט אויפגעציטערט און איז אים נאָכגעגאַנגען.

דורכגייענדיקביידע צימערלאַך איז קסערקס שטיין געבליבן ביי דער לעצטער וואַנט, צענומען די צוויי הענגענדיקע קולימעס און דורך אַ נידריק טירל זיינען זיי אַריין אין אַ דריטן, גאָר אַ קליי־נינקען צימערל. דער סופיט איז דאָ געווען אַזוי נידריק, אַז מען האָט געקענט שטיין פריי בלויז אויף די קני; די ווענט זיינען גע־ווען באַשלאָגן מיט רויטע און ווייסע הילצערנע שטעקעלאַך, דער דיל אויסגעשפּרייט מיט אַ זילבער־גרויען, סאַמעטענעם קולים, אויסגעהעפט מיט געלע דראַקאָנען. אַ קליין פענסטערל איז אַרויס־געקומען אין פעלד אַריין און דורך דער ווייסער שויב האָבן ווי אַריינגעלאָכט די בלוט־רויטע בלומען.

קסערקס האָט פונ'ם ווינקל אַרויסגעקראָגן צוויי העלפאַנט־ביינערנע, פיין־געשניצטע פּיפּקעס, אַ וויים, פּאַרצעלייען שיסעלע

מיט אַ געדיכטער טונקעל־ברוינער אַפּיום־מאַסע און צוויי רויטע לעמפלאַך.

ניט אויסרעדנדיק קיין וואָרט האָבן זיי זיך ביידע אָוועק־געזעצט אויפ'ן דיל. און בעת קסערקס האָט פאַר זיי ביידן פאַר־פערטיקט די ליולקעס, האָט דניאל זיך איינגעקוקט אויף די ווייס־רויטע ווענט און געטראַכט וועגן דער מעשה'לע, וועלכע ער האָט נאָר־וואָס געהערט. און געדאַכט האָט זיך אים אַז יאַ־פּיאַן איז זי, סאָניא, און ער אַליין איז דער געטרייער, ביינקנדיקער וואַן.

ביידע האָבן פאַררויכערט און זיך אויסגעצויגן אויף זייער לינקער זייט: עס זאָל זיין באַקוועם צו וואַרימען די פּיפּקעס. דער רויך האָט זיך געהויבן אין דער לופטן, געבליבן הענגען אונ־טער'ן נידעריקן סופיט, וואו ער האָט זיך ביסלאַכווייז אין אַ גע־דיכטן שוואַרצן וואָלקן פאַרוואַנדלט. קיין צווייפל, אַז נאָך עט־לאַכע שטונדן רויכערן האָט ער געמוזט זיך ביז'ן דיל אַראָפּלאָזן און איינהילן די רויכערערס אין זיין זיידענעם שלייער.

שוין ענדיגענדיק די צווייטע ליולקע האָט דניאל שטיל אַ פרעג געטאָן:

— ווי לאַנג רויכערסטו שוין, קסערקס?

— צוועלף יאָר. און דו?

— צוויי יאָר.

דניאל האָט טיף אין זיך אריינגעצויגן אַ שטראָם רויך און ווידער געפרעגט:

— ביזטו געווען אַמאָל פאַרליבט, צי פאַרהייראַט?

— פאַרליבט קיינמאָל ניט, אָבער איין מאָל פאַרהייראַט.

— נו, און וואָס?

— גאָרניט... ווען זי איז געשטאָרבן, איז ווי אַ שווערער שטיין אַרונטער פון מיינע פּלייצעס. כ'האָב נאָך דאַן מיט אַ יאָר פריער אָנגעפאַנגען צו רויכערן. כ'האָב באַשלאָסן מער אַזא דומהייט ניט צו באַגיין: קיין ווייב זיך מער ניט צו קויפן.

— פאַרוואָס?

— פון פרויען איז גוט בלויז אמאָל צו טרוימען. דאָס בע־סטע אין דער וועלט איז אַ ליולקע גוטען אַפּיום.

און פּלוצלונג האָט זיך אין דער שטילקייט דערהערט דניאל׳ס אַ טיפער זיפץ, כמעט אַ קרעכץ:

— און מיין געליבטע, וועלכע האָט מיך אמאָל פאַרראַטן, קומט צו מיר יעדעס מאָל, ווען איך פאַררויכער נאָר מיין ליולקע.

— דאָס איז בלויז צייטווייליק. דער אַפּיום וועט גיך פאַר דיר זיכער שענערע זאַכן אנטפּלעקן און זי וועט, ווי אַנדערע פרי־ערדיקע קלייניקייטן, פאַרשווינדן פון דיין זכרון.

ביי אַ האַלבע שטונדע איז אין קליינעם צימערל שטיל געווען. יעדער פון זיי האָט שוין צו צוויי, דריי מאָל באַנייט זיין פּיפּקע און געררויכערט זיך באַקוועם אויסציענדיק אויפ׳ן קולים.

— עך, קסערקס, אפשר ווייסטו וואָס איז פאַרט דער זין פונ׳ם מענטשנ׳ס לעבן?!

— זעלבסט־נאַרעריי! — האָט זיך דערהערט אַ רואיקער און זיכערער ענטפער דורך אַ וואָלקן שוואַרצן רויך — זעלבסט־נאַ־רעריי דורך פאַרשידענע מיטלען נאָכ׳ן פאַרשטאַנד פון יעדן איינעם.

— זעלבסט־נאַרעריי, — האָט אין זיך איבערגע׳חזר׳ט דניאל און ניט געוואָלט און ניט געקענט עפענען דאָס מויל אויף צו ענט־פערן, אָבער געטראַכט האָט ער: „זאָל זיין זעלבסט־נאַרעריי... אבי ס׳איז גוט, אבי מען קריגט וואָס מען פאַרלאַנגט, אַבי מען קען זיך נאַרן.״ מיט פאַרנעבלטע אויגן האָט ער זיך איינגעקוקט אין פענסטערל, דורך וועלכן עס האָבן אריינגעקוקט פונ׳ם פעלד די שוין כמעט שוואַרצע בלומען.

און באַלד האָט ער געגומען מערקן, ווי אַלע בלומען גיסן זיך צוזאַמען, ווערן אין איין גרויסער בלוטיקער בלום פאַרוואַנדלט. און פון איר מיט נעמט זיך בישלאַכוויז ארויסרוקן סאָניע׳ס פּנים מיט אַ ליבלאַכן שמייכל אויף די ליפּן. אָט שפרינגט זי איינ־גאַנצן ארויס פון דער בלום, גליטשט זיך אריין דורכ׳ן פענסטער און בלייבט שטיין פאַר אים.

— ווי אַזוי האָסטו עס מיך אָפּגעזוכט דאָ, אויף קסערקס׳ס פעלד?

— איך בין אימער מיט דיר.

— אָך, סאָניאַ, ווי גוט מיר איז אַצינד און ווי שווער!

— עס דאַרף זיין בלויז גוט! — זי נעמט אַרום זיין האַלז מיט ביידע הענט.

— ווייסט, טייערע, איך ענדיק שוין גיך מיין דינסט און מיר וועלן פאָרן אהיים צו מיינע אַלטע טאַטע־מאַמע... פאַרשטייסט, שוין עטלאַכע חדשים, אַז איך שרייב זיי ניט. איך קריג אַלע וואָך, מיט טרערן און געבעט דורכגעוועבטע, בריף, וויל זיי ענט־פערן און... קען ניט! אַצינד, ווען כ׳בין מיט דיר, האָב איך געגנוג מוט זיי דער אמת וועגן אַלעם ארויסצושרייבן... איך פיל זיך די לעצטע צייט אַזוי שולדיק... כ׳בין ווי אַ געפאַלענער...

— רואיק, מיין איינציקער, נאָר רואיק. אַביסעלע מוטיקער. אַזוי לאַנג ווי איך בין מיט דיר, וועט אַלעס זיין גוט. איך וועל פאָרן מיט דיר וואוהין נאָר דו וועסט וועלן, — זי טראָגט אים אַליין אונטער אירע ליפּן און ציט זיין קאָפּ צו זיך.

— עך, סאָניאַ, ליבע! — ער כאַפּט זי אַרום און דריקט צו זיינע ליפּן צו אירע — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַרום זיי נעמען זיך שוין דרייען פילפאַרביקע רינגען און די בלויע לופט־שטראָמען פילן אָן זייערע קערפּערס מיט אַ בלוי־קייט און לייכטקייט און זיי נעמען זיך הויבן אַלץ העכער און העכער.

— אַ זעלבסט־נאַרעריי — ענטפערט דניאל און צולאַכט זיך פּלוצלונג.

— דאָס לעבן איז אַ זעלבסט־נאַרעריי! — דערטראָגט זיך פון ערגעץ־וואו טיף הינטן קסערקס׳עס שטימע.

— אַ זעלבסט־נאַרעריי, — שרייט אויס סאָניאַ, פריילעך לאַכנדיק און טוליעט זיך צו אים.

— אַ זעלבסט־נאַרעריי, — קלינגען נאָך די בלויע לופט־

שטראָמען, זיך טראָגנדיק איבער זיי, דורך זיי און ארום זיי און הויבנדיק זיי אַלץ העכער און העכער.

— אַ זעלבסט־נאַרעריי! — הילכן אָפּ די בלויע ווייטקייטן מיט אַ רוישיקן געלעכטער, זיך קייקלענדיק און זיך שפּרייטנדיק אָן אַן עק און אָן אַ סוף. און פון דער אייביקייט ענטפערט זיי שטיל און גלייכגילטיק אָפּ אַ ווידער־קול:

— אַ זעלבסט־נאַרעריי... אַ זעלבסט־נאַרעריי...

ווען באַנדעכאַן טאַ־טזון

די ניט־ברייטע, ווייס־זאמדיקע גאס האָט, ניט דערלויפנדיק א צען טריט צום יונגן טאָפּאָל־וועלדל, זיך שוין גענומען שמעלן און פאר׳ן סאמע וועלדל זיך שארף צוטיילט אויף צוויי ווייסע, קראָקווע־סטעזשקעס. רעכטס — צום מארק, לינקס — צום טייך.

שוין א יאָר פופצען, אז בא דער צוטיילונג פונ׳ם ווייסן וועג זיצט אלע טאָג דער אַלטער כינעזער טזון און פארקויפט „אַריוק״ (געטריקנטע אבריקאָסן).

אַלע פרימאָרגן, ארום צען אזייגער, באווייזט ער זיך צווישן די יונגע טאָפּאָלן, אויף דער שמאָלער קראָקווע־סטעזשקע, וועלכע לויפט פונ׳ם מארק. ער גייט לאַנגזאַם, שלעפּט עטוואָס נאָך די פיס, דאָס פּנים מיד און צוקנייטשט, דער בליק געזונקען צו דער ערד. אויפ׳ן רעכטן אקסל הענגט א קליין, ווייס זעקל מיט אַריוק און דער קאָפּ מיט׳ן גאַנצן לינקן האַלבן קערפּער ציען זיך בא יעדן שפּאַן נאַכלעסיק עטוואָס לינקס.

אין וועלדל איז שטיל. די יונגע שלאַנקע טאָפּאָלן העלן אין דער האלב־טונקלקייט מיט די צאַרטע, ווייסע שטאַמען און רוישן איינגעהאַלטן און קלוג מיט די זילבערנע, לענגליכע קעפּ. דאָס גראָז איז הויך און זאַפטיק גרין.

פארבייגייער זיינען דאָ פאראַן א סך און יעדער איינער קען און באַגריסט דעם אַלטן כינעזער טזון:

— א גוטער מאָרגן, טזון. גוט זיך אויסגעשלאָפן?

— א גוטער מאָרגן. גוט. זייער גוט!

דער אַלטער בויגט פאר יעדן עטוואָס אָן דעם קאָפּ, ענטפערט

מיט א שמייכל, אָבער סיי דאָס אָנבויגן, סיי דער שמייכל זיינען קונציקע, ווי געצוואונגענע. זיין בליק שטעלט זיך זעלטן ווען אָפּ אויף אימיצנס פּנים לענגער ווי אויף א פּאָר רגע'ס און באַלד זוכט ער שוין ווידער קאַלט און צוטראָגן עפּעס אויף דער ערד פאַר זיך.

פאַר אָפּיצערן און באאמטע בויגט ער גאָר נידעריק אָן דעם קאָפּ, מיידט איינגאַנצן אויס זיי אין פּנים אריין צו קוקן. דאָס דינע מויל זיינס קרימט זיך עטוואָס פיינליך צונויף, דער זוכנדי־קער, צושטרייטער בליק פינקלט מיט אמאָל אויף, אָבער באהאַלט זיך גלייך אין זיין אייגענער שווארצקייט און די קנייטשן אויפ'ן אַלטן פּנים לויפן זיך נאָך מער צוזאמען.

— דו לעבסט נאָך אַלץ, אַלטער טזון ?!

— יא. אזוי איז דער ווילן פון די יעניקע, וועלכע זיינען איבער אונז.

בלויז ווען ס'קומט אים אנטקעגן א כינעזער, שטעלט זיך דער אַלטער אָפּ. דער כינעזער בלייבט אויך שטיין און, ווען ס'איז קיינער ארום ניטאָ, לעגט ער צו ביידע הענט צו דער ברוסט און בויגט טיף אָן דעם קאָפּ.

— א שיינער טאָג, מיין זון!

דעם כינעזער'ס קאָפּ לאָזט זיך אראָפּ נאָך נידעריקער.

— נו, גיי, מיין זון, און זאָל דער הימל אָפּהיטן דיין יעדן טראָט.

נאָך דעם ווי דער כינעזער פאַרשווינדט, שטייט טזון א ווײַלע פארטראכט, און פלוצלונג גלייכט זיך זיין אַלטער קערפּער אויס, דער קאָפּ הויבט זיך הויך, די אויגן צינדן זיך אָן מיט האַס און פאַראַכטונג. עטלאכע מינוט שטייט ער אזוי קוקנדיק פאַר זיך מיט ברענענדיקע בליקן, דערנאָך נעמט ער גיין טריט בא טריט, פאַרייסנדיק הויך דעם קאָפּ, און נאָך די באוועגונגען פון זיינע אקסלען און הענט דאכט זיך, אז ער טראָגט א ברייטן, רייכן מאַנטל, וועמעס פּאָלעס עס שלעפּן זיך אים נאָך איבער דער ערד. — —

נאָר אָט באווייזט זיך ווער אין עק גאַס. טזון ציטערט אויף, זיין פּנים קנייטשט זיך פיינליך צונויף, דער גאַנצער קערפּער בויגט

זיך איין, פאַלט ווי אַראָפּ פון עפּעס, און די אויגן לעשן זיך אויס. ער מאַכט צורעכט דאָס זעקל אַריוק אויף די פּלייצעס, באַגריסט, אומרואיק־שמייכלענדיק, דעם פאַרבייגייער און גייט ווייטער נאָכ־שלעפּנדיק די טריט. פון זיינעביידע זייטן מויל לייגן זיך אוועק צוויי לאַנגע קנייטשן, ווי צוויי פאַרגליווערטע שמייכלען, פון וועלכע עס לאַכט ביטער אַרויס דער האַס פון אַ באַזיגטן.

אַ גאַנצן טאָג גייען מענשן פון דער אויבערשטער טייל שטאָט אין מאַרק אַריין, פונ׳ם מאַרק צום טייך און צוריק. טזון זיצט אויף אַ נידעריק־אָפּגעהאַקטן שטאַם פון אַ בוים, אויף דער ערד פאַר אים שטייט דאָס אָפענע זעקל מיט פאַרקאַטשעטע ברעגן פון וועלכן עס קוקט אַרויס אַ שפּיציקע קופּע מיט ברוין־גאָלדיקן אַריוק. בא דער זייט ליגט אַ בלעכן קריגעלע — די מאָס מיט וועלכער דער אַלטער מעסט אָפּ די קונים זיין סחורה.

מענטשן איילן זיך, מענטשן גייען לאַנגזאַם פאַרביי, פילע שטעלן זיך אָפּ נעבן אַלטן כינעזער, וואַרפן זיך איבער מיט אַ פּאָר ווערטער, קויפן אַ קריגעלע אַריוק, אָדער כאַפּן אַזוי אַ פּאָר און זעצן פאַר זייער וועג.

אַרום צוויי־דריי אַזייגער טרייסלט טזון אויס דאָס ליידיקע זעקל, לייגט עס אויפמערקזאַם צונויף, בינדט עס איבער מיט אַ גרין שטריקל, וואָס ער האַלט פאַר דעם תמיד באַהאַלטן אין קעשענע, און גייט פּאַוואָלי, שוין מיט׳ן וויס־זאַמדיקן וועג, צו זיך אין שטיבל, אין עק שטאָט נעבן אַ באַוול־פעלד.

איין מאָל אין וואָך, דאָנערשטיק, אויספאַרקויפנדיק די סחורה, גייט ער ניט אַהיים, נאָר לאָזט זיך איבער׳ן שמאָלן קראָקווע־וועג צוריק אין מאַרק אַריין. דאָנערשטיק איז דער טאָג ווען ער פירט אונטער דעם חשבון און צאָלט אָפּ דעם סאַרט נאַסורבאַיעוו, בא וועמען אין קלייט ער קריגט די גאַנצע וואָך אַריוק אויף באָרג. דערנאָך כאַפּט ער זיך אַריין צו לאַ־יאַנגן, אַ רייכן כינעזער, וועל־כער האַלט אין מאַרק אַ קלייט פון פאַרשיידענע כינעזישע סחורות.

ביי לאַ־יאַנג׳ן פאַרברייננגט ער ביז׳ן אָוונט, הערט אויס אַלע שטאַטישע נייס, קוקט דורך און פאַרנעמט מיט זיך עטלאַכע כינע־זישע צייטונגען, וועלכע קומען פאַר אים אָן אויף לאַ־יאַנגס אַדרעס און ווען ס׳ווערט שוין גוט טונקל, לאָזט ער זיך גיין צו זיך אין שטיבל. אַמאָל פירט אים לאַ־יאַנג צו ביז זיין טיר, נאָר אַם מערסטן גייט ער אַליין. און ווען לאַ־יאַנג וויל אים אָפּפירן, מורא האָבנדיק ער זאָל אין דער פינסטערניש ניט פאַלן, גיט דער אַלטער אויף אים אָן אומצופרידענעם קוק און דער רייכער סוחר דער־שרעקט זיך און לאָזט געהאָרכזאַם אַראָפּ זיין קאָפּ.

* * *

היינט איז דאָנערשטיק. טזון איז אַ גאַנצן טאָג זייער אומ־רואיק. זיצנדיק פאַר׳ן זעקל אָריוק, וואַרפט ער אָפּט נערוועזע בליקן צום צפון׳דיקן טייל הימל, וואו עס דרימלט, קוים אָנזעענדיק זיך, אַ ווייסלאַכע, פולע לבנה. און יעדעס מאָל צינדן זיך אין זיינע בליקן שוואַרצע פייערלאַך, די פינגער באַוועגן זיך שנעל און צי־טערנדיק, זיין גאַנצער קערפּער ציט זיך קאָנוואולסיוו אַרויף צו דער בלייכער, צושוואומענער לבנה.

דריי אַזייגער האָט שוין פונ׳ם אינגאַנצן איינגעדרייטן זעקל נאָך בלויז אַרויסגעקוקט אַ קליין בערגעלע אָריוק, אַזוי אַ צוויי־דריי קריגלאַך. טזון האָט נאָך צוגעוואַרט עטלאַכע מינוטן, פאַרביי־געלאָזט אַ פּאָר רייטער, אַ סאַרט, אַ צוויי סאָלדאַטן, ווידער זיך אויפמערקזאַם איינגעקוקט אין דער לבנה און מיט אַמאָל אַ הויב געטאָן דאָס זעקל און דער אָריוק האָט אַ פלי געגעבן און איז פאַר־שוואונדן אין געדיכטן גראָז.

טזון האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן אויף צוריק, ווי וועלנדיק פאַר־האַלטן דעם פליענדיקן אָריוק, זיך אָבער באַהערשט, רואיק אויס־געטרייסלט און צונויפגעלעגט דאָס זעקל, עס איבערגעבונדן מיט׳ן גרינעם שטריקל און זיך לאַנגזאַם געלאָזט גיין איבער דער ווייסער קראָקווע־סטעזשקע אין ריכטונג צום מאַרק.

זיינע פיס האָבן זיך אַצינד ניט נאָכגעשלעפּט, די ברוסט האָט זיך שנעל געהויבן, די בליקן האָבן עפּעס געזוכט אין דער האַלבער

שאַטנדיקייט פון די טאָפּאָל־בוימער און זיך אָפּט געצויגן ארויף, עפּעס זוכנדיק אין בלויען הימל. ער האָט זיך אָבער פּעסט אין די הענט געהאלטן, געצאַמט דעם גאַנג, געצאַמט די געפילן און זיך געצוואונגען צו שפּאַנען רואיק, טריט ביי טריט, ווי אין אַלע דאָנערשטיק׳ס פון אַ גאַנצן יאָר.

אין מאַרק איז טזון דאָס ערשטע אריין צום סאַרט נאַסור־באיעוו אין פּרוכט־קראָם. ער האָט העפלאַך באַגריסט די פּאָר אָנגעשטעלטע און באַשיידן געבליבן שטיין אָן אַ זייט. עס האָט גענומען אַ צען, פופצען מינוטן ביז דער בעל־הבית איז צו אים צוגעגאַנגען.

די ערשטע פינף מינוטן האָט טזון געוואַרט געדולדיק. זיין בליק איז געווען רואיק געווענדט צום פענסטער, דורך וועלכן מען האָט געקענט זען אַ האַלבן מאַרק און איבער אים אַ שטיק בלויען הימל. דערנאָך האָט אַ שאַרפע אונגעדולד גענומען הויבן זיינע פּיס, צונויפּציען די פינגער, אויפ׳ן שטערן זיינען ארויס דינע קנייטשן, די אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט אַ בייזן פייערל. ער האָט זיך אָבער באַהערשט, מיט גוואַלד אויסגעגלייכט דעם צו־קנייטשטן שטערן און פאַרלאָשן דעם בייזן גלאַנץ פון די אויגן.

מיט פינף מינוטן שפּעטער האָט ער שוין ווידער געברענט פון כעס און אונגעדולד. אַ שטראָם מיט בייזע, אונצופרידענע ווערטער האָט זיך פון זיין ברוסט געריסן און די הענט האָבן זיך אין פויסטן געבייַלט. ער האָט זיך אָבער ווידער באַהערשט, ארויפגעלעגט ביידע הענט אויפ׳ן פּנים, צונויפגעדריקט די שלייפן און ווען ער האָט די הענט אַראָפּגענומען איז שוין זיין פּנים געווען אינגאַנצן רואיק.

ווען דער בעל־הבית איז מיט זיינע קאַטשקע־טריט און פעטן בייכל פּאַראויס צוגעקומען און אים באַגריסט, האָט אים טזון גע־ענטפערט שוין מיט אַ רואיקן שמייכל.

— נו, ווי גייט עס, אַלטער?

— אויסגעצייכנט.

— דו ביסט, ווי ס'ווייזט אויס, צופרידן מיט דעם וואָס דו פאַרמאָגסט ?!

— יא. איך דאַרף ניט מער ווי אַ ביסל רייז צום עסן, אַ ביסל וואַסער צום טרינקען און ביינאַכט אַ האַנט צוקאָפּנס.

נאָסורבאַיעוו האָט זיך הויך צולאַכט, אַ צופּ געטאָן דאָס האַלבּ־גרויע, שפּיציקע בערדל און אויפגעלייגט אַ קלאַפּ געטאָן טזונ'ען איבער'ן אַקסל:

— אַך ביסטו אַ שוטה, אַלטער, אַך ביסטו אַ קונדס! אַביסל רייז, וואַסער און אַ האַנט צוקאָפּנס? ניט מער?... נו, און ווי איז מכח געבראָטענע לעמערנע פלייש, רייז געקאָכט אין פעטס מיט ראָזשינקעס, גוטן ווין?... — ער האָט זיך צוגעבויגן אַביסעל. — נו, און ווי איז עפּעס וועגן דעם בעסטן פון אַלע מאכלים, וועגן אַ פּאָר שיינע ווייבער?... דאָס איז ביי דיר גאָרניט?... כאַ־כאַ־כאַ! רייז דאַרף ער, וואַסער און אַ האַנט צוקאָפּנס!...

ווען נאָסורבאַיעוו האָט אַרויסגעלייגט זיין האַנט אויף טזונס אַקסל, האָט זיך דעם אַלטנס בליק באַליידיקט אָנגעצונדן און זיין קאָפּ האָט זיך מיט שטאָלץ און פאַראַכטונג אַ דריי־אויס געטאָן צו אים. עס האָט אָבער געדויערט בלויז אַ רגע. באַלד איז ער שוין ווידער געשטאַנען מיט אַ לייכט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געדולדיק זיך צוגעהערט צו יענעמס רייד.

די זון האָט זיך גענומען זעצן. אירע שטראַלן צונטער־גאָל־דיקע, לייכט געבויגענע, האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן די פענסטער פון דער פרוכטן־קלייט און העל אָנגעצונדן אַלע זייערע שויבן.

טזון האָט געוואָרפן אַ בליק צום הימל און פעסט און רואיק איבערגעשלאָגן דעם בעל־הבית'ס רייד:

— איך איִל זיך. וויפיל קום איך דיר פאַר הייַנטיקער וואָך?

— גאָרניט, — האָט זיך נאָסורבאַיעוו צושמייכלט. — מיין שכן לאַ־יאָנג האָט מיר געכטן פאַר דיר אַלעס באַצאָלט.

דער אַלטער האָט מיט קיין זאַך ניט אַרויסגעוויזן זיין פאַר־וואונדערונג אָדער אומצופרידנהייט. בלויז דער רעכטער ווינקל פון זיין אויבערשטער ליפּ האָט קוים באַמערקנד אַ ציטער געגעבן.

— אויב אַזוי, אַ גוטע נאַכט.

* * *

לאַ־יאַנג האָט פון דער טונקלהייט פון זיין קראָם, נאָך פון וויטנס, באַמערקט דעם צוקומענדיקן טזונ׳ען. ער איז, זיך איילנ־דיק, אַראָפּ פונ׳ם הויכן ביינקל, אויף וועלכן ער איז נעבן געלט־קעסטל געזעסן, אים אַנטקעגן געגאַנגען און ברייט פאַר אים צו־עפנט די טיר.

ווען דער אַלטער איז אַריין אינוועניק, האָט דער בעל־הבית זיך פאַר אים טיף פאַרנייגט. דאָס זעלבע האָבן געטאָן די דריי אָנ־געשטעלטע כינעזער, וועלכע זיינען ביים אַלטנס אַריינקומען באַ־וועגלאָז געבליבן שטיין אין די פּאָזעס, אין וועלכע זיי האָבן זיך געפונען. זייערע פּנימ׳ער זיינען בלייך און אָנגעשטריינגט געוואָרן און בעת טזון איז פּאַוואָלי דורכגעגאַנגען די לייג פון דער גאַנצער קראָם און איז אַריין אין לאַ־יאַנג׳ס פּריוואַטן צימער, זיינען זיי געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ און בליקן געווענדעט צום דיל.

לאַ־יאַנג אַליין איז מיט ערפּרוכט נאָכגעגאַנגען טזונ׳ען און איידער צו פאַרמאַכן הינטער זיך די טיר פון זיין צימער, האָט ער עפּעס אַ מאַך געטאָן מיט די הענט צו זיינע אָנגעשטעלטע. זיי האָבן אים פאַרשטאַנען. איינער האָט גלייך צוגעשטעלט וואַסער אויפ׳ן פייער, דער צווייטער האָט גענומען וואַשן די גלעזער און דער דריטער איז פלינק אַרויס און באַלד צוריקגעקומען מיט פּעק־לאַך צוקערקעס, טייטלען, ראָזשינקעס, פייגן און מאַנדלען. פון אַ הינטערשטן קעסטל האָט מען אַרויסגענומען אַ קליין פּעקל טיי, וועלכעס איז געווען איינגעוויקלט אין עטלאַכע זילבער־פּאַפּירן און פאַרנייט אין זייד. דער עלטסטער פון די אָנגעשטעלטע האָט עס

פאַרזיכטיק געעפנט, היטנדיק קיין איינציק בלעטעלע זאָל ניט פאַר־פאַלן גיין. דאָס איז געווען קעניגלאַכע טיי, פונ׳ם ערשטן צו־זאַמענקלייב.

אין הינטערשטן צימער, ביים טיש נעבן פענסטער, איז גע־זעסן טזון און פאַרטראַכט געקוקט אויף דער בלייכער לבנה, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קליין, קיילאַכדיק וואָלקנדל. אַנטקעגן אים איז ניט זיכער אויף זיין שטול געזעסן לאַ־יאַנג און מיט פאַרטיקייט און איבערגעבנהייט געקוקט אויפ׳ן גאַסט.

די ערשטע עטלאַכע מינוטן האָבן ביידע געשוויגן.

— צו וואָס האָסטו נעכטן באַצאָלט פאַר מיר דעם חוב נאַ־סורבאַיעוו׳ן ?

לאַ־יאַנג האָט זיך פאַרלוירן, ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן, די פאַרב אויף זיין פנים האָט זיך געביטן. ענדלאַך האָט ער גע־ענטפערט :

— דער זשעדנער הונט נאַסורבאַיעוו האָט זיך פאַר מיר באַ־קלאָגט, אַז זיין גאַנצער פאַרמעגן איז אין חובות און צווישן די יעניקע, וואָס זיינען אים שולדיק געלט, אויך אָנגערופן דיין נאָמען... כ׳האָב עס ניט געקאָנט פאַרטראָגן... ער איז זייער אַ זשעדנער, נאַסורבאַיעוו ,און דערצו אַ גרויסער נאַר...

טזונס פנים האָט זיך פאַרוואָלקנט, אָבער גלייך זיך אויס־געגלייכט. ער האָט אפילו אַ שוואַכן שמייכל געגעבן. דערנאָך ארויסגענומען פון קעשענע זיין בייטל, אָפּגעציילט אַ פעקעלע געלט און עס אוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש :

— אָט איז דאָס געלט.

לאַ־יאַנג׳ס פנים האָט זיך ווייטאָקדיק צונויפגעדריקט. ער האָט מיט געבעט אַ קוק געטאָן צום גאַסט :

— צו וואָס ? פאַרוואָס באַליידיקסטו מיך ?

טזון האָט אויף אים אַ שטריינגען קוק געטאָן :

— דערפאַר ווילסטו מיך באַליידיקן ?

לאַ־יאַנג האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— נעם דאָס געלט. דו ווייסט, אַז ווען כ׳וועל זיך נויטיקן

אין פריינטלאכער הילף, וועסטו זיין דער ערשטער, צו וועמען איך וועל זיך ווענדן.

לאַ־יאַנג האָט פאַרזיכטיק גענומען דאָס פעקל געלט און עס אַריינגעוואָרפן אין אַ שופלאָד פונ׳ם טיש מיט אַזאַ אויסדריק, פונקט ווי ס׳וואָלט געווען אַ פעקל שמוץ.

דער עלטסטער פון די אָנגעשטעלטע האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און אויף אַ טאַץ אַריינגעבראַכט צוויי טאַסעס טיי און אַרום זיי עטלאַכע טעלערלאַך מיט נאַשעריִיען. ניט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ האָט ער אָוועקגעשטעלט די טאַץ אויפ׳ן טיש, זיך טיף פאַרנייגט און שטיל אַרויס פון צימער.

טזון האָט גענומען אַ טאַסע טיי און ערשט ווען ער האָט זי שוין אָוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש אַ ליידיקע, האָט לאַ־יאַנג גע־נומען טרינקען זיין טאַסע.

עטלאַכע מינוטן האָבןביידע ווידער געשוויגן.

דערנאָך האָט דער אַלטער שטיל און דייטלאַך געזאָגט:

— ווייסטו, לאַ־יאַנג, אַז היינט איז די צווייטע לבנה־נאַכט? און אין דער צווייטער לבנה־נאַכט פון הײַנטיקן חודש איז איינער פון אונזערע הייליקסטע יום־טובים?

לאַ־יאַנג האָט געקוקט אויף אים אַ פאַרוואונדערטער, כמעט אַ דערשראָקענער.

— ניין. מיין נאַרישע קאָפּ געדיינקט ניט וואָס פאַר אַ יום־טוב ס׳איז היינט.

— היינט איז די הייליקע נאַכט פונ׳ם געטלאַכן קאַן־פו־צזי... די נאַכט, ווען זיין נשמה וואַרט אויף איינגענעמע קרבנות און לויב־געזאַנגען.

לאַ־יאַנג האָט אַ דערשראָקענער זיך אַ הויב געגעבן פונ׳ם פלאַץ. זיינע שמאָלע אויגן זיינען געווען ברייט צועפנט. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויפ׳ן הימל:

— ביסט ווי אימער גערעכט... היינט איז די נאַכט פונ׳ם הייליקן קאַן־פו־צזי. — — —

נאָך אַ פּאַוזע האָט טזון באַפוילן:

— שיק אַוועק צוויי פון דיינע מענטשן צו מיר אַהיים. זאָלן זיי דאָרטן אַביסל ריין מאַכן, פאַרהיינגען די ווענט מיט קולימעס, אויסהיינגען די הייליקע אויפשריפטן, פאַרזאָרגן אַ ווייסע, יונגע טויב פאַר אַ קרבן. זאָל דער דריטער דינער לאָזן וויסן אונזערע פריינט, אַז טאַי־טזון, דער געזעצלאַכער באַגדעכאַן (קיסר) און הערשער פון כינע, וועט היינט אַליין ברייינגען קרבנות און ריידן צו דער נשמה פונ׳ם הייליקן קאָן־פו־צזי!...

דער אַלטער האָט זיך אויסגעגלייכט, זיין פּנים האָט אָנגענו־מען אַ באַפעלנדיקן אויסדרוק, די אויגן האָבן געברענט.

לאַ־יאַנג איז געשטאַנען פאַר אים מיט׳ן קאָפּ געבויגן ביז׳ן טיש. — — — — — — — — — — — — — — — — — —

* * *

ווען טזון מיט לאַ־יאַנג׳ן זיינען צוגעקומען צו דעם אַלטנס שטיבל, איז שוין אין דרויסן געווען פינסטער. ס׳האָט זיך אָבער געפילט, אַז די פינסטערניש איז אַ צייטווייליקע, אַז ערגעץ־וואו פון אונטן, באַהאַלטן הינטער די הייזער און בוימער, געפינט זיך אַ פולע לבנה, וועלכע וואַרט בלויז אויף אַ צייכן זיך ברייט און ראַזש אַ לאָז צו טאָן איבער׳ן טונקל־טרויעריקן הימל און אים ברייט פאַרגיסן מיט איר זילבער־קלינגענדיקער פרייד.

פונ׳ם שטיבל האָבן דורך די בוימער שוואַך געלויכטן צוויי פייערלאַך־פענסטער.

— אַלע זיינען שוין זיכער דאָ! — האָט לאַ־יאַנג שטיל געזאָגט.

דער אַלטער האָט שווייגנדיק אַ שאָקל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

פון בייטאָג אָן, זינט ער האָט געלאָזט וויסן לאַ־יאַנג׳ן וועגן ביינאַכטיקן יום־טוב, איז ער ווי גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. ער איז אינגאַנצן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יענעם שטאָלצן, באַפעל־געבענדיקן מענטשן, וועלכער פלעגט מינוטן־ווייז זיך דורכרייסן

דורך טזונ׳ען דעם אריוך־פארקויפער, אויסגלייכן זיין אלטע פלייצע, איהם הויך דעם קאפ פארדייסן און אנגיסן דעם מידן בליק מיט שטאלץ און פאראכטונג.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום שטיבל, איז לא־יאנג פארלאפן טזונ׳ען דעם וועג און צועפנט פאר אים די טיר. דער רויש פון שטימען, וועלכער האט זיך פריער פון אינוועניק געהערט, איז מיט אמאל שטיל געווארן. דאס שטיבל איז געווען פול מיט כינעזער. איניקע זיינען געשטאנען, אנדערע זיינען געזעסן אויפ׳ן דיל מיט די פיס אונטער זיך. אלע האבן טיף אנגעבויגן די קעפ. עטלאכע, פון די זיצנדיקע, האבן אנבויגנדיק זיך, צוגעדריקט זייערע שטערנס צו דער פאדלאגע און אזוי פארבליבן ביז דער אלטער איז לאנגזאם פארבייגעגאנגען און פארשוואונדן הינטער א שווארצזיידענעם, מיט געלע דראקאנען געשטיקטן פארהאנג, וועלכער האט אפגעטיילט איין קלענערן טייל פונ׳ם צימער.

אלע האבן זיך שטיל אויסגעזעצט אויפ׳ן דיל, טרויעריק אראפגעלאזט די קעפ און געדולדיק געווארט.

גיך האבן זיך פון הינטער׳ן פארהאנג דערהערט שטילע, מעלאדישע קלאנגען ווי פון קלאפן אין א מעשענער טאץ. די קלאנגען האבן אנגעהאלטן עטלאכע מינוטן, דערנאך האט זיך דער פראהאנג לאנגזאם צונומען איןביידע זייטן.

עס האט זיך אנטפלעקט א קליינער פיל־פארביקער טעמפל. די ווענט באהאנגען מיט טונקעלע סאמעטענע קולימעס און רייך דראפירט מיט פאסיקע פארבן זייד. דער הויפט טאן איז געווען שווארץ מיט געל. אין די ווינקלען האבן געברענט קופקעס געלע ליכט. פונ׳ם סופיט האבן אראפגעהאנגען קאלירטע לאמטערנעס, די ווענט זיינען געווען געדיכט באהאנגען מיט פירעקיגע, טונקעלע ברעטלאך, אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעקריצט אדער אנגעשריבן די קלוגסטע אויסדריקן פונ׳ם הייליקן קאנפוצי. פון ביידע זייטן זיינען געשטאנען צוויי גרויסע וואזעס, אין וועלכע ס׳האבן זיך געדרויכערט שמעקענדיקע קרייטאכער. רעכטס איז געשטאנען

א קליין טישעלע, אויף דעם איז געלעגן געבונדן א ריין־ווייסע טויב. נעבן איר א מעסער און א געלן פודל.

* * *

טזון איז געשטאנען אין מיטן פונ'ם קליינעם טעמפל מיט א שטריינגן, כמעט פארגליווערטן, פנים. ער האט ניט געקוקט אויף די טיף געבויגענע פאר אים קעפ, נאר ערגעץ־וואו אין דער ווייט, איבער זיי. ער איז אינגאנצן געווען איינגעוויקלט אין א שווארצן, לאנגן כאלאט, אויפ'ן קאפ האט ער געטראגן עפעס א מאדנע קליין, שווארץ היטעלע מיט צוויי געלבלאכע קיילכלאך, וועלכע האבן אראפגעהאנגען אויף הינטן. פון אונטער'ן היטעלע האט זיך אראפ־געגליטשט א קורצער צאפ.

ער האט פארלייגט א פוס איבער א פוס, זיך אראפגעזעצט אויף א קישעלע, געזעסן א פאר מינוטן מיט צוגעמאכטע אויגן און שטיל גענומען ריידן. און זיין קול, פונקט ווי זיין גאנצער אויסזען, איז געווען עפעס א נייער, האט געקלונגען מיט אנט־פלעקונג, האט געצויגן און געשראקן מיט א נס.

ער האט גערעדט לאנגזאם און יעדעס ווארט איז געפאלן א דורכגעפילטס, א שווער־הייסעס פון די סאמע טיפענישן פון זיין ברוסט.

— מיין פאלק, מיינע ארימע קינדער! היינט, לכבוד דעם יום־טובֿ פונ'ם הייליקן קאן־פו־צזו, שלעפ איך אראפ פון זיך די סליידער און דעם שקלאפישן אויסזען פונ'ם ארימען אריוק־פאר־קויפער און ווער צוריק פארוואנדלט אין באגדעכאן (קעניג) טאי־טזון, וועמעס דור עס ציט זיך פאר הונדערטער יארן נאך פון די דורות פון די אומשטערבלאכע הערשער: פוסי, שאי און סיא. דער גרויסער שיסאנטי פון דער משפחה צזין איז געווען מיין אור־אור־זיידע, דער זעלבער שיסאנטי, וועלכער האט פאראייניקט די אפגעשוואכטע, מיט בלוט פארגאסענע כינע, זי געמאכט פאר א שטארקע מלוכה און גענומען בויען די גרויסע כינעזישע וואנט.

מיין אור־זיידע טאי־טזון, וועמענס נאמען כ׳האב די ערע צו טראגן, איז געווען איינער פון די קלוגסטע באגדעכאנען, וואס כינע האט אמאל געהאט. ער האט ערארבערט קארעא, צושפרייט אלע גרענעצן און ליטעראטור און וויסנשאפט האבן זיך פאר אים צובליט ווי קיינמאל פריער. — — — די פארשאלטענע מאנדזשורן זיינען אבער שפעטער אנגעפאלן אויף אונזער ארים לאנד, עס פארוויסט, געמאכט א מאנדזשור פאר א באגדעכאן, פארטיליקט איין טייל פון אונזער קעניגלאבן דור און דער צווייטער האט געמוזט זיך אויס־באהאלטן און אנטלויפן. אבער ניט שטענדיק וועט עס אזוי בלייבן. מיר זיינען אצינד די שוצלאזסטע און פאראכטעטע נאציאן אויף דער וועלט. יעדעס פאלק פילט זיך שטארקער פון אונז, קאן אונז באליידיקן אומבאשטראפט און האלט אין זיין באוואפנטע האנט א טייל פון אונזער פרייהייט, א טייל פון אונזער לאנד. עס וועט אבער גיך קומען א סוף צו דעם: דער הימל און די ערד, די גייסטער פון אלע אונזערע הייליקע וועלן אונז קומען צו הילף. איך ווארט בלויז דער געטלאכער קאן־פו־צזו זאל מיר זיין צייכן געבן״.

געגאלטע קעפ מיט לאנגע און קורצע צעפ האבן זיך געהויבן און צוגעפאלן צום דיל; שמאלע, שווארצע אויגן האבן זיך אנ־געגאסן מיט טרערן און באלד געברענט מיט א טרוקענעם בייזן פיבער.

— אין זיין הייליקן בוך „טשזאן־יאן״ זאגט קאן־פו־צזי:

— פיר זאכן זיינען פאראן, וועלכע א מענטש, וואס שטרעבט צו פולקאמענהייט, מוז ערדרייכן. צום באדויערן האב איך זיי נאך אליין אויך ניט ערדרייכט. דאס ערשטע איז — צו דינען דיין פאטער פונקט ווי דו וואלסט געוואלט דיין זון זאל דיר דינען. דאס צוויי־טע — צו האנדלען אין באצוג צו יענעם פונקט ווי וואלסט געוואלט יענער זאל האנדלען אין באצוג צו דיר. דאס דריטע — זיין אויפ־ריכטיק אין די קלענסטע זאכן און דאס פערטע — זיך צוריקהאלטן און ניטריידן וועגן דעם.

— א פולקאמענער מענטש לערנט און מאכט רייכער זיין נשמה כדי צו ברייננגען גליק און רו זיין פאלק. ער איז באשיידן,

פול מיט אכטונג צו עלטערע, מיידט שטענדיק אוים קריגערייען, איז אָבער צוריקגעהאַלטן אין צייט פון קריג און ווייזט בלויז ארוים אומצופרידנהייט, ווען זיין געגנער איז ווערט פאַראכטונג. ער רעדט ניט וועגן יענעמס חסרונות און טראַכט ניט שלעכט וועגן קיין העכערע פון זיך...

— אַ פולקאָמענער מענטש דאַרף זיך אויסהיטן פון דריי זאַכן: פון ליידנשאַפט אין דער יוגנט, פון קריגערייען אין די מיטעלע יאָרן און פון קאַרגשאַפט אויף דער עלטער. — — —

— דעם מענטשנס האַרץ איז אומרואיק, בלאָנדזשעט אַפט, עס איז דער קוואַל פון פאַרגעניגן, כעס, פרייד און צרות, זיין שטרע־בונג צו פולקאָמענהייט איז נישטיק. גאַר אַנדערש איז דער מוח. אָן אים קוקן מיר אין זעען גאָרניט, הערן און פאַרשטייען ניט, עסן און פילן קיין טעם ניט.

— אַ פולקאָמענער מענטש דאַרף זיין באַטראַכט אין זיינע ווערטער, פאַרזיכטיק אין זיינע האַנדלונגען, ער דאַרף אויסמיידן אַלעם מיאוס׳עס, נידעריגעס. באַשיידנהייט און פאַרטיפונג אין זיך איז דער וועג, וועלכער פירט אים צו דער העכסטער שטופע.

— דאָס שווערסטע פאַרברעכן איז די ניט געהאָרכזאַמקייט צו עלטערן, און די ניט געהאָרכזאַמקייט צום פאָטער פון אַלע פאָטערס, — צום באַגדעכאַן. דאָס פאָלק מוז זיך באַציען מיט אכטונג צום הערשער, ער פאַרלירט אָבער די רעכט אויף אכטונג אויב ער פירט די מלוכה אָן שכל און אָן אכטונג צו די גייסטער פון אונזערע אָבות. — — —

* * *

דורכ׳ן פענסטער האָט אריינגעשיינט אַ פולע לבנה. טאַי־טזון האָט זיך איינגעקוקט אין איר אַ פּאָר מינוטן, אַ טיפן זיפץ געגעבן און שטיל געזאָגט:

— די הייליקע מינוט איז געקומען!

און אַלע אין צימער האָבן ווי איין מענטש אַ טיפן זיפץ גע־

טאָן, זיך אַ צי געגעבן, מיט די הענט פאַראויס, צו דער לבנה און מורמלענדיק איבערגע׳חזר׳ט:

— די הייליקע מינוט איז געקומען!

טאי־טזון האָט זיך פּאַוואָלי אויפגעשטעלט, זיך אויסגעדרייט מיט׳ן פּנים צו דער לבנה און ווי פאַרגליווערט געוואָרן.

לאַ־יאַנג איז שנעל אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ נעבן דער טיר און איידער אַריינצוגיין אין דער אָפּטיילונג, וואו טזון איז געשטאַנען, האָט ער זיך צוערשט אַראָפּגעלאָזט פאַר אים אויף די קני און צוגעפאַלן מיט׳ן שטערן צו זיינע פיס. דערנאָך איז ער אריין אונטער׳ן רעכטן פאָרהאַנג, אַרויסגעטראָגן און אַוועקגע־שטעלט אין מיטן אַ גרויסע, ווייסע, כינעזישע שיסל, פון אירע ביידע זייטן אַוועקגעשטעלט וואַזעס מיט בלומען און זיך אַוועק־געזעצט נעבן קליינעם טישל, אויף וועלכן ס׳איז געלעגן געבונדן די ווייסע טויב. פון׳ם טישעל האָט אַראָפּגעהאַנגען אַ גרויסע מעשענע, בויכיקע טאַץ און אויפ׳ן דיל איז געלעגן אַ קליין הילצערן העמערל. לאַ־יאַנג האָט גענומען דאָס העמערל אין האַנט און געוואַרט.

טזון האָט זיך פּאַוואָלי אויסגעדרייט, באַטראַכט די זיצנדיקע כינעזער, געוואָרפן אַ בליק אויף לאַ־יאַנג׳ן און שטיל אָנגעהויבן:

— די הייליקע מינוט איז געקומען!... די נשמה פון׳ם געט־לאַכן קאָן־פו־צזי איז שוין אַצינד צווישן אונז און וואַרט אויף אונזער קרבן און אונזערע תפלות!...

אַ ציטער איז דורך איבער׳ן צימער און די געגאָלטע קעפּ האָבן זיך שנעל געבויגן צום דיל און צוריק, נאָכשעפּטשענדיק דעם אַלטנס ווערטער.

מיט אַמאָל האָט טאי־טזון אַ טרייסל געטאָן מיט ביידע הענט און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שוואַרצן, זיידענעם כאַלאַט. עס האָבן אַ זאַפּטיקן שיין געטאָן געלע, זיידענע קליידער פון די כינע־זישע באַגדעכאַנען.

ביי די אַנוועזנדע האָט זיך אַרויסגעריסן אַ טיפער קרעכץ, גע־

מישט מיט ערפורכט און באגײסטערונג. זײ זײנען אַלע גלײך צו־
געפאַלן מיט די שטערנס צו דער פּאָדלאָגע, אויסציענדיק פּאַראויס
די הענט.

— לאַנג לעבן זאָל טאַי־טזון, אונזער הערשער!...

און טזונ׳ס שטימע האָט װי קאַלטע בײטשן געשניטן די
לופט:

— הײליקער קאַן־פו־צזי, דאָס רעד איך צו דיר, איך, טאַי־
טזון, דער אײנציקער איבערגעבליבענער פון דער גרויסער קעניג־
לאַכער משפּחה טאַן, דער אײנציקער קעניגלאַכער יורש פון דער
אַלטער כינע. — — —

ער האָט עטלאַכע מאָל טיף אָנגעבויגן דעם קאָפּ און אַלע האָבן
אים נאָכגעטאָן.

לאַ־יאַנג האָט שטיל און ריטמיש גענומען קלאַפּן מיט׳ן העמערל
איבער דער מעשענער טאַץ. אַזוי זײנען אַריבער עטלאַכע
מינוטן. לאַ־יאַנג האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן. און װען דער אָפּ־
קלאַנג איז אינגאַנצן פאַרשװאונדן, האָט ער זיך אויפגעהויבן, דער־
לאַנגט טזונ׳ען די װײסע טויב, װעלכע האָט דערשראָקן גענומען
קלאַפּן מיט די פליגל. באַזונדער האָט ער אים דערלאַנגט דעם
קלײנעם, שאַרפן מעסער.

טאַי־טזון האָט מיט אײן האַנט גענומען די טויב אונטער די
פליגל, געשיקט פאַרבויגן איר קעפּל צװישן זײנע צװײ פינגער
און אין דער צװײטער האַנט גענומען דאָס מעסער.

— הײליקער קאַן־פו־צזי, איך, טאַי־טזון, ברײנג דיר פאַר
אַ קרבן אַ װײסע יונגע טויב און בעט דיך אין מײן נאָמען, אין
נאָמען פון אַלע מײנע אָבות, אין נאָמען פון אַלע אַנװעזנדע און
זײערע אָבות, אין נאָמען פון מײן אָרימער, פאַרשקלאַפּטער כינע,
זאָלסט לאָזן װיסן צי די צײט איז שױן געקומען צו פאַרטרײבן די
פרעמדע אונטערדריקער און באַפרײען אונזער פאָלק!

ער האָט װידער עטלאַכע מאָל טיף אָנגעבויגן דעם קאָפּ, גע־
מאַכט דרײ רונדע באַװעגונגען אין דער לופטן מיט דער פלאַטערנ־
דיקער, צונױפגעדריקטער טויב.

לאַ־יאַנג האָט ווידער גענומען שטיל קלאַפּן אין טאַץ.

— געטלאַכער קאַן־פו־צזי, דו ביסט דער גרעסטער און העכ־סטער חכם! — — דיין נאָבלקייט איז גרענעצלאָז, דיין לערע איז עכט! — — צווישן די לעבעדיקע האָסטו ניט קיין גלייכן! — — — אַלע הערשער פאַרגעטערן דיך און דו ביסט אַ מוסטער פאַר די קעניגלאַכע שולן! — — די קרבנות־כּלים שטייען פּאַרטיקע פאַר דיר און דורכגעדרונגענע מיט ערפורכט קלאַפּן מיר אין די גאַנגס און גלעקער! — —

די קלעפּ אין טאַץ זיינען געוואָרן אָפּטער און הילכיקער.

טאַי־טזון האָט אַ הויב געטאָן אין דער הויך דאָס טייבל, זיך עטוואָס צוגעביוגן צו דער שיסל און דאָס מעסער האָט פינקלענדיק זיך איינגעשניטן אין ווייסן העלזל. דאָס בלוט האָט גענומען לויפן און קאַפּען.

אַלע האָבן געקוקט אויפ׳ן טריפנדיקן בלוט מיט ברייט צו־עפנטע אויגן און האַלב־אָפענע מיילער און בלויז ווען דער אַלטער האָט פאַרזיכטיק אַ וואָרף געטאָן די שוין באַוועגלאָזע טויב אין שיסל אריין, האָבן זיך זייערע קעפּ ווידער צו דער ערד צוגעבויגן.

טאַי־טזון איז געשטאַנען אַן אויסגעצויגענער אין ריכטונג צו דער לבנה און אַנגעשטריינגט זיך איינגעהערט.

אַלע האָבן פאַרהאַלטן דעם אָטעם. מיט אויסגעשטרעקטע העלזער און נייגעריק־דערשראָקענע אויגן זיינען זיי געזעסן און זייער בלייך־געלע הויט האָט זיך געשווינט באַוועגט איבער זייערע ארויסשטאַרטשנדיקע באַקן־ביינער.

מיט אַמאָל האָט זיך טאַי־טזון אַראָפּגעלאָזט אויפ׳ן דיל, נעבן דער שיסל, און פאַרדעקט דאָס פּנים מיטביידע הענט.

אַלע האָבן זיך דערשראָקן גענומען רירן פון זייערע ערטער. לאַ־יאַנג איז צוגעלאָפן צו אים.

— ס׳איז גאָרניט, — האָט דער אַלטער צוגענומען די הענט פון׳ם פּנים. — זאָלן זיי שוין אַלע גיין... דו בלייב. זאָג זיי, דער הייליקער קאַן־פו־צזי וועט אונז דעם קומענדיקן יאָר שוין זיכער העלפן. — — —

ווען אַלע זיינען אַוועק, האָט טאַי־טזון געהייסן אויסלעשן אַלע ליכט און לאַמטערנעס, אָפּגערוקט די פאַרבלוטיקטע שיסל מיט'ן ווייסן קרבן אָן אַ זייט און זיך אײנגאַנצן צוזאַמענגעדריקט אויפ'ן דיל, אַנטקעגן דער פולער לבנה.

לאַ־יאַנג איז געשטאַנען אַ בלייכער אָן אַ זייט און געוואַרט.

— צוויי און צוואַנציק מאָל האָב איך שוין אין מיין לעבן קרבנות דעם געטלאַכן קאַן־פו־צזו געבראַכט, צוויי און צוואַנציק מאָל זיין הילף געבעטן און... ס'איז אומזיסט. ניטאָ קיין הילף, ניטאָ קיין דערלייזונג... און די יאָרן לויפן, לויפן, און איך ווער עלטער, שוואַכער, און איך בין דאָך דער איינציקער... דער איינציקער פונ'ם אַלטן קעניגלאַכן דור טאַן... דער איינציקער... דער איינציקער...

טאַי־טזון האָט געוויינט, זיצנדיק אויפ'ן דיל אין זיינע זאַפּ־טיק־געלע קעניגלאַכע קליידער אַנטקעגן דער פולער לבנה. און אין ווינקל האָט מיטגעוויינט דער רייכער סוחר לאַ־יאַנג. — — —

אויף די ברעגן פון סיר־דאַריאַ

אין כאַדזשענט זיינען מיר דאַן געווען. איך און מיין פריינד — דער האַלבער רוס, האַלבער אַזיאַט מישקא באַרקין, מיט וועלכן כ'האָב אויסגעשפּאַנט אַ היפּשן שטח פונ'ם רוסישן טייל פון אַזיע.

געקומען זיינען מיר אהער בלויז אויף עטלאכע טעג, העכסטנס אַ וואָך. מיר האָבן געהאָפט צו געפינען אַביסל אַרבעט, צורעכט מאַכן אונזער זיך שוין צעפאַלנדיקן גאַרדעראָב, זיך באַוואָרענען מיט אַביסל סוכאַרעס (געטריקנט ברויט), קריגן גענוג קוילן פאַר אונזערע רעוואָלווערן און זיך אַ לאָז טאָן איבער'ן רעכטן ברעג פונ'ם טייך „סיר־דאַריאַ" אין „פערגאַנער" טאָל אריין.

מיר האָבן זיך אָבער דאָ פאַרהאַלטן אויף צוויי און צוואַנציק טעג. די ערשטע וואָך איז אין גאַנצן אַריבער אין נוצלאָזע זוכע־נישן. ערשט אויף דער צווייטער וואָך האָבן מיר געפונען אביסל אַרבעט. צוויי טעג געשלעפּט שווערע קלעצער ביים וואקזאל, אַ טאָג און אַ האַלבן געהאַקט טויטעביימער אין אַן אַלטן גאָרטן, אַ טאָג גערייניקט אַ ברונעם און דערביי שיר ניט אומגעקומען, ווען דער שטריק, ביי וועלכן מיר האָבן זיך אָנגעהאלטן, האָט געפּלאצט.

פאַר'ן געלט פון דער ערשטער וואָך האָבן מיר זיך געקויפט צו צוויי כאַקי־העמדלאַך, צוויי לעדערנע רימענס, צוויי פּאָר הויזן און איך האָב אַיינגעהאנדלט אַ פּאָר אונטער־וועש, פאַר וואָס מישקא האָט גאָרניט אויפגעהערט אָפּצולאכן פון מיר.

— אַ סולטאַן אַ גאַנצער! רייניקט קרעניצעס, רייסט זיך אונטער שלעפּנדיק קלעצער און טראָגט אונטער־וועש!

אויף דער דריטער וואָך האָט מיך אַ רוסישער סוחר, פאַר וועמען איך האָב זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַן אויסערגעוויינלאַכן, ממש געניאַלן, סטאָליער, געדונגען אויפצושטעלן אַ פאַרקן ארום זיין גאָרטן. אויסגעבעטן האָב איך פאַר דער ארבעט 15 קערבלאַך און זיך געשטעלט זי מאכן פאַר 5. אַ געניטער ארבעטער וואָלט אַליין געענדיקט אין איין טאָג. איך האָב אָבער שווער געאַרבעט אויף דעם גאַנצע דריי טעג.

דאָס געלט האָט קוים געקלעקט אויף צוויי היטלען און צו פאַריכטן אונזערע שיך. ס'וואָלט אויך אויף דעם ניט געווען גענוג, ווען ניט די אומגעלומפערט־גראָבע, מיאוס'ע קעכין, ביי וועלכער כ'האָב נושא חן געווען. זי פלעגט מיך עטלאַכע מאָל אין טאָג מיט אַ וואונק פון איר פאַרגאָסענעם רעכטן אויגל, וועלכעס האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ שפּעלטל אין אַ צוקנייטשטן שטיק חזיר־פליישׁ, אריינרופן אין קיך און מיר דערלאַנגען היפּשע שטיקער געפּרעגלטע גאַנז, קאָטלעטן, לעקאַך, בראַנפן און וויין. זי האָט, ווי ס'ווייזט אויס, געקליבן פאַר מיר דאָס בעסטע.

דיזע דריי טעג גוט עסן האָבן טאַקע פאַרשטאַרקט אביסל מיין זינדיקן גוף, וועלכער איז היפּשלאַך אויסגעצערט געווען פון די וואָכן ניט דערעסן און לעבן אויף פּרוכטן. די ערשטע צוויי אָוונטן האָב איך נאָך מישקאַ'ן אהיים געבראַכט שטיקער גע־בראָטנס און מיט דעם צעטריבן זיין פּעסימיסטישע שטימונג.

— אַ מזל אַ יונג האָט עס! כ'שטעל זיך פאָר וויפיל דו פרעסט זיך עס דאָרטן אַן אַ גאַנצן טאָג ביי איר אין קיך... דער־וואָרגן זאָלסטו ווערן!

איך האָב געלאַכט.

דעם ערשטן טאָג האָט די קעכין בלויז אָנגעקוואָלן פון מיין אַפּעטיט, געשטאַנען אַנטקעגן מיר, מיט די הענט צונויפגעלייגט אויפ'ן פעטן בויך, און ווייכהאַרציק גע'חזר'ט:

— עס, ליבינקער... זיך, ווי ס'ווייזט אויס, אויסגעהונגערט... האַ?

פאַרנאַכט, איידער כ׳האָב אָװעקגעלייגט די אַרבעט, איז זי צוגעקומען, מיר דערלאַנגט צוויי בארן מיט אַ קראַנץ װײַנטרויבן און דערביי אַ טאָפּ געטאָן מיין האַנט און זיך צופרידן צולאַכט:

— אַ, וואָס פאַר אַ שטאַרקע הענט דו האָסט! ווי רעכנסטו, וואָלסט מיך געקענט אויפהויבן?...

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איר קערפּער — ברייט און קיילאַכדיק ווי אַ פערציק־עמערדיקע פאַס, אויף אירע פיס און הענט, ווי וואַסער־רערן, און מיט שרעק באַשלאָסן, אַז ס׳איז פאַרפאַלן: מען וועט זי מוזן אויפהויבן.

דאָ האָט מען זי אָבער אַ רוף געטאָן פונ׳ם הויז און איך בין גלייך פאַרשוואונדן.

אויפ׳ן צווייטן טאָג האָט זי מיך געפרעגט פאַרוואָס כ׳בין ניט אַריינגעקומען נעכטן נאָך דער אַרבעט. כ׳האָב געמאַכט אַ פּאָר אומשולדיקע אויגן און געענטפערט, אַז כ׳האָב זי ניט גע־וואָלט באַאומרואיקן. זי אַרבעט אַזוי שווער אַ גאַנצן טאָג און נויטיקט זיך זיכער אין רו. זי האָט זיך צולאַכט, מיך אַ גלעט געטאָן איבער׳ן האַלז, געזאָגט, אַז כ׳בין אַ „איוואַנושקאַ דוראַ־טשאָק" און מיר געהייסן אַריינקומען גלייך נאָך דער אַרבעט. דערזעענדיק מיין פאַרזאָרגטן פּנים, האָט זי מיך באַרואיקט, אַז כ׳האָב ניט וואָס מורא צו האָבן, קיינער פון די בעלי־הבתים קומט ביינאַכט ניט אַריין אין קיך.

יענעם טאָג איז זי געוועזן אויסערגעוויינלאַך גוט צו מיר. אַלע שטונדע האָט זי מיך דורכ׳ן פענסטער גערופן אין קיך אַריין און יעדעס מאָל מיך מכבד געוועזן מיט עפּעס אַנדערש. כ׳האָב געגעסן פאַר דריי און וואָס כ׳האָב שוין ניט געקענט דערשלינגען, האָב איך געשטופּט אין די קעשענעס.

פאַרנאַכט־צו האָט זי מיר דערלאַנגט אַ געבראָטן גענזן לעבערל און מיר ווידער דערמאָנט אַריינצוקומען נאָך דער אַרבעט. זי איז אַזוי ליבלאַך געווען, אַז ס׳איז מיר אַפילו אַ געדאַנק געקומען זיך צו אָפּפערן פאַר מיינעם און מישקאַ׳ס מאָגנס. כ׳האָב דורכגעמאַכט אַ שטיקל קאַמף מיט זיך אַליין און ענדלאַך האָט

דאָס בעסערע אין מיר געזיגט: כ׳בין גלייך נאָך דער ארבעט פארשוואונדען.

א גאנצן אָוונט האָט מיך מישקא געהאלטן אין איין שילטן. ער האָט געפרעגט וואס כ׳האָב אים אין די קעשענעס אהיים גע־בראכט און ניט געקאָנט שטילן זיין כעס:

— אזא „אישאק״ (עזל), אזא שטומפיקע מאָרדע!... און אוצר קריכט אים אליין אין די הענט אריין און ער אנטלויפט גאָר?! צו גראָב איז זי גאָר פאר אים, צו פעט... מענטשן קלוגע, געלערנטע, גיבן אָפּ פארמעגנס פאר אזעלכע און אים, דעם פערד, גיב אויסגעטריקנטע ברעטער... שטעקנס האָט ער גאר ליב!...

אויף מאָרגן האָט מען מיך שוין מער אין קיך אריין ניט גערופן. פונ׳ם פענסטער האָט אלע ווײַלע ארויסגעקוקט א בייזע, פארשוואָלענע צורה און שפּאָטישע באמערקונגען זיינען אָפט אין מיין ריכטונג געפאלן. פונ׳ם הויז האָט זיך געטראָגן דער אויפ־רעגנדיקער ריח פון געבראָטנס און מיין מיטאָג איז באשטאנען פון שווארצע ברויט מיט בארן.

דעם אמת זאָגנדיק, האָט מיר שוין באנק געטאָן אויף דער גאנצער געשיכטע. נו, וואס וואָלט פון מיר אָפּגעפאלן, ווען כ׳וואָלט נעכטן אריין צו איר, אָדער פארבליבן אפילו דאָרט נעכ־טיקן?... און וואס פאר א אידיאָטישע ראָלע שפּיל איך אין אל־געמיין די גאנצע צייט? שלעפּ זיך ארום איבער די אזיאטישע סטעפּעס מיט מיין טומפּן אידעאליזם, מיט די איינגע׳חזר׳טע פּרינציפּן וועגן מאָראל און עטיק, מאטער זיך און קען זיך פון זיי ניט באפרייען ווי א קאטאָרזשניק פון דעם צוגעקאָוועטן ווע־געלע. דאָס האלב־ווילדע לעבן איז דאָ גאנץ נאטירליך, ווער דארף מיר האָבן מיט מיינע טעאָריעס און פּרינציפּן? ווי האָט זיך עס מישקא איינמאָל אויסגעדריקט „בעסער איין לעבעדיקע פרוי איידער א טוץ טויטע פּרינציפּן״, אָדער ווי ער זאָגט: „פּיר־ציפּן״.

אַרום 12 אַזייגער איז מישקאַ אַן אויסגעפּוצטער אין נייעם כאַקי־קאָסטיום מיט'ן היטל אויף דער זייט, פּלוצלונג ערשינען אין הויף, וואו כ'האָב געאַרבעט און זיך וואויל־יונגעריש געלאָזט גיין צו דער טיר פון קיך. ווען די קעכין איז אַביסעל שפּעטער אַרויס מיט אַן עמער וואַסער אין האַנט, האָט ער פאַרפּירט מיט איר אַ געשפּרעך און טאַקע גלייך געפּרואווט זי אַרומנעמען. זי איז אָבער ניט געווען שטאַרק אויפגעלייגט צו זיינע צערטלאַכקייטן, אים אָפּגעשטויסן פון זיך און ווען ער האָט זי ווידער אַרומגענומען, האָט זי זיך צו'קללה'ט און געכאַפּט דעם בעזים.

מישקאַ האָט זיך אָפּגעטראָגן. כ'בין אַריין אין אַ גרוב און זיך געהאַלטן פאַר די זייטן פון געלעכטער. פאַרבייגייענדיק האָט ער מיר געוואָרפן אַ שטיק ליים און געוויזן דעם פויסט:

— וואַרט, הינטישער זון, וועסט אַהיים קומען וועל איך דיר אַלע ריפּן איבערציילן!...

פאַרנאַכט, ווען דער קוואַל פון זיינע קללות און זידעלווערטער האָט זיך אויסגעשעפּט, האָבן מיר זיך איבערגעבעטן און באַשלאָסן אויפ'ן צווייטן פרימאָרגן צו פאַרלאָזן די שטאָט.

— ניטאָ דאָ וואָס אַרומצופויזן מער צווישן די לומפּיקע איינוואוינער!

— ניטאָ וואָס!

אונזער גאַרדעראָב איז שוין כמעט געווען פאַרריכט, אַביסל סוכאַרעס זיינען שוין אויך געלעגן אין זעקל, די שטיוול זיינען געווען גאַנץ. די וויכטיקסטע פראַגע איז אַצינד געבליבן, ווי אַזוי צו קריגן קוילן פאַר אונזערע רעוואָלווערן. ענדליך האָבן מיר אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן:

אויפ'ן צווייטן פרימאָרגן, אַרום ניין אַזייגער, זיינען מיר ביידע אַריין אין אַ געווער געשעפט. איך בין געגאַנגען אַן אויסגעפּוצטער פּאַראַויס, מעשה בעל הבית, מישקאַ פון הינטן, אַלס דינער, מיט אַ קאַשיק אין האַנט. איך האָב געקויפט אַ פּושקע קוילן צו מיין רעוואָלווער און זיך געהייסן ווייזן אַן ענגלישן ווינ־

טשעסטער־ביקס. און בעת איך מיט'ן בעל הבית זיינען אוועק אין צווייטן עק געשעפט, ביים ליכט גוט צו באטראכטן די ביקס, האט מישקא געשיקט אראפגעכאפט פון דער פאליצע פיר פושקעס קוילן און זיי ארייגעווארפן אין קאשיק.

דאס קויפן פונ'ם ווינטשעסטער האב איך, פארשטענדליך, אפגעלייגט אויף א צווייטן מאל, באצאלט פאר די קוילן און מיר זיינען ביידע גאנץ שנעל ארוים פון דער קראם.

מיט א האלבע שעה שפעטער האבן מיר שוין פארלאזן כאדזשענט.

די ערשטע פאר שטונדן האבן מיר זיך געאיילט, אלע מאל געדרייט די קעפ אויף צוריק, אבער ווען פון צווישן די ברעג קוסטן און קאמישן האט די „סיר־דאריא" צו אונז א ברוינעם לאך געטאן מיט אירע מוטנע וואסערן, האבן מיר וועגן אלעם פארגעסן.

* * *

דער טייך „סיר־דאריא" שפראצט ארוים פונ'ם צוזאמענגיסן זיך פון צוויי טייכלאך: „נארים" און „קארא־דאריא", וועלכע לויפן פון די „טיאן־שאנער" שניי־בערג. זי טרייבט אירע אומריקע, מוטנע־ברוינע וואסערן איבער'ן צפון'דיקן טייל פון „פערגאנער" טאל אויף א שטרעקע פון אריבער צוויי טויזנט דריי הונדערט ווי'ארסט און פאלט אריין אין אוראלער ים.

מיין פלאן איז צוערשט געווען גאר א גרויסער: כ'האב געוואלט פון כאדזשענט דורכשניידן, צוזאמען מיט די וואסערן פונ'ם טייך, דעם גאנצן פערגאנער טאל ביז'ן אוראלער ים. כ'האב פארשטאנען, אז ס'איז ווייט ניט קיין לייכטע אויפגאבע דורכשפאנען איבער די וויסטע פארוואקסענע ברעגן כמעט דריי טויזנט מייל און דערפאר באשטימט דריי אפרו־פלעצער אין די שטעט: טורקעסטאן, פעראווסק און קאזאלינסק.

מישקא האט צו גארניט געמאכט מיין גאנצן פלאן.

— ביסט אַ אישאַק — האָט ער זיך צולאַכט — דיין פּלאַן טויג צו גאָרניט!

— הער אויף הירזשען, ווי אַ זשערעבעצ! פאַרוואָס געפעלט דיר מיין פּלאַן ניט?

מישקאַ האָט גענומען פאַרביינגן איין פינגער נאָכ'ן צווייטן:

ערשטנס האָט ער פיינט באַשטימטע צילן. וואַנדערן — איז וואַנדערן. ווען מען גייט עס אָן צו ביז'ן אוראַלער ים, צי מיט טויזנט וויאָרסט ווייטער. צווייטנס, איז דער וועג איבער די ברעגן פון'ם טייך זייער אַ געפערליכער און מען מוז פאַר אים האָבן טאַקע צוויי אמת'ע ענגלישע ווינטשעסטערס און ניט אַזאַ שפּילצייג ווי אונזערע רעוואָלווערן. דריטנס, צווישן טאַשקענט און דער שטאָט טורקעסטאַן ליגט די „קיזיל־קומער" וויסטעניש, וואָס ציט זיך אויף אַ פּאָר הונדערט וויאָרסט און וואו מיר קענען לייכט פּגר'ן פון הונגער. פערטנס, טריקנט די „סיר־דאַריאַ" אין דער צייט פון'ם יאָר אַמאָל איינגאַנצן אויס און מיר וועלן אַרויסשטעקן די גע'פּגר'טע צינגער פאַר אַ טראָפּן וואַסער. און פינפטנס, — דאָ האָט ער אַ שפּיי געטאָן דורך די ציין און געוואָרפן אויף מיר אַ שפּאָטיש־פאַרניכטנדיקן בליק — און פינפטנס, גייט אים דער גאַנצער עסק ווייניק וואָס אָן. זאָל זיין צום אוראַלער ים דורך קיזיל־קום, אפילו דורכ'ן טייוול'ס ציין, אַזוי לאַנג ווי איך גיי מיט... ער וועט דאָך ניט אַליין גאָט די נשמה אָפּגעבן, נאָר מיט מיר צוזאַמען פּגרן? טאָ שפּייט ער אויף מיר מיט מיין גאַנצן פּלאַן און ס'אַרט אים ניט... ער גייט!...

איך האָב אים אַ קלאַפּ געטאָן איבער'ן אַקסל:

— ביסט אַ „אוכאַרעצ" (אַ יונג אַ העלד), מישקאַ, כ'האָב דיך, מערזאַוועצ, אמת ליב, און כדי מיר זאָלן טאַקע ניט פּגר'ן פון אַזעלכע נאַרישקייטן ווי הונגער און דורשט, וועלן מיר דורכשניידן קיזיל־קום מיט דער אייזנבאַן.

— ווי דו ווילסט! — האָט ער גלייכגילטיק געענטפערט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די ערשטע עטליכע שעה איז די סטעזשקע געלאָפן פאַ־

ראלעל דעם טייך א רוהיקע, אן אויסגעטראָטענע. די גרויסע שטיינער זיינען געווען אָפּגעשטויסן פון׳ם וועג, די קוסטעס גע־צאַמט. גיך אָבער זיינען אָנגעלאָפן פלעצער אָנגעפילטע מיט שלאַנגן און פאַרדעכטיקטע גריבער, וועלכע ס׳איז פיל גלייכער געווען ארומגיין אָדער, אויב ס׳איז נאָר מעגליך געווען, אַרויפ־קלעטערן אויף אַ בוים און איבער די צווייגן פון די ענג־געפלאָכ־טענע בוימער איבערגיין דעם געפערלאַכן פלאַץ.

ס׳איז געווען שווער און ס׳האָט אַוועקגענומען אַ סך צייט, אָבער אינטערעסאַנט. מישקא האָט דערביי ניט אויפגעהערט צו שילטן די גאַנצע וועלט, אונז ביידן איינגעשלאָסן. זיינע קללות זיינען אָבער געווען גוטמוטיקע, איבערפילטע גיכער מיט באַוואונדערונג און גראָבער צערטלאַכקייט, ווי מיט כעס אָדער האַס. די זעלבע קוואלן, וועלכע האָבן געצוואונגען די ארומיגע פויגלען צו זינגען און די אינסעקטן אין גראָז אַרויסצוגעבן זייערע טויזנטאַרטיקע קלאַנגען, האָבן אויך געטריבן מישקאַ׳ן צו שילטן און צו פלוכן. ס׳איז געווען דער אויסדרוק פון זיין אומ־רוהיקער צופרידנהייט.

— גוט, דו חזיר׳שע מאָרדע! שילטסט אויסגעצייכנט! האָסט טאַלאַנט. לעבסט ניט אומזיסט אויף גאָט׳ם וועלט! — האָב איך אים אונטערגעהאָלפן.

(די ליבשאַפט צו אַ קונציק און געשמאַק־געפלאָכטענער קללה איז ביי מיר נאָך פאַרבליבן פון דער רוסישער קאַזאַרמע, וואו כ׳האָב פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט).

ריידנדיק וועגן די געפאַרן פון אונזער וועג, האָט מישקא איינמאָל באַמערקט:

— וואָס ווייטער וועלן מיר מוזן אַלץ פאָרזיכטיקער זיין אויף אונזערע ביינאַכטיקע אָפּשטעלן. מען דאַרף זיך אויסהיטן פון וועלדלאַך און זען, אַז אַרום אונזער פייער זאָל צום קנאַפּ־סטן איין וויאָרסט זיין פרייע, פלאַכע סטעפּ.

— און אויב ניט?

— אויב ניט, קענסטו אַמאָל פלוצלונג דערפילן די שאַרפע

ציין פון א באַרס (א ווילדע קאַץ) אין דיין קאַרק, אָדער, אויב גאָט וויל — דער טאָן פון זיין שטימע האָט זיך דאָ מיט אַמאָל אַראָפּגעלאָזט — קענסטו נאָך „אים" אַליין אויך באַגעגענען.

— איהם? ועמען מיינסטו עס?

— דעם טיגער.

— דו שפּאַסט?

— זאָל איך פּגר'ן.

— פון וואַנען קומט ער אהער?

— דער טייוועל וויים איהם. ער קומט אָפט פון אַפגאַניס־טאַן און אַמאָל פון די בערג.

— האָסטו שוין ווען געזעהן א טיגער?

ער האָט זיך צולאַכט: — הלואי שיקט מיר דער הייליגער אַללאַה אָט דאָ גלייך אין וועלדל צו אַזוי פיל יונגע, שיינע ווייב־לאַך וויפיל מאָל.

— און דו ביסט אַרוים גאַנץ?

— ווי דו זעסט. איך בין ניט געקראַכן צופיל אין די קוסטן און ער האָט ניט איבעריק ליב דעם פרייען, פלאַכן סטעפּ. איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין צווישן א מחנה קיר־גיזן, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט א טיגער אין א וועלדל. דער אוכאַרעץ האָט זיך צוגעגאַדיעט צו זייערע סטאַדעס און פלעגט נאַכט איבער נאַכט טויטן א שאָף און עטליכע מאָל אויך פערד. זיי האָבן צוגעוואַרט א פּאָר וואָכן און זענדיק, אַז ער טראַכט אפילו ניט וועגן אַוועקגיין, האָבן זיי צונויפגערופן אַרי־בער הונדערט באַוואָפנטע קירגיזן, אויסגעפונען וואו דער „גאָ־לובטשיק" שלאָפט בייטאָג, אַרומגערינגלט דעם פּלאַץ און פרעג שוין ניט וואָס ס'האָט זיך דאָרטן אָפּגעטאָן... „ער", א רוח אין זיין מאַמען אַריין, איז געווען גרויס ווי א דערוואַקסענער לאַשעק און בלויז פון א קוק אויף איהם האָט מען געקענט פּגר'ן. א זאַטער, א פוילער, האָט ער זיך צוערשט געוואָלט אָפּטראָגן, אָבער זעענדיג זיך אַרומגערינגלט מיט מענטשן און מחנות הינט, דערצו נאָך א לייכט פאַרוואונדעטער, איז ער ווילד געוואָרן און

זיך א וואָרף געטאָן אויף אונזער גרופּע. דערשראָקענע האָבן מיר אויסגעשאָסן און בלויז עטליכע פון אונז צוואַנציג האָבן אין ציל געטראָפן. ער האָט זיך איבערגעקערט אין דער לופטן און איז געפאַלן צו דער ערד. אַלע האָבן מיר זיך מיט געשרייען אַ וואָרף געטאָן צו אים. ס'איז אָבער געווען צו פרי. דער אור־כּארעץ, אַ רוח אין זיין מאַמען אריין, איז אויפגעשפּרונגען, עט־לאכע פון אונז פאַרוואונדעט און איבערגעקערט און איינעם מיט אַ קלאַפּ פון זיין לאַפּע אין גאַנצן אַראָפּגענומען דאָס פּנים...

— אַראָפּגענומען דאָס פּנים?

— יאָ... אַראָפּגעריסן די נאָז, די ליפּן, די הויט פון'ם גאַנצן פּנים... ער איז באַלד געשטאָרבן. אַ גוטער קירגיז געווען, אַ העלד... האָט אַ טייער ווייבל געלאָזט... ווען איך בין אין יענער געגנט כאַפּ איך זיך אַמאָל אריין צו איר...

— לאָז צורו מיט דיינע הינטישע שטיק! וואָס איז מיט'ן טיגער געוואָרן?

— ער וואָלט מעגליך געווען אַנטלאָפן. דאָ זיינען אָבער פון דער זייט אָנגעלאָפן אויף זייערע פערד קירעי־כאַנס דריי עלטסטע זין, אבא, דזשאַנובעק און שיבאַי, און האָבן זיך ווי דריי אָדלערס אַ לאָז געטאָן נאָך אים. זיי האָבן אים אָנגעיאָגט און נאָך אַ קורצן, שווערן קאַמף אים דערשאָסן און דערשטאָכן מיט זייערע לאַנגע מעסערס. זיי זיינען אַלע דריי געווען פאַר־וואונדעט. שיבאַי'ן האָט מען געמוזט אויף די הענט אַהיים טראָגן.

עפּעס אומרוהיקעס, באַהאַלטן געפערלאַכעס האָט זיך אַ טראָג געטאָן אין דער לופטן, און די באַוועגונג פון יעדן קוסט האָט גענומען דערמאָנען אָן די געפאַרן, וועלכע קענען זיך באַ־האַלטן אונטער אים. אין יעדן טונקעלן ווינקל האָבן זיך גע־שפּירט גרויסע, ברענענדיקע אויגן און דער נערוועזער ציטער פון די בלוטדורשטיקע וואָנצן.

— איך האָף, מיר וועלן אים ניט באַגעגענען. אָבער... כ'וואָלט אים דאָך געוואָלט זען...

— אַמאָל קען מען אים זען פון ווייטנס. ער פאַלט זעלטן אָן אויף מענטשן, סיידן ער איז שטאַרק הונגעריק.

איך האָב אָפּגעזיפצט: — ווען אָבער אויפ'ן אָרט פון אונזערע צוויי לומפּיקע רעוואָלווערן האָבן מיר צוויי ווינטשעס־טערס! ?

— אפילו דאַן וואָלט פאַר אונז געפערלאַך געווען צו פאַר־בלייבן אויף ביינאַכט אין די קוסטן. ביינאַכט מוזן מיר זיך האַלטן וואָס ווייטער פון זיי, נעבן אַ גרויסן פייער...

* * *

פאַרנאַכט־צו זיינען מיר געקומען צו די „ביגאַוואַטער שוועלן".

די שוועלן זיינען אַ פּאָר צענדליק פּאַראַלעל־לויפנדיקע רייען גרוי־גרינע שטיינער, וועלכע ציען זיך איבער דער גאַנצער ברייט פונ'ם טייך. יעדע רייע האָט באַשאַפן אַ ברייטן, ניט הויך, אָבער געדיכט שוימענדיקן וואַסערפאַל. פון ווייטנס זעען די שוועלן אויס ווי אַ פירעקיקער קעסל, וואו עס זידט לאַנגזאַם און איינ־געשפּאַרט אַ ווייס־ברוינע, געדיכטע מאַסע.

ניט ווייט רעכטס, הויבן זיך די „מאָגאָל־טאַו" בערג — אַ מעכטיקער צווייג פון די טיאַן־שאַן, אָדער הימלשע בערג, אַרום וועלכע די „סיר־דאַריאַ" בויגט זיך קעציש אויס און פאַלט עלאַסטיש צו צו די אויסגעפרעסענע באַרג־זייטן. אָפּלויפנדיק אַזוי אַ צען־פופצען מינוטן, שטויסט זי זיך פאַרזיכטיק אָפּ פון דער שטיינערנער וואַנט, באַטראַכט מיט שפּאָט די באַרגיקע לעכער און שפּאַלטן, טרייסלט אָפּ איר ברוין קלייד און לויפט, איילנדיק, צו מערב־צו.

— ווי רעכנסטו, מישקאַ, דאַכט זיך דאָ איז ניט קיין שלעכט פּלאַץ איבערצונעכטיקן?

באַרקין האָט זיך אַרומגעקוקט, אויפמערקזאַם באַטראַכט די

שיטערע קוסטן נעבן טייך, דאָס פלאַכע גראָז און זאַלץ־זאַמדיקן באָדן ארום אונז און לייכט אָנגעבויגן דעם קאָפּ.

— איך דיינק, מען קאָן דאָ איבערשלאָפן. עס וואָלט אודאי בעסער געווען, ווען...

— איך ווייס שוין, מישקאַ, וואָס דו ווילסט זאָגן. גיי קריג בעסער עפּעס אויף צו עסן.

מישקאַ איז אריין צווישן די קוסטן זוכן עפּעס אויף וועטשערע, איך האָב צונויפגערוקט דריי גרויסע שטיינער, געמאַכט צווישן זיי אַ פייער און בין אוועק מיט'ן קעסעלע צום טייך נאָך וואַסער. ווען די וואַסער איז אויפגעזאָטען, האָב איך אריינגעשאָטן אביסעל זאַלץ און אַ זשמעניע סאַלדאַטסקע גרויפּן. באַלד האָט זיך פון ווייטנס דערהערט אַ שאָס און נאָך אים נאָך צוויי.

צוערשט האָב איך זיך דערפרייט, באַלד האָבן אָבער אין מיר ערוואַכט מישקאַ'ס ווערטער וועגן „אים" און אַן אומרוהיקער האָב איך גענומען לויפן צו די קוסטן, כאַפּנדיק אויפ'ן וועג אַ קוק צי דער רעוואָלווער איז אין אָרדנונג.

פון ווייטנס האָט זיך דערטראָגן מישקאַ'ס צופרידענע שטימע: — לויף ניט אזוי, דו העלד מיינער, ס'איז קיין זאַך ניט געשען! אָבער, כ'האָב זי געקראָגן, אַ רוח אין איר הינטישער מאַמען אריין!... מיר, צוויי העלדן, פּגר'ן פון הונגער און זי וויל גאָר אַפּציען! — זיין שטימע האָט זיך געטראָגן אזוי מאָדנע נידעריק און זיך ווי געקייקלט איבער די שפּיצן פון די ארומיקע קוסטן, איינבויגנדיק זיי מיט איר שווערקייט.

גיך איז מישקאַ געשטאַנען פאַר מיר מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויף זיין ברייטן פּנים. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גרויסע, ווייסע גאַנז און אין דער פאַלע פון זיין רעקל האָב איך איבערגעציילט אַכט אייער.

מיר זיינען צוגעגאַנגען צום פייער.

איך האָב באַטראַכט און באַטאַפּט די נאָך וואַרימע גאַנז.

— האָסט זי ניט געדאַרפט שיסן.

— פאַר וואָס ?

— ס'איז ניט מענטשלאַך. זי זיצט אויף אייער. דערצו איז זי מאָגער ווי א אינדישער גייסטלאַכער נאָך פערציג טעג פאַסטן.

מישקא איז געוואָרן בייז און זיך צושריען :

— ביסט אַן אומדאַנקבראַער חזיר ! דו זיצט זיך רואיקביים פייער, און איך קריך ווי אַ הונט צווישן די קוסטן. און ווען כ'טראָג דיין מאַיעסטעט אונטער אַ גאַנז צו פרעסן, צוזעצט זאָלסטו ווערן, דרייסטו מיר אַ קאָפּ מיט מענטשלאַכקייט ! ביסט אַ פּאַסקודנער פּסיכאָפּאַטאַלאָגיסט !

גאָט ווייס ווי אַזוי מישקא האָט אויפגעכאַפּט און איינגע־חזרט אַ האַלבן טוץ שווערע, וויסנשאַפטלאַכע ווערטער, וועלכע ער פלעגט באַנוצן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אריין, ווען ער איז געווען גוט אויפגעלייגט אָדער גאָר אויפגערעגט. אַזוי פלעגט ער מיר אַמאָל גוטמוטיג זאָגן :

— ביסט אַן אמת'ער גוטער ברודער... אַ טייערער פּולווע־ריזאַטאָר, מען קאָן זיך אויף דיר פאַרלאָזן. אָדער :

— וואָס פאַר אַ טייערער פערד דאָס איז : ער לויפט און טאָפּעט ווי אַן אמת'ער פּסיכאָפּאַטאַלאָג !

בייזערהייט פלעגט ער שרייען :

— מיט איין זעץ קלאַפּ איך דיר אויס אַלע דיינע ספּירימטואַ־ליסטישע ציין !...

מיינע טענות, אַז די ווערטער (אין זיינע אויסדריקן) האָבן קיין זין ניט, האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן. ער איז געבליבן ביי זיינס :

— טייערע ווערטער... שווערע, געלערנטע... אַז מען זאָגט זיי אַרויס, ווערט גרינגער אויף דער נשמה...

* * *

ווען די גאַנז איז געווען אָפּגעבראָטן, האָבן מיר איין העלפט באַהאַלטן אויף מאָרגן און די אַכט אייער מיט די האַלב פאַרטיקע גענזלאַך האָב איך מישקאַ'ן געראַטן אַוועקצעוואַרפן. ער האָט

זיך אויסגעלאַכט פון מיר, זיי אָפּגעבראָטן אויף די קוילן און, זעענדיג שפּעטער, מיט וואָס פאַר אַ זשעדנעקייט ער קוויקט זיך מיט זיי, האָב איך ניט אויסגעהאַלטן, פאַרזוכט אַ שטיקל און גע־נומען פאָדערן מיין חלק: פיר אייער. זיי זיינען געווען אויסער־געוויינלאַך געשמאַק. אָבער געקראָגן האָב איך בלויז צוויי.

די גאַנז מיט דער קאַשע זיינען אויך געווען גוט און מיר האָבן זיך אַזוי אָנגעפרעסן, אַז מיר האָבן זיך נאָכער קוים געקאָנט פון אָרט רירן. מיר זיינען אַרויפגעקראָכן אויף אַ קליין בערגל, וואו די גראָז איז געווען געדיכטער, זיך אַוועקגעלייגט און פאַררויכערט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

גלייך פאַר אונזערע אויגן האָט די סיר־דאַריאַ געדולדיק געגלייכט אירע ברוינע פאַלדן, רעכטס האָבן גערוישט און געפינעט די באַגאַוואַטער שוועלן, לינקס האָבן געטונקלט די ברעג־קוסטן און פאַראויס, פון יענער זייט טייך, האָט זיך אָן אַ סוף געשפרייט די סטעפּ. העכער פון אונז, מיט אַ פּאָר וויאָרסט, איז דער טייך געווען צושפּליטערט אין צווייען מיט אַ געל־זאַמדיקן פּאַס טרוקעניש, וועלכער האָט צווישן די לויפנדיקע וואַסערן אויס־געזען ווי אַ געלע, זיך אויף איין פּלאַץ באַוועגנדיקע, סטעפּ־שלאַנג.

— אַך, טייוול, ווי גוט ס'איז צו לעבן אויף דער וועלט! — און מישקאַ האָט אַ וויטן שפּיי געטאָן פון צווישן די ציין.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די נאַכט איז אַריבער רואיק. נאָכ'ן אָפּמאַך האָב איך גע־דאַרפט זיצן די ערשטע האַלבע נאַכט ביים פייער און היטן און מישקאַ — די צווייטע. אין דער פרי האָבן מיר אויסגעפונען, אַז מיר זיינעןביידע געשמאַק געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט נעבן פאַר־לאָשענעם פייער.

— ס'איז ניט געפערלאַך, — האָט זיך מישקאַ צולאַכט. — ס'איז ניט וויט פון שטאָט און „ער“, אָדער אפילו דער באַרס פאַרקריכן קיינמאָל ניט אַזוי וויט.

אין דער פרי האָבן מיר אויפגעזאָטן טיי, געעפנט דאָס ערשטע פּעקל סוכאַרעס און פאַרענדיקט די נעכטיקע האַלבע גאַנז.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ טיף לויטערער, אַ שנײדנדיק העלער און יעדער אָטעם לופט האָט שוין געהאַלטן אין זיך אַ ווײַטן פונק פון׳ם קומענדיקן הייסן טאָג.

איידער מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג, זײַנען מיר, ניט אויסטאָנדיק זיך, אַרײַן אין טײַך און זיך אויסגעבאָדן. נאָך איין האַלבע שעה גיין זײַנען אונזערע קליידער געווען טרוקן און באַלד ווידער נאַס, נאָר שוין פון שווייס.

מיר זײַנען שווײַגנדיק לאַנגזאַם געגאַנגען און געפילט ווי די פעקלאַך אויף די פּלייצעס ווערן וואָס אַמאָל אַלץ שווערער. אין מוח האָט געטומלט און ס׳האָט זיך ניט געוואָלט ריידן. די זון האָט אונז ווי אַרומגעפּלאָנטערט מיט טויזנטער ברענענדיקע פעדים, געמישט אונזערע טריט, אונז געצויגן צו דער ערד.

— אַך, צום טײַוול, ווי הייס ס׳איז!

מישקאַ האָט מיך מיט פאַרגעניגן גערייצט:

— ס׳איז נאָך גאָרניט; דער פרימאָרגן בלויז. וואַרט, אַביסל שפּעטער וועסטו ערשט שוויצן.

— גיי צום טײַוול!

— ווען מיר האָבן אַצינד נאָך אַ גאַנז, וואָלט איך זי אָנגעשטעקט אויף אַ שטעקן און ביז מיטאָג וואָלט זי זיך אָפּגעבראָטן.

— פי, ווי עס רינט דער שווייס!

— וואַרט, ביז וועסט דערגיין צום אוראַלער ים וועט פון דיר גאָרניט בלײַבן: וועסט אינגאַנצן אויסשוויצן. אויך מיר אַ גייער...

— דײַנע חכמות זײַנען אייזלשע. דו שוויצט ניט ערגער פון מיר!

— מיך אָבער אַרט עס ניט.

צוועלף אַזייגער האָבן מיר באַשלאָסן זיך אָפּצורוען ביז צוויי, ביז די זון וועט זיך נעמען בויגן אויפ׳ן וועג צום פאַרגאַנג. מיר האָבן זיך פאַרקליבן אונטער אַ בוים, וואו דאָס גראָז איז געווען אַביסל געדיכטער און זיך מיד אויסגעצויגן אין שאָטן.

באַלד האָט מישקאָ׳ס גענײטע אויג באַמערקט בײַ דער זײַט,

גאָר נאָענט פון אונזערע קעפּ, צוויי גרויסע טאַראַנטול־שפּינען. זיי זיינען געלעגן צוזאַמענגעדריקט נעבן אַ טונקל־גרויען שטיין און געוואַרט מיט זייערע שטעכיקע, גיפטיקע מיילער. מיר האָבן זיך פאַרזיכטיק אויפגעהויבן, איינעם גלייך אויפ׳ן פּלאַץ מיט אַ שטיין צודריקט און דעם צווייטן גע׳הרג׳עט נאָך עטלאַכע מינוטן נאָכיאָגן.

מיר האָבן זיך ווידער אויסגעצויגן אויפ׳ן גראָז. מישקאַ האָט גענומען עפּעס דערציילן וועגן שלאַנגען. די ערשטע פּאָר מינוטן האָב איך זיך נאָך איינגעהערט אין זיינע רייד, גיך אָבער בין איך אַנדרעמלט געוואָרן אַ לייכט־פאַרטויבטער פון דער היץ און טויזנטער קלאַנגען פון די פאַרשיידענע פליגן און היישעריקן אין אַרומיקן גראָז. גיך איז אויך מישקאַ אַנטשוויגן געוואָרן און איינגעדרעמלט.

פּלוצלונג האָט זיך פון ערגעץ דערטראָגן אַ ווייטער, קוים־הערנדיקער זשומען, וועלכער איז מיט יעדער מינוט אַלץ דייטלאַכער געוואָרן, ביז ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן איין־טאָניק, אויסגעצויגענעם געזאַנג ווי פון אונטער׳ן נאָז. צוערשט האָב איך זיך פון אָרט ניט גערירט, זיך איינגעהערט און געטראַכט, אַז אַזעלכע קלאַנגען דאַרפן קומען פון אַ מין מאָדנע גרויסע פליג אָדער בין (מיט לאַנגע, שפּיציקע וואָנצעלאַך). דערנאָך, ווען די קלאַנגען זיינען שוין געוואָרן פאַרהעלטניסמעסיג קלאָר און נאָענט, האָב איך זיך פאַרוואונדערט אויפגעזעצט.

מישקאַ איז שוין געזעסן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן.

— עס זינגט ווער, ניט אמת?

ער האָט זיך נאָך איינגעהערט אַ ווײַלע און אַ שאָקל געטאָן מיט קאָפּ אויף יאָ:

— עס קומט ווער פון שטאָט... ער איז אַצינד פון יענער זייט בערגל, רעכטס.

— אפשר פאָרן עס קירגיזן?

— ניין, מען הערט ניט קיינע רעדער. איין מענטש גייט.

גיך איז פון אונטער׳ן בערגל רעכטס ערשינען אַ פיגור און באַלד האָבן מיר שוין קלאָר געקאָנט זען, אַז ס׳איז אַ מיטל־יעריקער

קירגיז מיט אַ היבשן פּעקל אויף די פּלייצעס. ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם, רואיק, ווי געציילט די טריט, און געזונגען אונטער'ן נאָז.

— ער גייט אין ריכטונג וואוהין מיר גייען. מען דאַרף אים אַ רוף טאָן.

— רוף!

מישקאַ האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ פייף געטאָן און אויסגע־שריען אויף קירגיזיש:

— עי, כאַן, קום צו אונז, וועסטו זיך אָפּרוען אַביסל.

דער מאַן איז שטיין געבליבן פון ווייטנס און אונז מיט חשד באַטראַכט. און ערשט נאָך דעם, ווי מישקאַ האָט זיך הילכיק צו־לאַכט און אים געהייסן גיין זיין וועג, האָט ער אַ שמייכל געטאָן און גענומען לאַנגזאַם צוגיין.

— דער הונט האָט ביי זיך געלט, — האָט מישקאַ שטיל געזאָגט.

— פון וואַנען ווייסטו עס?

— ווען כ'האָב אים אַ רוף געטאָן, האָט זיך זיין האַנט אַ צי געגעבן צו דער רעכטער זייט ברוסט.

דער קירגיז איז צוגעקומען, אונז באַגריסט און מיט פאַרשנדע בליקן באַטראַכט.

— היים! — האָט מישקאַ אַ זיפץ געטאָן.

— ווי תמיד.

— וואוהין שפּאַנסטו עס אין אַזאַ היץ?

— איך קום פון כאַדזשענט און גיי צו מיינעם אַן אַלטן פריינט, אַק־נאַזאַרן.

מישקאַ האָט זיך דערפרייט:

— אַק־נאַזאַר איז אויך מיינער אַ גוטער פריינט! איך האָב גוט געקענט זיין פאַרשטאָרבענע ווייב און אויך די איצטיקע. דאַכט זיך, זי הייסט פּאַדוא... — ער האָט דערביי אַ וואונק געטאָן צו מיר מיט'ן רעכטן אויג.

דער גאַסט האָט זיך מיט אַמאָל באַרואיקט. ער האָט אַראָפּ־גענומען דאָס פּעקל, זיך צוגעזעצט צו אונז, אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ פּאַפּירל שערבעט (ווייכע צוקערקעס) און אונז מכבד געווען.

— ווי רופט מען דיך?

— אַבדוללאַ.

— וואָס גייסטו עפּעס אַצינד צו אַק־נאַזאַר׳ן?

— גלאַט אַזוי... זיך פאַרביינקט נאָך די פרייע סטעפּעס. נו, און איר ווער זייט?

מישקאַ האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט אַלס אַ פרייען באַסיאַק און מיך — אַלס אַ רוסישן טשינאָווניק און דערביי געפרעגט:

— וואו געפינט זיך איצט אַק־נאַזאַר?

— איין טאָג גאַנג פון דאַנען.

מישקאַ האָט אַ זיפץ געטאָן:

— כ׳האָב געדיינקט, מיר וועלן נאָך היינט ביינאַכט זיין דאָרטן.

— ניין, ערשט מאָרגן מיטאָג־צייט.

— וואָלטן מיר אפשר אויך ביינאַכט געגאַנגען?

— ניין, אונטער קיינע אומשטענדן.

— פאַרוואָס? — האָב איך זיך אָפּגערופן.

אַבדוללאַ׳ס בליק האָט אַ פינקל געטאָן מיט שרעק און זיין שטימע האָט זיך עטוואָס אַראָפּגעלאָזט:

— ווייל מיר דאַרפן דורכגיין אַ גרויס, געדיכט וועלדל... און ביינאַכט גייט „ער" אַמאָל אַרויס פון די קוסטעס און בראָדיעט אויף די וועגן...

עפּעס קאַלטעס, קייל־אַכדיק־שווערעס האָט גענומען זיך דראַפּן איבער מיין פּלייצע. אינסטינקטיוו האָב איך זיך גענומען אַרומ־קוקן.

מישקאַ האָט זיך דערווייל פאַרטיפט מיט אַבדוללאַ׳ן אין אַ געשפּרעך וועגן פערד, וועגן חילוק צווישן אַ גוטן און מיטלמעסיקן

„באַרק", „דזשורדעק", אָדער „דזשוויריק". זיי האָבן גערעדט אויף קירגיזיש, גערעדט שנעל, באַגייסטערט, מיט יעדן טייל פון זייערע קערפּערס. און מיר האָבן זיי אינגאַנצן פאַרגעסן.

* * *

מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער האָבן מיר שוין ווידער געשפּאַנט איבער'ן צוגליטן זאַמד, דורך דער אָנגעהיצטער לופט.

אַבדוללאַ האָט פאַרצויגן זיין פריערדיקן ניגון און אונז פאַר־זיכערט, אַז דער ניגון איז אַ הייליקער, אַ ספּעציעלער וועג־ניגון, וועלכער טרייבט די ערד פון אונטער די פיס, יאָגט שנעלער די צייט, מאַכט דעם וועג לייכטער און זיכערער. מיר האָבן געלאַכט און אים געפּ־וואָוט נאָכזינגען.

אַבדוללאַ איז געווען אַ פריילאַכער יונג. ער האָט געדיינקט אַ שיעור קאָמישע, קירגיזישע מעשה'לאַך און זיך באַמיט וואָס ריכטיקער זיי אונז איבערצוגעבן אויף זיין צובראָכענעם רוסיש. און אַ דאַנק אָט דער אָרימקייט פון זיין שפּראַך האָט ער זיך ביים דערציילן באַנוצט מיט יעדן אבר, יעדער מוסקול פון זיין מאָנגאָ־לישן פּנים האָט זיך געצויגן און צוזאַמענגעדריקט אויף פאַרשיידנ־סטע אופנים און אָנגעפילט זיינע מעשה'לאַך מיט אַ באַזונדערן חן. ער האָט אונז אויך געזונגען אייניקע רוסישע לידלאַך, וועלכע ער האָט אין כאַדזשענט געהערט פון שיכור'ע סאָלדאַטן און דערביי נאָכגעמאַכט זייער גאַנג און דער שיכור'ער אויסגעצויגנקייט אָדער אָפּגעהאַקטקייט פון די ווערטער.

ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן, זיינען מיר צוגעקומען צו אַ געדיכטן וועלדל, וועלכעס איז גאַנץ ווייט אָפּגעלאָפן פון'ם טייך, זיך ברייטלאַך צולייגט און אונז ווי פאַרצאַמט דעם וועג.

— דאָס וועלדל וועלן מיר דורכגיין ערשט מאָרגן פרי, — האָט אַבדוללאַ געזאָגט.

מישקאַ האָט אומצופרידן אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן. איך האָב פאַרשטאַנען און מער ניט איבערגעפרעגט.

מיר האָבן אויסגעקליבן אַ הויכן בערגל ניט ווייט פון דעם וועלדל, אַבדוללאַ האָט פלינק אויפגעבלאָזן אַ פייער, איך מיט מישקאַ'ן זיינען אַוועק אין די קוסטעס זוכן עפּעס אויף וועטשערע.

דאָס וועלדל איז שוין געווען איינגעטונקען אין שאָטנס און די קוסטעס זיינען דאָ געווען הויכע און ברייט צוצווייגטע, ווי בוימער. די קאַמישן זיינען געשטאַנען ווי געדיכטע ווענט פאַר אונז און ניט היימלאַך, באַהאַלטן־שפּאַטיש, געשמייכלט מיט'ן בלאָסן אָפּשיין פון זוניקע פלעקן.

מיר האָבן ביידע געאײַלט, זיך דאָ געפילט ניט היימלאַך. אונטער יעדער קוסט איז אַ געפאַר געלעגן באַוועגלאָז באַהאַלטן און די בויגיקייט פון די קאַמישן האָט געדראָעט מיט אַ טויט־שפּרונג. יעדער פון אונז האָט געהאַלטן זיין רעוואָלווער אין איין האַנט און אין דער צווייטער אַ שטאַרקן קיזיל־שטעקן, מיט אַ דיקן עק. די שיידלאַך פון אונזערע מעסערס, וועלכע האָבן גע־האַנגען אויף אונזערע „קושאַקן", זיינען געווען אָפן. מיר האָבן מקנא געווען אַבדוללאַ'ן, וועלכער זיצט זיך ביים פייער אויפ'ן פרייען סטעפּ און זינגט, מן הסתם, אַ לידל.

באַלד האָט זיך רעכטס דערהערט אַ רויש און אַ יונגע גאַנז האָט זיך דורכגעטראָגן כמעט איבער אונזערע קעפּ. מיר האָבן ביידע אויסגעשאָסן און ניט געטראָפן.

— דו שיסט ווי אַ קעכין! — האָט מישקאַ בייז אַ וואָרטשע געטאָן.

— און דו ווי אַ שוסטער.

מיר זיינען פאַרזיכטיק געגאַנגען ווייטער.

צוויי שלענג, איינע אַ גרוי־גרינע מיט אַ פלאַכן בייזן קאָפּ, די צווייטע מיט העל־רויטע פלעקן אויף דער שוואַרצער פליייצע, האָבן געזוכט אַביסל וואַרימקייט אין אַ זונען־פלעק, אויף אַ קליינער לאָנקע. זיי האָבן דערשפּירט אונזערע טריט און זיינען גלייך פאַר־שוואונדן. גרויע און גרינע זשאַבעס האָבן זיך געהויבן פאַר אונ־זערע טריט און זיינען ווי שווערע, פלאַכע שטיינער געפאַלן אין די קוסטן פון ביידע זייטן. העל־פאַרביקע פויגעלאַך האָבן גע־

פינקלט אין שיין פון די נאָך באַלויכטענע קוסטן־שפּיצן און בוימער. איינס פון זיי אַ העל־גרינס מיט אַ צונטער־רויטן העלזל און בריסטל האָט ווי אַ גרינער, אָדער רויטער בליץ זיך יעדע ווײַלע דורכגע־טראָגן פאַרביי אונזערע אויגן און מיט איר אָפּגעהאַקטן פּיסטשען אונז ווי געוואָרנט קעגן עפּעס.

— זע, מישקאַ, ווי שיין דאָס רויט־גרינע פויגעלע איז!

— גיי צום טײַוול! איך דאַרף האָבן אַ גאַנז.

עפּעס אַ קליין חיה'לע, ווי אַ וועוועריקל, נאָר מיט אַ לאַנגן, ברוינעם אַראָפּהײַנגענדיקן עק, האָט אונז אויפמערקזאַם באַטראַכט פון אַ צווײַג. ס'איז אָבער גלײַך פאַרשוואונדן אין אַ לאָך, ווי נאָר כ'האָב אויפגעהויבן די האַנט מיט'ן רעוואָלווער. ס'האָט דערבײַ אַזוי מאָדנע פאַרהויבן די ליפּן און עטוואָס צוגעמאַכט איין אויגל, פּונקט ווי ס'וואָלט אַ שעלמישן שמייכל געטאָן און געוואָלט זאָגן: מען קען אײַך, פּעטערקע... מיר ווייסן, וואָס איר ווילט אונז אָפּטאָן...

מיר זײַנען אַוועק ווײַטער. גיך האָט מישקאַ געכאַפּט אַ גרויסע טשערעפּאַכע און אין די פּאָר מינוטן, וואָס ער האָט זיך געפּאָרעט מיט איר, וועלנדיק זי מיט אַ שטריקל צובינדן צו זײַן לעדערנעם גאַרטל, בין איך אַוועק אַביסל רעכטס און דערזען צווישן די קוסטעס אַ ווײַסן פלעק. אַ דערפרייטער און דערשראָקענער צוזאַמען בין איך שטיין געבליבן, זיך אײַנגעקוקט און דריי מאָל אויסגעשאָסן אין דעם ווײַסן פלעק. ס'האָט זיך דערהערט אַ גע־שריי פון גענז, אַ פּאַטשן פון פליגל און צוויי גענז זײַנען פאַר־בײַגעפלויגן אין דער לופטן. איך בין צו צום פּלאַץ און געפונען אַ דריטע גאַנז אין בלוט.

* * *

גיך זײַנען מיר שוין אַלע געזעסן אַרום פײַער פרײלאַכע, צו־פרידענע, אין קעסל האָט זיך פון'ם טשערעפּאַכע פלייש געקאָכט אַ זופּ און איבער אַ צווייטן פײַער האָט זיך געפּרעגלט די גאַנז.

די גאַנצע קיך־אַרבייט האָט געטאָן אַבדוללאַ און געטאָן זי אַזוי געשיקט און מיט אַזוי פיל קענטנים, אַז מיר זיינען געזעסן פאַר־גאַפטע פוןביידע זייטן און זיך באַלעקנדיק צוגעקוקט ווי ער פילט אָן די אויסגערייניקטע גאַנז מיט עפּל און קרייטאַכער, וועלכע ער האָט פון זיין פעקל אַרויסגענומען.

ביז דאָס עסן איז פאַרטיק געוואָרן, זיינען מיר אַלע דריי אַוועק צום וועלדל, אָנגעבראָכן צווייגן, געקליבן שטיקער האָלץ און טרוקענע גראָז און אַלעס געשלעפּט צו אונזער בערגל. אַבדוללאַ האָט אונז עטלאַכע מאָל צופרידן אונטערגעטריבן:

— ניט געזשאַלעוועט, קאַזאַקן... וואָס מער האָלץ — אַלץ זיכערער איז... צו אַ גרויסן פייער ביינאַכט וועט „ער" אַליין אפילו ניט וואַגן נאָענט צוקומען... פאַר אַ העלן פייער האָבן אַלע רוחות מורא. אַ פייער ביינאַכט איז הייליק!

מיר האָבן אויפגעפרעסן די גאַנצע גאַנז מיט־די עפּל, ביז אַ טראָפּן אויסגעזופּט דעם געשמאַקן טשערעפּאַכע זופּ און פאַרביסן מיט היבשע שטיקער לאַקום (ווייכע צוקערקעס), וועלכע אַבדוללאַ האָט אַרויסגעשלעפּט פון זיין פעקל.

— דער שאַיטאַן (ניט־גוטער) ווייסט דיך, אַבדוללאַ, — האָט מישקאַ געלאַכט. — ווי קומט צו דיר אין פעקל אַזעלכע גוטע זאַכן? ניט אַנדערש, דו פאָרסט צו אַ פרוי צו גאַסט!

אַבדוללאַ האָט צופרידן געשמייכלט:

— וואָס איז דער אונטערשייד? אַבי ס'איז פאַראַן און ס'איז געשמאַק.

איך האָב געזען נאָכ'ן אויסדרוק פון אַבדוללאַ'ס פּנים, אַז אויב ניט אינגאַנצן, האָט מישקאַ דאָך טיילוויז געטראָפן און אונ־טערגעהאַלטן:

— ניין, אַבדוללאַ, ביסט ניט גערעכט: מיר האָבן זיך גע־טראָפן אין וועג, גייען, עסן און שלאָפן צוזאַמען און כ'האָף, מיר וועלן פאַרבלייבן אויף שטענדיק גוטע פריינט. דאַרפסט זיך ניט היטן פאַר אונז. אויב מישקאַ האָט געטראָפן, זאָג, שעם זיך ניט. וועלן מיר דיר ווינטשן גליק!

אבדוללא׳ס פּנים איז זיך אינגאַנצן צעשוואומען אין אַ גליק־לאַכן שמייכל און אַפלעקנדיק די פינגער פון׳ם לאַקום, האָט ער פאַרשעמט געענטפערט:

— גוט, כ׳וועל אייך דערציילן.

איך האָב אַ נייגעריקער אונטערגעכאַפּט:

— אָבער אַלעס, פריינט, מוזטו דערציילן. מיר ווילן וויסן ניט נאָר וואוהין דו פאָרסט אַצינד, נאָר אויך דיין גאַנצן לעבן...— איך האָב אַ וואונק געטאָן צו מישקאַ׳ן, ער זאָל מיר אַרויסהעלפן.

— דערצייל, אבדוללא, — האָט ער אים אַ שטורכע געגעבן.— קירגיזישע לעבנס זיינען ווי די האָר אויף אַ הינטישער פעל: אַלע די זעלבע. אָבער דערצייל, אפשר וועט דיין געשיכטע זיין אביסל אינטערעסאַנטער.

אבדוללא האָט לאַנגזאַם געמאַכט זיין פּיפּקע, זי אָנגעצונדן, געזעסן עטלאַכע מינוטן פאַרטראַכט און די גאַנצע צייט ניט אָפּגעווענדעט זיין בליק פון די גליענדיקע קוילן. דערנאָך האָט ער גענומען שטיל דערציילן און זיין קול איז ווי גאָר אַן אַנדערער געוואָרן. די פּאָר פריילאַך־גרילצנדיקע טענער פון אַ גאַנצן טאָג זיינען פאַרשוואונדן און זיין שטימע איז רואיק געפאַלן פון זיין האַלז אין טרויעריקע קנייטשן און איז געווען ווי איינגעוויקלט אין סאַמעט. עפּעס גאָר אַן אַנדער שטימע. זיין אַרט דערציילן איז אויך געווען אַ מאָדנע. ער האָט ניט גלאַט דערציילט, נאָר אימיצן געשטעלט קשיות און זיי אַליין פאַרענטפערט, אימיצן באַשולדיגט און אים גלייך פאַרטיידיקט, אויף ווען מיט אַ שאַרפן מעסער אין האַנט אָנגעפאַלן און אים מיט זיין אייגענער ברוסט פאַרשטעלט.

— יאָ, איך בין געבוירן געוואָרן... וואו ווערט געבוירן אַ קירגיז? — אין סטעפּ נעבן אַ קעמל, אונטער׳ן גרילצנדן ברומען פון אַן אייזל, אָדער גאָר אין אַ קיביטקע ווען זי שלעפּט זיך סקריפּנדיק פון איין אָרט אויפ׳ן צווייטן... האָט דער אַלמעכטיקער אַללאַ געוואוסט פון מיין געבוירן ווערען, געבענטשט מיין קומען אין די סטעפּעס? ! — ניין, כ׳בין זיכער, אַז ניט: ער האָט פאַר

מיין גאַנצן לעבן מיט קיין איינציקן סימן ניט אַרויסגעוויזן, אַז ער ווייסט און קימערט זיך וועגן מיר... מיין פאָטער איז געווען אָרים. אַז אַ קירגיזישע פאַמיליע פון פינף מענטשן זאָלן קאָנען לעבן, מוזן זיי האָבן ניט ווייניקער ווי 12 פערד, 10 בהמות, 25 שאָף, 2 פּאָר אָקסן און אַ פּאָר קעמלען. אונזער פאַמיליע איז באַשטאַנען פון זיבען מענטשן און פאַרמאָגט האָבן מיר קוים האַלב פון דער נויטיקער צאָל בהמות... זומער־צייט זיינען מיר נאָך ווי עס איז דורכגעקומען, אָבער ווינטער געהונגערט ווי די וועלף. ווען כ'בין אונטערגעוואַקסן, האָט מען מיך אָפּגעגעבן צו איזאַר־בעי פון כאַדזשענט אין זיין זיידן־קראָם. ביז 15 יאָר האָב איך געאַרבעט פאַר'ן עסן און פאַר די שמאַטעס, אין וועלכע מיין קערפּער איז געווען איינגעוויקלט. פון 15 ביז 30 יאָר האָב איך געזאַמעלט געלט אויף צו קויפן זיך אַ ווייב. כ'האָב געריסן דעם ביסן פון מויל, געטראָגן אַלטע קליידער, אַלץ געזאַמלט, געזאַמלט און אַלע נאַכט גע'חלומ'ט פון איר... 500 קערבלאַך האָב איך פאַר מיין כלה באַצאָלט און ווערט איז זי געווען דריי מאָל אַזוי פיל... כ'האָב אַ קליין הייזל געדונגען, עס שיין אויסגעפּוצט און מיינע נעכט זיינען אין אַ גן־עדן פאַרוואַנדלט געוואָרן. אַלע פרימאָרגן און פאַרנאַכט פלעג איך דאַנקען אַללאַ, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם קליינעם אַבדוללאַ און אים מיט אַמאָל אַזאַ גרויס גליק צוגעשיקט. דריי יאָר האָט מיין גליק געדויערט. דריי יאָר און פיר און צוואַנציג טעג. פונקט פיר און צוואַנציג טעג. דעם גרויסן אַללאַ איז, ווי ס'ווייזט אויס, פאַרדראָסיק געוואָרן אַבדוללאַ'ס גליק... פאַרוואָס קומט אים, דעם נישטיקן אַבדוללאַ'ן, אַזאַ שיין, שטיל און צערטלאַך ווייב? וואָס איז ער, אַ שעיך, אָדער גאָר אַ קאַליף? און ער האָט זי ביי מיר צוגענומען... זי אין מיינע הענט געטויטעט... דאָס אַלעס. אוים גליק, אוים צערטלאַכקייטן, אוים שטילע געזאַנגען, אוים אַלעס, אוים... צענדליקע בייזע גייסטער האָבן זיך באַזעצט אין מיר, דער שלאָף איז פאַרשוואונדן פון מיינע נעכט, כ'האָב זיך געוואַלגערט אויף איר געלעגער און געוואָיעט ווי אַ הונט אין אַ פראָסטיקער נאַכט... זעקס חדשים זיינען אַזעלכע

פּאַראַיבער. דערנאָך האָב איך ווידער גענומען זאַמלען געלט זיך אַ צווייטע ווייב צו קויפן. כ'האָב זיך אַ קלייט פון געטריקנטע פּרוכטן געעפנט און גענומען בעסער פאַרדינען. פיר יאָר זיינען שוין פאַראיבער און אצינד... אצינד גיי איך צו אַק־נאַזאַר'ן, וועל־כער האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז זיינער אַ פריינט האָט אַ טאָכטער, וועלכע וועט קאָנען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון מיין פאַרשטאָרבענער פרוי... און אָט גיי איך אצינד, גיי, זינג, און טראַכט און אָפּט ווילט זיך מיר וויינען... פאַר'ן לאָזן זיך אין וועג אַריין, בין איך אין מעטשעט געגאַנגען, געפאַלן מיט'ן פּנים צו דער ערד און אַזוי לאַנג געלעגן ביז אַללאַ האָט מיר זיין צייכן געגעבן, אַז ער וועט שוין מער ניט שטערן דעם אָרימן אַבדוללאַ'ס גליק. — —

ער איז אַנשוויגן געוואָרן, אָנגעשטריינגט זיך איינגעקוקט אין די גליענדיקע קוילן און אַלע מאָל מעכאַניש צונויפגעדריקט די ליפּן און געצויגן דאָס קאַלטע פּיסקל פון זיין לאַנג פאַרלאָשענער ליולקע.

איך בין געווען גערירט מיט דער איינפאַכקייט און טיפקייט פון אַבדוללאַ'ס ליידן, מיט דער שיינקייט און צאַרטקייט פון זיין ליבע. אַפילו מישקאַ איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער.

און אַבדוללאַ האָט באַלד גענומען זינגען אַ קירגיזיש טרויעריק לידל פון אַ פאַרלאָזענעם געליבטן. אין זיין קול האָבן געקלונגען טרערן:

געליבטע מיינע, וואוהין ביסטו פאַרשוואונדן? האַ, האַ, האַ...
דיינע שטענדיק היים און רויטע ליפּן זיינען קאַלט און בלוי,
און ווי צודריקטע טויטע קינדער
וואַלגערן זיך אונזערע קושן...
געליבטע, דיינע בליקן, ווי בלויע פרימאָרגן נעבלען
בלאַנדזשען אַרום אין מיין נשמה,
און דיין שטילער געלעכטער קלינגט אצינד
ווי אַ יונגער זונען שטראַל אויף אַ פריש פאַרשאָטענעם קבר — האַ, האַ, האַ.
געליבטע, מיט די שאַרפע ציין פון די גיפטיקסטע קלאַפּער־שלאַנגען
האָסטו אָנגעפילט מיין ווייך געלעגער,
און מיין האַרץ אַרומגעוויקלט
מיט שלאַנגען לייבער...
געליבטע, קער מיר אום צוריק דאָס גליק פון מיינע נעכט,
די רו און פרייד פון מיינע טעג, —
געליבטע מיינע, האַ, האַ, האַ.

מיט אמאָל, אויפ׳ן לעצטן הויך אויסגעצויגענעם „האָ” האָט זיך די ליד אָפּגעהאַקט. אבדוללא איז צו זיך געקומען און אונז ניט זיכער און פארשעמט אָנגעקוקט.

איך האָב פריינטלאך אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל:

— אללא וועט העלפן, אבדוללא, וועסט נאָך זיין גליקלאך!

מישקא האָט אַרויסגעשלעפּט פון׳ם פייער א ברענענדיק צווייגל און גענומען פאררויכערן זיין ציגאַרקע.

— עך, צו וואָס פאַר א שווארץ יאָר טויגן מיר אָן פרויען? ווען זיי זיינען ניט אזוי שווער, וואָלט איך צוויי שטענדיק מיט זיך אין די קעשענעס געטראָגן.

— און קיין איינע ניט אין הארצן! — האָט אבדוללא טרויעריק צוגעגעבן.

כ׳האָב א קוק געטאָן אַרום און ערשט אַצינד באַמערקט, ווי דראָענדיק שווארץ די נאַכט איז. א ים מיט געדיכטער, באַוועג־לאָזער פינסטערניש און אין מיטן א פייערל און אַרום דעם דריי קליינע מענטשעלאך.

אויפ׳ן הארצן איז געוואָרן אזוי אומעטיק פריילאך, אזוי שרעקעדיק־ווארים. דריי קליינע, פון דער נאַטור די שוצלאָזסטע, באַשעפענישן זיצן אליין ביינאַכט אין סטעפּ ביי א פייער און אַרום זיי שטופּט זיך מיט אירע מיליאָנען שאָטנס די מיליאָנען־יאָריקע נאַכט, מיט א מעכטיקן וואונטש אלעם אין איר פינסטערניש צו פארשלינגען... אָבער די דריי מענטשעלאך האָבן א פייער צו־בלאָזן און לאַכן זיך אויס פון דער צאַרנדיקער נאַכט, פון אירע דראָענדיקע שאָטנס...

* * *

מישקא האָט ווייט א וואָרף געטאָן פון זיך זיין ציגאַרקע:

— שוין שפּעט. מען דאַרף זיך לעגן שלאָפן.

אבדוללא האָט א זיפץ געטאָן, זיך אויפגעהויבן, פארשטעלט

די אויגן מיט יעדע ריידע הענט פונ׳ם פייער, זיך איינגעקוקט אין וועלדל ניט ווייט און אומצופרידן א שאָקל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— דאָס פּלאַץ איז ניט קיין איבעריג זיכערעס... מען וועט מוזן האַלטן וואך א גאַנצע נאַכט.

— גוט! — האָט מישקאַ געענטפערט, אַפּמעסטנדיק מיט׳ן בליק די שטרעקע פונ׳ם וועלדל ביז׳ן פייער. — איך בין זיכער, עס וועט גאָר ניט געשען, אָבער האַלטן וואך קאָן סיי ווי ניט שאַטן. אָט וועלן מיר טאָקע זען, ווער עס וועט זיין דער ערשטער וועכטער.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער קופּע אָנגעוואָרפענע צווייגן און שטיקעל האָלץ א לאַנגן שטעקן. איך און אַבדולאַ האָבן אָפּגעטראָטן אביסל אויף צוריק. מישקאַ האָט א וואָרף געטאָן דעם שטעקן, ניט הויך, אין דער לופטן. איך בין צוגעשפּרונגען און דער ערשטער מיט איין האַנט אים אָנגעכאַפּט ביי זיין אונטערשטן עק. מישקאַ האָט מיט זיין האַנט אַרומגענומען דעם שטעקן הארט איבער מיינער. אַבדולאַ איבער זיינער. אזוי האָבן מיר פיר מאָל געביטן די הענט ביז דער שטעקן האָט זיך געענדיקט. גאָר אויבן איז אויסגעקומען מיין האַנט, נאָך איר מישקאַ׳ס, נאָכער אַבדולאַ׳ס.

דאָס האָט געמיינט, איך דאַרף דער ערשטער שטיין אויף דער וואך צוויי שעה, נאָך מיר מישקאַ און דער לעצטער אַבדולאַ.

איך האָב דורכגעקוקט מיין רעוואָלווער, פאַרנומען מיין קאָל־דרע און מישקאַ׳ס טאַרבעלע מיט טיטון און זיין ליולקע.

— דו זעץ זיך אויפ׳ן שפּיץ פון אונזער בערגל, — האָט מיר אַבדולאַ געהייסן, — מיט דער פּלייצע צום פייער און מיט׳ן פּנים צום וועלדל. די שטראַלן פונ׳ם פייער באַלייכטן א שטיק פּלאַץ אַרום. היט דאָס וועלדל און דאָס פייער... באַלד עפּעס — שיס אויס. און געדיינק, אין פאַל פון אן אומגליק, ווען „ער“ אַליין באַווייזט זיך, איז א שטיק ברענענדיק האָלץ א פיל שטאַרקערע וואפע אפילו פון א האַרמאַט...

— דריי ניט קיין קאָפּ! — האָט מישקאַ אומצופרידן באַמערקט. — קיינער וועט ניט קומען!

— כ'בין זיכער אז ניט, — האָט אבדוללאַ אַ שמייכל געטאָן.
— אָבער פאַרבאַרייטעט דאַרף מען זיין.

איך האָב זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן שפּיץ פון אונזער בערגל, זיך איינגעוויקלט אין מיין קאָלדרע, אוועקגעלייגט דעם רעוואָלווער אויף די קני און גענומען אָנשטאָפּן די ליולקע. מישקאַ און אבדוללאַ'ן האָבן זיך איינגעוויקלט אין זייערע קאָלדרעס און זיך אוועקגעלייגט ביים פייער. מישקאַ איז גלייך איינגעשלאָפן. אבדוללאַ האָט זיך נאָך לאַנג געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, געזיפצט, געהוסט און יעדעס מאָל ווען כ'האָב זיך ארומגעקוקט צו אים, האָב איך געטראָפן זיין בליק געווענדעט צום הימל.

איך האָב זיך איינגעקוקט אין וועלדל, פויל געוויכערט און געטראַכט וועגן אבדוללאַ'ן:

וואָס פאַר אַ פּאָעטיש פאָלק די קירגיזן זיינען. ווער קען זיי, ווער ווייסט זיי? קירגיזן, האַלב־ווילדע סטעפּען איינוואוינער... מיט וויפיל נשמה און אמת'ער פּאָעזיע זיינען דורכגעדרונגען זייערע לידער, וואָס פאַר אַ קוואַלן פון צערטלאַכקייט עס שלאָגן פון זיי.

> דיינע בליקן ווי בלויע פרימאַרגן נעבלען
> בלאָנדזשען ארום אין מיין נשמה,
> און דיין שטילער געלעכטער קלינגט אַציִנד
> ווי אַ יונגער זונען־שטראַל אויף אַ פריש פאַרשאָטענעם קבר...

האַלב־ווילדע קירגיזן... וויפיל פון אונזערע הויך־אַנטוויקלטע אייראָפּייער קאָנען זיך באַרימען מיט אַזעלכע צאַרטע נשמות ווי אבדוללאַ'ס, מיט אַזאַ פאַרהייליקונג פון דער ליבע און פון דער פרוי? ! אבדוללאַ איז ניט געגאַנגען שטילן זיין ליידנשאַפט אין די „ברייטע הויפן" (אויסגעלאַסענע הייזער), נאָר פופצן יאָר געזאַמלט געלט, זיך אָפּט אָפּזאָגנדיק פונ'ם סאַמע נויטיקסטן, כדי זיך אַ שיינע ווייב צו קויפן...

ביים ראַנד פון וועלדל איז אַ ווייסער פלעק ערשינען. כ'האָב אויפגעציטערט און זיך גענומען איינקוקן. דער ווייסער פלעק איז געשטאַנען אַ ווייַלע באַוועגלאָז, דערנאָך זיך ווייך אַ ציִ געטאָן אין דער הויך, ווי אַ שפּרונג געגעבן איבער אַ קוסט און פאַרשוואונדן,

גלייך ווי כ'האָב אַרויסגענומען די זיך־רויכערנדיקע פּיפּקע פון מויל. כ'האָב דורכגעריבן די אויגן און זיך ווידער גענומען איינקוקן. פּלוצלונג האָב איך באַמערקט דעם ווייסן פלעג שוין צווישן ווערדל און אונזער ברעגל. ער האָט זיך באַוועגט לאַנגזאַם, זיך הויבנדיק און אַראָפּלאָזנדיק, ווערנדיק יעדעס מאָל בולט'ער און גלייך צו־שווימענדיק זיך.

כ'האָב אַ כאַפּ געטאָן מיין רעוואָלווער און בין שוין פּאַרטיק געווען אויסצושיסן אין דעם ווייסן פלעק, ווי מיין בליק איז אויף אַ סעקונדע געפאַלן אויף מיין פּיפּקע, וועלכע האָט זיך רואיק גע־רויכערט אין מיין לינקער האַנט. כ'האָב אַראָפּגעלאָזט די ליולקע אויפ'ן גראָז און דער ווייסער פלעק אין מיטן וועג צווישן ווערדל און ברעגל האָט זיך אַ הויב געטאָן און איז גלייך פאַרשוואונדן. כ'האָב זיך צולאַכט. דאָס האָבן די וואָלקנדלאַך רויך פון מיין ליולקע זיך קרייזלנדיק פאַר מיין אויג אַזוי בייז אויסגעלאַכט.

דאָס ווערדל ניט ווייט האָט זיך ווי אָפּגערוקט ווייטער, זיך צוזאַמענגעדריקט, דראָענד געקוקט צו אונזער ברעגל און געטריבן פון זיך דעם אָפּשיין פון אונזער פייער ,וועלכער האָט זיך שפּיציק צוהוליעט איבער דער גאַנצער געגנט אַרום. ווי אַ בייז, צוזאַמענ־געדריקט, פאַרוואַקסן מויל האָט דאָס ווערדל אויסגעזען, אַ מויל, וועלכער, זיך עפענענדיק, וועט אַ שפּיי טאָן אויף אונזער ברעגל מיט טויטלאַכער געפאַר.

כ'האָב גענומען טראַכטן וועגן אַק־נאַזאַר'ן, ביי וועמען מיר האָבן באַשלאָסן צו שטיין אַ וואָך צייט. לאַנג זיך אָבער אָפּשטעלן אויף אים איז ניט געווען וואָס: מן הסתם אַ קירגיז ווי אַלע קירגיזן. ס'האָט מיך אָבער געצויגן צו טראַכטן פון זיין אינגערער ווייב, וועגן וועלכער מישקאַ האָט אַזוי פיל דערציילט.

וועגן אַק־נאַזאַר'ן האָב איך געוואוסט, אַז ער איז 53 יאָר אַלט, הינקט שטאַרק אויפ'ן רעכטן פוס, שיסט נאָך אויסגעצייכנט פון פייל און בויגן און איז אַ ליידנשאַפטלאַכער ליבהאָבער פון רייט־פערד. די ערשטע ווייב, 33 יאָר, איז דאַר און מיאוס, די צווייטע, 28 יאָר, איז הויך, פעט און שיין, אָבער איר פּנים איז אַ באַוועג

לאזער און דער אויסדרוק איז ענלאך צו א שאף. דריי זאכן האט זי ליב: עסן, זיך וואלגערן גאנצע טעג אין בעט און מענער. ווען אק-נאזאר איז אין דער היים ניטא, גיט זי זיך איבער יעדן מאן, ווער עס פוילט זיך נאר ניט אויסצושטרעקן נאך איר די הענט.

— זי האט אויך שכל פונקט ווי א שאף, — האט מישקא גע־לאכט, — דערפאר אבער, ברודערקע, האט זי עס אביסל פסיכא־פאטאלאגיע, אביסעלע טייערן ספּירישואליזם, אז דו מעגסט אויס־פארן א וועלט, ועסטו עס ניט קריגן!

* * *

כ'האב זיך פארטרוימט און פארגעסן אן דער צייט. דער זייגער איז געווען האלב נאך צען, ווען כ'האב מישקא'ן אויפגע־וועקט. צוערשט האט ער אינגאנצן ניט געוואוסט, וואו ער גע־פינט זיך, מיך געשיקט צו אלדע רוחות און מיר אלץ געוואלט דער־לאנגען מיט די פיס אין פנים אריין. ענדליך האט ער זיך אויס־געטשוכעט און זיך גענומען בעטען, כ'זאל אים כאטש נאך א צען מינוטן לאזן כאפן א דרעמל. כ'האב אים געוויזן דעם זייגער. ער האט ווען געשיקט א קללה אין דער נאכט אריין און, זיך ניט אויפשטעלנדיק, ארויפגעקראכן אויפ'ן שפּיץ פון אונזער בערגל. ער האט זיך אוועקגעזעצט, ארויפגעצויגן אויף זיך די קאלדרע און גענומען רייניקן די פּיפּקע, ניט אויפהערנדיק צו וואָרטשען.

כ'האב צורעכט געמאכט דאס פייער, ארויפגעלייגט אביסל האלץ און זיך איינגעוויקלט אין מיין קאלדרע. אבדוללא איז נאך אלץ ניט געשלאפן. ער איז געלעגן מיט'ן פנים ארויף, געקוקט אויף די שטערן, וועלכע האבן פונ'ם פייער אנגענומען א רויטלאכן אפּ־שיין, און יעדעס מאל, ווען איך האב אויסגעדרייט צו אים דעם קאפּ, האט ער פארמאכט די אויגן.

— שלאף איין, אבדוללא, דארפסט באלד פארנעמען די וואך!

ער האט ניט געענטפערט.

איך האב זיך ענגער איינגעוויקלט אין דער קאלדרע און מיט פארגעניגן א זאג געטאן:

— עי, מישקא, זע, שלאף דארטן ניט איין!

— שוויג, אָדער כ׳וועל דיר באַלד אַלע ציין אויסזעצן!

„אַ טייערער בחור, מישקאַ״, האָב איך שמייכלענדיק געטראַכט, פילנדיק ווי די וואַרעמקייט נעמט מיך אַרום, דרינגט אַריין אין יעדן אבער און כ׳ווער אײַנגאַנצן אַזוי גרינג, אַז כ׳הויב זיך לײַכט אין דער לופטן.

אַביסל שפּעטער האָב איך, דורכ׳ן שלאָף, געהערט, ווי מישקאַ וועקט אַבדוללאַ׳ן, ווי זיי ריידן עפּעס צווישן זיך, דערנאָך האָב איך געפילט, ווי ס׳האָט אימיצער אַרויפגעלייגט אויפ׳ן פייער עטלאַכע שייטלאַך האָלץ און צו מיר האָט זיך דערטראָגן מישקאַ׳ס צו־פרידן קול:

— אַך, אַ רוח אין אייער טאַטן אַריין, ווי גוט ס׳איז איינ־צושלאָפן!

ס׳איז געוואָרן שטיל.

ווי לאַנג די שטילקייט האָט אָנגעהאַלטן, ווייס איך ניט: מעג־לאַך פינף מינוטן און מעגלאַך אַ גאַנצע שעה.

פּלוצלונג האָב איך אונטער זיך דערהערט אַ וויכן, שווערן קלאַפּ, אַ שוידערלאַכן אויסגעשריי און גלייך נאָך אים אַ בייזן מורמלען, פּונקט ווי אַ פּאָר צענדליק קעץ וואָלטן ביי דער זייט געשטאַנען און געשנאָרכעט.

„אַ טיגער״!״ האָט עפּעס אין מיר אַ געשריי געטאָן, און כ׳האָב זיך אַ ריס געגעבן פאָראויס.

דאָס ערשטע האָט מיר אַ שיין געטאָן אין די אויגן דאָס פייער און כ׳האָב זיך באַגעגנט מיט מישקאַ׳ס בלייכן פּנים און זיינע איבערגעשראָקענע אויגן.

— ער! — האָט מישקאַ אַ זאָג געטאָן. איך האָב זיך גיכער אָנגעשטויסן ווי געהערט זיינע ווערטער. מיר האָבן ביידע מיט אַמאָל אויסגעדרייט די קעפּ צום שפּיץ פון בערגל.

אַבדוללאַ איז דאָרטן ניט געווען. זיין קאָלדרע, מיט אַ טיפן ריס אינמיטן, איז געלעגן ביי דער זייט.

כ׳האָב אַ כאַפּ געטאָן מיין רעוואָלווער און זיך ניט צילנדיק

אויסגעשאָסן צום שפּיץ פון בערגל. מישקא האָט מיך גלייך אָפּ־געשטעלט:

— ליידיק ניט אויס דעם רעוואָלווער!

ציטערנדיק מיט יעדן אבר זיינען מיר אויף די בייכער פאַר־זיכטיק צוגעקראָכן צום פּלאַץ, וואו אבדוללא איז פריער געזעסן און אריבערגעקוקט צום וועלדל.

א שווערע, טונקעלע מאַסע האָט, וואָרטשנדיק, זיך לאנגזאַם גערוקט צום וועלדל. איינקוקנדיק זיך האָט מען געקאָנט באַ־מערקן, ווי איין קערפּער, א קיילאכדיקער, א ליכטיקערער, באַ־וועגט זיך פאָראויס, און דער צווייטער, א טונקעלער, א לאנגלאכער, שלעפּט זיך אים נאָך.

איך האָב צוויי מאָל אויסגעשאָסן. דאָס וואָרטשען פון יענער זייט איז געוואָרן העכער און דראָענדיקער. מישקא האָט מיך דערשראָקן א כאַפּ געגעבן פאַר׳ן האנט:

— הער אויף, דו משוגע׳נער!

—מישקא!

איך האָב א קוק געטאָן אויף אים און באַגעגנט זיין פעסטן, רואיקן בליק.

— ער איז סיי ווי פאַרפאַלן!

— וואָס, ווען דו ביסט דאָרטן?

ער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ.

די טונקעלע וואָרטשנדיקע מאַסע איז שוין געווען ניט ווייט פון׳ם וועלדל. מיין בליק איז געפאַלן אויפ׳ן פייער און ס׳האָט אין מיר אָפּגעקלונגען אבדוללא׳ס ווערטער: „און געדיינקט, אין פאַל פון אן אומגליק, ווען ער אליין באַווייזט זיך, איז א שטיק ברענענדיק האָלץ א שטאַרקערע וואָפע אפילו פון א הארמאַט".

— מישקא!

ער האָט אומצופרידן אויסגעדרייט צו מיר דעם קאָפּ.

איך האָב אים אָנגעוויזן אויפ׳ן פייער.

זיין בליק איז נאָך בייזער און שטרייגער געוואָרן, אָבער מיט אמאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן פונ׳ם פּלאַץ, איז צוגעלאָפן צום

פייער און אַרויסגעשלעפּט אַ פלאַקערדיק שייטל הלאַץ. איך בין אים נאָכגעגאַנגען און אַרויסגעשלעפּט דאָס צווייטע.

די טונקעלע מאַסע איז שוין געווען גאָר נאָענט פונ׳ם וועלדל. דאָס דראָענדיקע וואָרטשען איז אַנטשוויגן געוואָרן.

און פּלוצלונג האָט מישקאַ מיט׳ן גאַנצן קערפּער זיך אַ צי געטאָן אַרויף, אַ וואָרף געגעבן ביידע הענט פאָראויס און אַ רעווע געטאָן אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין.

— האַ־האַ־האַ!!!

און אַ ווילדער שרעק מיט אַ קאַמפס פרייד געמישט האָט אויפגערודערט די גאַנצע סטעפּ. און יעדער מייל פון די מיליאָנען מיילן פון אַלע פיר זייטן, יעדער שטיין, בערגל און גרעזל האָבן אויפגעלעבט און הילכיק אָפּגעענטפערט. אַלעס אַרום האָט זיך ווי גענומען באַוועגן און זיך שטורמיש טראָגן מיט אונז צוזאַמען אַהין, צו דער טונקעלער מאַסע, וואָס ביים וועלדל.

און איך האָב נאָכגעשריען, נאָכגערעוועט, אַליין ניט דער־קענענדיק מיין אייגן קול, געפילט, אַז איך בין ניט מער „איך", אַז כ׳בין אַ שטיק ווילדע סטעפּ, אַ שטיק בלוטדורשטיקייט, אַז דאָ ניט ווייט געפינט זיך מיין פיינט און כ׳מוז זיך גלייך מיט די ציין און נעגל אין אים איינבייסן...

מיר האָבן זיך געטראָגן באַרג אַראָפּ.

און פון הינטן זיינען מיט הילכיקע אויסגעשרייען און משונה־דיק־אויסגעקרימטע פּנים׳ער אונז נאָכגעלאָפן די טויזנט־אַרטיקע סטעפּ־באַשעפענישן צוזאַמען מיט די נאַכט שאָטנס און געריסן די טריט פון אונטער אונזערע פיס.

— האַ־האַ־האַ!!!

און די שוואַרצע מאַסע איז שוין ביים סאַמע ראַנד פון וועלדל געווען. פאַר אונז האָבן אַ בליץ געגעבן צוויי גרויסע, גרין־ברע־נענדיקע אויגן. עס האָבן אַ בלענד געטאָן ווייס־שטשירנדיקע ציין, און אַ גרויסער געלבלאַכער קערפּער מיט געלע און שוואַרצע פּאַסן האָט זיך דראָענד געהויבן און אַראָפּגעלאָזן.

און מיר האָבן זיך שוין ניט געקאָנט צוריקהאַלטן. מיט ווילדע

געשרייען, הילכיק שיסנדיק, האָבן מיר זיך געטראָגן גלייך אויף די גרין פינקלענדיקע אויגן.

א שרעקלאכער ברומען האָט זיך פּלוצלונג מיט אונזערע געשרייען צוזאמענגעגאָסן און אַליין ניט ווייסנדיק וואָס איך טו, האָב איך מיט אַלע כחות א וואָרף געטאָן מיין שייטל ברענענדיק האָלץ אויפ׳ן בלוטיג אָפענעם מויל.

און דאָס פלאַקערנדיקע שייטל האָלץ איז געפאַלן אויפ׳ן לאַנגלאָכן קערפּער פאַר׳ן רויטן מויל און א רעגן געטאָן מיט פונקען. און דער טיגער האָט געגעבן א מורא׳דיקן קאַצן־ברום, זיך א דרייאוים געגעבן און מיט איין שפּרונג פאַרשוואונדן אין וועלדל.

ווילד זיינען מיר ביידע פאַרבייגעלאָפן אבדוללא׳ס קערפּער און אריין צווישן די קוסטן. דאָ האָט מיך מישקא א כאַפּ געטאָן פאַר׳ן האנט און מיר זיינען ביידע געקומען צו זיך. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט א ווײַלע און מיט אמאָל דערפילט, אז מיר זיינען לעבעדיקע מענטשן, אז ווייטער גיין איז געפערלאך און האָט קיין זין ניט.

מיר זיינען ארוים פונ׳ם וועלדל. איך האָב אראָפּגעכאַפּט מיין ברענענדיק שייטל האָלץ פון אבדוללא׳ס בויך און באַמערקט ווי שוידערלאַך ער האט אויסגעזעזן: דער קאָפּ האָט זיך געהאַלטן אויף עטלאַכע אָדערן, ווי אויף שטריקלאַך און די גאַנצע לינקע זייט ברוסט איז געווען אויסגעריסן. אין דער רעכטער האנט האָט ער נאָך געהאַלטן צוזאמענגעדריקט דעם רעוואָלווער.

מיר האָבן אים א נעם געטאָן פאַר די פיס און שנעל גענומען שלעפּן צום בערגל. מיר האָבן אים געשלעפּט און נאָך אים האָט זיך איבער׳ן גרויען זאמד, באַלויכטענעם מיט׳ן שיין פון אונזערע צוויי ברענענדיקע שייטלאַך האָלץ, געצויגן א ברייטער פאַס בלוט און שטיקער איינגעווייד.

ווען מיר האָבן אים אוועקגעלייגט נעבן פייער איז שוין זיין קאָפּ אינגאַנצן ניט געווען אויפ׳ן האלז. ער איז געבליבן ערגעץ וואו אויפ׳ן וועג. מיר האָבן איבערגעדעקט דעם קערפּער מיט א קאָלדרע און גרעסער געמאַכט דעם פייער.

כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף מישקאַ׳ן, אים געוואָלט טעפּעס זאָגן, אָבער פּלוצלונג דערפילט, אַז כ׳קאָן ניט ריידן, אַז עפּעס איז לײדיק אין מיין ברוסט, אַז מיין האַלז איז ווי אַ ברייטע, גלאַטע רער, אָנגעזאַפּטע מיט קעלט. אין קאָפּ האָט געדרוישט, יעדער אבר איז ווי געהאַנגען באַזונדער.

אפנים מישקאַ האָט געפילט דאָס זעלבע: ער האָט עטלאַכע מאָל געוואָרפן אויף מיר מאָדנע בליקן און גאָרניט געזאָגט.

דערנאָך האָבן מיר זיך ביידע אָוועקגעזעצט אויפ׳ן שפּיץ בערגל זיך איינגעהילט אין די קאָלדרעס, אָוועקגעלייגט אויף די קני אונזערע רעוואָלווערן און ביי דער זייט אָוועקגעשטעלט אַן אָפענע פּושקע מיט קוילן. דעם פייער האָט מישקאַ פאַרגרעסערט און אויסגעלייגט די שייטלאַך האַלץ אַזוי, מען זאָל זיי גלייך קענען אַ כאַפּ טאָן, ווען נויטיק.

מיר האָבן געמאַכט און פאַררויכערט ציגאַרקעס, געקוקט צום וועלדל און אָפט געוואָרפן זייטיקע בליקן אויפ׳ן טונקעלן פּאַס בלוט, וועלכער האָט זיך בולט געצויגן אין שיין פון אונזער פייער פון די קוסטעס צום בערגל. און דער בלוטיגער פּאַס האָט אויסגעזען פּונקט אַזוי געפערלאַך ווי דאָס וועלדל, ער האָט ווי אָנגעוויזן דעם וועג איבער וועלכן אַ נייער אָנפאַל האָט יעדע מינוט געקענט קומען

ניט ווייט, פון׳ם בלוטיקן וועג איז געלעגן עטוואָס קיילאַכדיקס און זיך ווי לייכט באַוועגט אונטער די שאָטנס פון׳ם פייער. דאָס איז געווען אבדוללאַ׳ס קאָפּ.

אַזוי שווייגנדיק, רויכערנדיק איין פּיפּקע נאָך דער צווייטער, זיינען מיר אָפּגעזעסן די איבריקע טייל נאַכט. עס האָט שוין גענומען טאָגן, ווען מישקאַ האָט שטיל, שוין מיט זיין געוויינלאַכער, אָבער שטאַרק הייזעריקער שטימע אַ זאָג געטאָן:

— „ער״ וועט שוין ניט צוריקקומען — — —

און איך האָב מיט אַ הייזעריקן, אָבער שוין מיין אייגענעם קול, געענטפערט:

— ניין... ער וועט שוין ניט צוריקקומען! — — —

מישקא האָט זיך איינגעקוקט אין מיר און א טרוקענעם שמייכל געגעבן:

— דו קוקסט אויס ווי א מת...

— דו אויך...

— ווייל מיר זיינעןביידע, דער רוח זאָל אונז נעמען, צוויי עקלהאפטיקע פייגלינגע!

— מעגליך — —

די ווייסע שנייאיקע שפיצן פון די „טשאטקאלער בערג" האָבן זיך מיטאמאָל אָנגעצונדן צונטער־רויט און די נאָך פאר־טונקלטע, שנייאיקע בארג־פעלדער, האָבן פון זיך גענומען ארויס־לאָזן א ווייכן, ראָז־רויטן אָפשיין. און באַלד טאָקע האָבן זיך איבער די באַרג־שפּיצן גענומען שפרייטן גלייכע, שארף־געשניטע־נע שטראָלן.

מישקא האָט פּלוצלונג אַ שליידער געטאָן אָן א זייט זיין ניט דערראויכערטע ציגארקע און צו מיר א זאָג געטאָן:

— עך, דו הינטישער זון, דער שווארצער יאָר זאָל דיך נעמען!

און זאָנדערבאר: זיין זידלעריי, צוזאמען מיט די זונען שטראָלן האָבן מיך ווי אויפגעלעבט. כ'האָב מיט אמאָל דער־פילט, אז איך עקזיסטיר, אז די אברים ווערן מיר צוריק ווייך און בויגיק, און היים בלוט נעמט זיך ווידער יאָגן איבער מיינע אָדערן. ס'האָט זיך מיר פארוואָלט ארומכאַפּן און צודריקן צו זיך אָט דעם טייערן חבר מישקא'ן, וועלכער שילט זיך אזוי האר־ציק, בייזערט זיך אזוי ברידערליך.

און פּלוצלונג האָט זיך אַ שטראָם פייער א ריס געטאָן פון מיין ברוסט, אַ לויב־געזאנג צום אייגענעם לעבן, צו יעדן גרעזל און זעמדל ארום. ס'האָט מיך ווי א הויב געטאָן אין דער לופטן. טרערן האָבן זיך ארויסגעריסן פון מיינע אויגן. כ'האָב אים א כאַפּ געטאָן ביי דער האנט:

— מישקא, פריינד מיין הארציקער, מיר דארפן גאָט דאנ־

קען! קוק: די זון, די בערג, די סטעפּ, די סיר־דאַריאַ — —־
מישקאַ, מיר לעבן דאָך!...

— ביסט אַן עזל! — האָט ער געזאָגט זיך איינקוקנדיק אין מיינע לויפנדיקע טרערן און מיך פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן און צוגע־דריקט צום האַרצן.

די זון האָט זיך אַלץ העכער געהויבן, האָט פריידיק גענומען קייקלען פון איין עק סטעפּ צום צווייטן גאָלדענע רעדער און איבער'ן הימל האָבן זיך בלויע רייטער אויף ווייסע פערד גע־טראָגן, פאַרפילנדיק די לופט מיט זייערע זוניקע געשטאַלטן.

דער טייך האָט געברוינט פון ווייטנס און דאָס וועלדל האָט אַצינד אויסגעזען אַזוי שיטער און אומשולדיק. דער פייער האָט גענומען אויסגיין.

מישקאַ האָט געוואָרפן אַ בליק אויפ'ן צוגעדעקטן קערפּער:

— הער, וואָס וועלן מיר אַצינד מיט אונזער חתן טאָן?

— כ'ווייס ניט... מען דאַרף אים באַגראָבן און אין דער ער־שטער שטאָט מעלדן וועגן דעם.

ער האָט זיך פאַרטראַכט.

— ניין, דאָס איז נאַריש. די גאַנצע געשיכטע קען אויס־קומען פאַרדעכטיק און זיי קענען אונז נאָך אין שטיג פאַרפּאַקן.

— וואָס זשע וועלן מיר פאָרט מיט אים טאָן?

— אים וועלן מיר באַגראָבן, די זאַכן וועלכע מען קען דער־קענען, וועלן מיר אַוועקוואַרפן, די איבעריקע צונעמען.

— און טאָמער האָט ער געלט מיט זיך?

— וועלן מיר עס זיכער ניט לאָזן פאַר אַנדערע...

איך האָב שווייגנדיק צוגעשטימט.

פאָרזיכטיק, אָבער גאַנץ אויפמערקזאַם האָבן מיר דורכגע־זוכט דעם פאַרבלוטיקטן קערפּער, אין דער רעכטער בוזים־קעשענע געפונען 78 קערבלאַך, עטלאַכע ביליקע שטיקלאַך צירונג מיט קאָ־לירטע שטיינדלאַך, אפנים פרעזענטן פאַר דער צוקונפטיגער ווייב. אין זיין פּעקל, אַחוץ געווײנלאַכע וועג־זאַכן, האָבן מיר געפונען אַ פּושקע מיט שערבעט, אַ פּאָר פונט טשאַקאַלאַד און צוויי קליינע

זעקלאך מיט גרינע ראַזשינקעס. אַלץ מתנות פאַר איר.

מישקאַ איז אַראָפּ פונ׳ם בערגל און געבראַכט אבדולאַ׳ס קאָפּ, וועלכער איז געשטאַנען מיט׳ן האַלז אויפ׳ן זאַמד און זיך ווי געקרימט מיט האַלב אָפענע אויגן.

ביז 10 אַזייגער האָבן מיר שווער געאַרבעט מיט אונזער קליי־נער זעג־לאָפּעטקע און מעסערס, ביז ס׳איז אונז געלונגען אויס־צוגראָבן ניט קיין טיפן קבר.

מיר האָבן אַריינגעלייגט אבדולאַ׳ן, אַ זיפּ געטאָן און אים גענומען פאַרשיטן. ווען דער קבר איז שוין געווען באַלד פאַר־שאָטן, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אבדולאַ׳ס קאָפּ האָט מישקאַ אוועקגעלעגט נעבן זיינע פיס. כ׳האָב אים געזאָגט וועגן דעם.

— אַ שאָד... אָבער וואָס איז דער חילוק?!

מיר האָבן פאַרשאָטן דעם קבר און אָנגעוואָרפן פון אויבן טרוקענע זאַמד און קליינע שטיינדלאך.

— אַזוי איז עס! — האָט מישקאַ אַ זאָג געגעבן און ווייט אויסגעשפּיגן פון צווישן די ציין.

מיר האָבן אויפגעמונטערט אונזער האַלב אויסגעלאָשענעם פייער, צוזאַמען אַוועק צום טייך נאָך וואַסער, אויפגעזאָטן טיי, פאַרביסן מיט סוכאַרעס און שערבעט און גענומען מאַכן פּלענער ווי אַזוי ווייטער צו גיין.

פאַר׳ן פאַרלאָזן אונזער בערגל, שוין מיט די פּעקלאַך אויף די פּלייצעס, האָט זיך מישקאַ אַרומגעקוקט, אַריינגעצויגן אַ פולע ברוסט לופט און מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבער׳ן אַקסל:

— אַך, ביסטו אַ פּאַסקודנער „פּולווערי־זאַטאָר״!

און איך האָב אים געענטפערט:

— קום, פּסיכאָפּאַטאָלאָג מיינער!

מיר זיינען אַראָפּ פונ׳ם בערגל און זיך מונטער געלאָזט גיין אין דער ריכטונג צום אייזנבאַן.